STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05781

DRAMATISHE VERK

Jehoshua Alkon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע אלקאן

•

דראמאטישע ווערק

דריי דראמעס:

גאָלד
דער לעצטער אַקט
דער דור פון מאָרגן

יהושע אַלקאָן

דראַמאַטישע ווערק

פאַרלאַג י. ל. פרץ
ישראל
1962

Jehoshua Alkon
DRAMATISHE VERK

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby str., Tel Aviv.

יהושע אַלקאָן / דראַמאַטישע ווערק

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אַלנבי 31

©

קאָפּירייט : דבורה קאַפּלאַן, לאָס אַנדזשעלעס

נדפס בישראל
Printed in Israel 1962

דפוס „אורלי״, יסוד המעלה 27, ת״א, טל. 32062

אַ וואָרט פון דער פאַמיליע:

מיר שאַצן אָפּ די חברישע און קאָלעגיאַלע איבערגעגעבנקייט פון די געטרייע חברים פונעם קאָמיטעט, וואָס האָבן אָוועקגעגעבן אַזוי פיל מי און צייט אויף צו העלפן, אַז דער באַנד מיט די דריי דראַמעס זאָל דערשיינען אין קאָרעקטער אָרדענונג.

יהושע אַלקאָן האָט איבערגעלאָזט אַ גרעסערע צאָל מאַנוסקריפּטן און ס'איז געווען אַ גרויסע אַרבעט צו זוכן און באַשליסן וואָס אויסצוקלייבן צום דרוק.

אין קאָמיטעט זענען אַריין די נאָענטסטע חברים; זיי האָבן עס באַוויזן מיט זייער אַרבעט.

דאַנקען מיר האַרציק און חבריש פאַרן גוטן אויסוואַל די חברים:

זלמן זילבערצווייג, דעם מאָלער מאַי זאָלאָטאַראָוו, יעקב ניומאַן — וואָס האָט אַ גרויסן שייכות צום יידישן וואָרט און ווי אַ פאַרלייענער פון אַלקאָנס שריפטן, און מאַטעס דייטש פאַרן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט.

די משפחה פון יהושע אַלקאָן

יהושע אַלקאָן
1894 - 1960

יהושע אַלקאָן

(1960—1894)

(עטלעכע שטריכן צום באַקענען זיך מיטן מענטש און שרייבער)

אַ סך מענטשן שטאַרבן, אַלקאָן — איז אויסגעכאַפּט געוואָרן.

איך וויל גלייך ביים סאַמע אָנהייב פון דער הקדמה אויסדריקן מיינס אַ נאָגנדיק געפיל וואָס לעבט תמיד אין מיר:

שעפערישע מענטשן זענען מיטן טויט זייער היימיש, נאָענט, בפרט אַ דראַמאַטיקער! ער האָט דאָך שטענדיק צו טאָן מיטן טויט פון זיינע העלדן, מחמת אַ דראַמאַטורג איז דאָך אַ מין מאָדערנער קברן — אַ צווייטער אונדערטייקער.

אַלקאָן האָט אַ הומאָרעסקע: „טעיק איט איזי„ (יאָג זיך נישט). דער טויט איז עלטער פונעם לעבן...

און ס׳איז בפירוש אַזוי. טויט איז געווען נאָך איידער לעבן איז אַנטשטאַנען. איידער לעבן האָט זיך אָנגעהויבן — על כל פנים דעם מענטשנס לעבן. דאָס וואָס עס ווערט באַצייכנט באַוווּסטזיניק לעבן — דער טויט איז דאָ פאַרן און נאָכן לעבן, מחמת דער טויט איז ערשט דאָס אמתע זיין־פון־זיין — דאָס אייביקייט־געזעץ פון גאָרנישט, פון דער אַלציקער נירוואַנאַ.

און מיר זעען דאָך, אַז נישט דער טויט, נאָר דווקא דאָס לעבן איז פול מיט אימות, מיט די גוואַלדיקסטע קאָנטראַסטן, מיט שוידערלעכע קאָנפליקטן און גרויליקע סתירות, מיט פאַרראַט, מיט קאַטאַסטראָפעס.

אַלקאָן איז געווען אַן עכטער הומאָריסט, ער האָט געברויזט מיט הומאָר, וויץ און ווערטלדיקע שאַרפקייטן; אַזוי אין אַלע זיינע ווערק; אויך אין זיין ריידן מיט מענטשן; ער האָט אַלצדינג געזען דורך דער פּריזמע — הומאָר.

אין זיין „טעיק איט איזי״ ברענגט ער אַרויס סיטואַציעס וועלכע זענען היפּש קאָמיש, כאָטש זיי טראָגן אין זיך אַ פּערזענלעכן מאָטיוו, אָבער אַלץ ווערט פאַרוויקלט אינעם אַלטרואיזם וועגן מענטשן בכלל; עס מאַכט אפילו נישט אויס דאָס וויסן אַז אין פלוג דערציילט ער פון זיינס אָן אייגענעם האַרצשלאַק. איז דאָך עס אַ גענוג טראַגישער ענין! קומט עס אויס פונקט פאַרקערט: ס׳ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ מין רעפלעקס דורך דעם וואָס ער גיט עס איבער פאַר אונדז אויף זיין לייכטן, הומאָרפולן אופן; עס גייט ביי אים דורך די קינסטלערישע פּריזמע און עס ווירקט אויף אונדזער געמיט מיט אַ וויציקער כוואַליע, אַז מ׳ד לאַכן מיט יאַשטשערקעס. ער טוט עס אַזוי שפּילעוודיק, און דווקא מיט די כלערליי עצות פון מענטשן וואָס האָבן אַליין אויך שוין דורכגעמאַכט פאַרשיידענע האַרצשלאַקן... און זייער אויספיר איז:

„טעיק איט איזי״! דאָס לעבן קאָן נישט לעבן אָן דעם טויט...

אַלקאָן איז געווען אַ שרייבער וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט זיין פען אין פאַטאַליזם, אינעם מענטשנס אויסלאָז; ער האָט זיך אַפילו געשפּילט מיטן פאַטום — טויט. כאָטש ווי אַ יידישער שרייבער האָט ער געדאַרפן וויסן פון די בעלי־מוסר און בכלל טראָגן אין זיך דעם פרומסטן אַרט דענקען, אַז אַ מענטש דאַרף זיך ריכטן יעדן טאָג און יעדע רגע אויפן טויט; דער מענטש דאַרף זיין גרייט דערויף; מסתּם האָט ער דאָס געוווּסט פונקט ווי יעדער ייד ווייסט עס; נאָר נישט מער, ווי מיר אַלע, האָט ער אויך געטראַכט: אַז אַפילו זיך יאָ ריכטן יעדן טאָג, מיינט עס נאָך אַלץ נישט אַז מען דאַרף „אים״ טאַקע תיכף, די מינוט דערוואַרטן... יאָ. מע ריכט זיך אַז ער וועט קומען אַמאָל, אָבער נישט **פּלוצים!**

ווייל אַ שרייבער פון אַלקאָנס קאַליבר, שטאַרבט נישט דאָס ערשטע מאָל... ער איז שוין אַ סך מאָל געשטאָרבן פאַר־זיך... דאָס איז ער פאַר א ו נ ד ז־ ב ל ו י ז געשטאָרבן אָן ערשט־מאָל...

אין תוך איז דאָס לעבן אָן אומפאַרשטענדלעכקייט, פול מיט רעטע־נישן, אָבער פונקט אַקעגן לעבן, איז דער טויט דווקא קלאָר, עכט, איינפאַך, גאַנצער, אין פולער שלוה, אין אמתער האַרמאָניע — אָן שום סתירות צו זיך.

טויט איז נישט קיין פּראָבלעם.

לעבן איז אַ פּראָבלעם! ליטעראַטור איז אַ פּראָבלעם! קונסט איז

אַ פּראָבלעם! ווייל אין זיי הויערן אַלע געמעכטס, אַלע טועכצער — די גאַנצע זריעה וואָס געבערט און פאַרמערט פּראָבלעם אויף פּראָבלעם!

טויט איז איין אומענדלעכער אָ ן!

אָן קאָנפליקטן, אָן אַלעם דעם בייזן־און־שלעכטן, וואָס נאָר דאָס סאַמע לעבן גופא גוואַלדעוועט און ראַנגלט זיך קעגן דעם — אויף לעבן און טויט — און האַלט זיך פאַרט עקשנותדיק אָן מיט לעצטע אָנגע־שטרענגטע כוחות אין די דינע שטאַכעטן פונעם נעמלעכן אומזיכערן לעבן.

אַ קאָמישער פּאַראַדאָקס:

דאָס לעבן גיט נישט דעם מענטשן קיין גאַראַנטיע אַז ער וועט זיך האַלטן ביים לעבן לעבעדיק... דער טויט גאַראַנטירט: דער מענטש מעג זיין זיכער אַז ער וועט זיך אין זיין פינצטערן, טויטן דאָרטן — אייביקן!

אַלקאָן האָט נישט מקיים געווען דעם פּסוק: אַל תפרוש מן הציבור. ער האָט געלעבט אָפּגעזונדערט פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַוודאי איז עס געווען נישט אויס נחת, נאָר אויס פילע אַנטוישונגען; אָבער דאָס האָט דער ייד און דער קרעאַטיווער מענטש אין אים געדאַרפן גובר זיין; ס׳איז קעגן דעם שטראָם פון יצירה.

נאָך אַ מאָל מכוח זיין שאַפן:

אין „גאָלד" איז ער שפּילעוודיק מיטן מענטשנס וועלט; מענטש און טיקזאַל; קרעאַטיווער ברויז און פאַרמעסט, צוזאַמען מיט זיין אָנהאַלט־זוכעניש און זיין צערייצטע אָפּנאַרערישע פאַנטאַזיע.

אינעם „דער דור פון מאָרגן" איז ער פּראָבלעמאַטיש בנוגע יידישן המשך צווישן פעלקער; קאָנפליקט צווישן עלטערן און קינדער; אַסימי־לאַציע און דער שטאַרקער כוחדיקער דראַנג פון צוריקקער; ליבע און דאָס אַלטע — אפשר אייביקע — קול פון רעליגיע.

ער האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע „דער לעצטער אַקט". די דראַמע האָט ער מיט עטלעכע וואָכן פאַר זיין סוף לעבן געלייענט ביים מאָלער מאַי זאָלאַטאַראָוו אין הויז. די דראַמע איז קינסטלעריש גוט פאַרטראַכט, עסטעטיש־מאָדערן אויפגעפאַסט, פול מיט דראַמאַטישע עפעקטן, מיט אַ שלל הומאָריסטישע סיטואַציעס און סובטעלן שוישפּיל; מיט אַ סך טעאַטראַלן חן; מיט בינע־געשמאַק און מיט געשפּאַנטן טראַגיזם. היינט, די דילעמעס? אַהאָ! אַלץ אין דער וועלט און פון סאַמע לעבנס־בויך אַרויס...

*

אַ דראַמאַטורג דאַרף פאַרענדיקן דעם לעצטן אַקט פון זיין דראַמע, וואָס ער שרייבט פאַר אַ געוויסן טעאַטער, נאָר אים איז אוממעגלעך צו שרייבן, אומגעזעענע כוחות לאָזן אים נישט פאַרענדיקן. ער דרייט אַריין אַ בויגן פּאַפּיר אין דער שרייבמאַשינקע און אַן אומגעזעענע האַנט גיט דעם בויגן אויפצוריק אַ רייס אַרויס. ער קאָן עס נישט באַנעמען; וואָס קומט דאָ פאָר?!

זיינע מחשבות ווערן ביי אים איבערגעריסן ווען ער דערזעט ווי־עס באַווייזט זיך זיינער אַ הויפּטהעלד פון דער דראַמע און שרייט אַרויס טענות קעגן דעם דראַמאַטיקער:

„איך וועל דיך נישט לאָזן זאָלסט ענדיקן דעם לעצטן אַקט".

„פאַרוואָס נישט?".

„ווייל איך מוז דאָרטן שטאַרבן, באַגיין זעלבסטמאָרד. ביסט אַ מערדער! מוזסט ענדערן דעם אַקט".

און אַזוי באַווייזט זיך געשטאַלט נאָך געשטאַלט, כאַראַקטער נאָך כאַראַקטער; זיי האָבן גרויסע, גערעכטע טענות צו אים, דעם באַשאַפער פון זייער לעבן. און דאָ וויקלט דער מחבר פאַנאַנדער געשפּאַנטע דראַ־מאַטישע אַקציעס, קינסטלערישע עפעקטן, איינפאַלן, קאָנטראַסטן וואָס וויברירן מיט טעאַטראַלן הומאָר, מיט בינע־שיינקייטן; מיט אוניווערסאַלע אידייאישקייט, מיט מענטשלעכן פּלאָנטער; מיט וועלטפּלאָנטער — אַ קנויל פון אייביקער זוכעניש צו לייזן און אַנטפּלעקן דעם מענטשנס געראַנגל מיט זיך, מיט זיין מיטמענטש, און דער עיקר, מיט דער עקספּרעסיע פון דער דראַמאַטיק.

דער „לעצטער" אַקט; זאָל דאָס זיין, אין איצטיקן מאָמענט, סימבאָליש פאַר דעם שרייבער אַלקאָן? אונדז אַקעגנגעשטעלט פאַר אונדז זיין לעצטן לעבנסאַקט פון זיין אייגענעם לעבן?

די אומגעזעענע פאַטאַלע האַנט, וואָס האָט אַרויסגעריסן דאָס בלאַט פּאַפּיר פון דער שרייבמאַשינקע, זאָל האָבן באַשטימט זיין גורל? זאָל דאָס האָבן געווען דאָס שפּיצל פונעם זעלבן פּאַטוס? די זעלבע אומגעזעענע האַנט זאָל אויך האָבן זיך אַ שפּילגעטאָן און גרויזאַם אַרויסגעריסן דאָס איינציקע, אמתע, רעאַל בלעטל — יהושע אַלקאָן, דעם שרייבער וואָס האָט זיך געשפּילט מיט די לעבנס פון מענטשן?

ווער קאָן זאָגן — יאָ! און ווער — ניין?

איין פאַקט איז פאַר אונדז בולט, דער מחבר פון דער דראַמע „דער לעצטער אַקט״ איז אָפּגעריסן און אַרויסגעריסן כדי אָפּגעשיקט צו ווערן צווישן די וועלטן פון די געהיימע ספערן אַז ער זאָל שרייבן מיט דער אייביקער שריפט פון די שטערן...

דעם דריטן אַפּריל 1962 איז געוואָרן צוויי יאָר זינט אַלקאָן איז פּלוצים געשטאָרבן. אויף זיין טויט איז ריכטיק צו זאָגן, פּלוצים; ווייל מיט איין וואָך צוריק, איידער דער טראַגישער פאַל האָט פּאַסירט, האָט ער געהאַלטן אין איבעראַרבעטן די לעצטע סצענע; און ווי אַגנאָסטיש מיר זאָלן נישט וועלן זיין ביי זיך, קומט עס אַלץ פאַר אַז דער אויסרייד באַשערטקייט האָט געוואָלט אַזוי אַכזריותדיק, אַז דער לעצטער אַקט זאָל פאַר אים ווערן דער... לעצטער אַקט פון זיין אייגענעם לעבן...

אַלקאָן האָט געשריבן דערציילונגען, איינאַקטערס, הומאָרעסקן, נאָוועלן און אַ גרעסערע נאָוועלע „די מלחמה אין מילדוויל״ אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרעם; אָבער דער עיקר פון זיין שרייבן איז — דראַמעס.

ווען יוסף ראָטנבערג איז געווען אין לאָס־אַנזשעלעס, האָט ער מיט אים געהאַט אָפּגעמאַכט (אין מיין קעגנוואָרט), אַז גלייך ווי ער וועט נאָר פאַרענדיקן די דראַמע איבער וועלכער ער האָט דאַן געהאַלטן אין אַרבעטן, וועט ער תיכף אָפּשיקן צום י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אַ באַנד פון עטלעכע אָפּגעקליבענע דראַמעס צום דרוקן.

צום גרויסן ווייטיק האָט ער דאָס שוין נישט באַוויזן. דעם „לעצטן אַקט״ האָט ער נישט דערלעבט צו פאַרענדיקן; זיין אייגענע לעבנס־דראַמע, האָט זיך יאָ פאַרענדיקט.

*

דער טויט קאָן אָבער פאָרט נישט באַזיגן דאָס לעבעדיקע לעבן; עס ווערט דער געפּלאַנטער באַנד, ווי ער האָט געהאָפט אים אַרויסצוגעבן, ביי זיין לעבן, אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט אין דער ליטעראַרישער יידישער וועלט.

אַ דאַנק זיין איינציקער טאָכטער דבורה און איר מאַן דוד קאַפּלאַן, זיין פרוי אדעל אַלקאָן, זיינע ברידער שמשון און הערשל צוזאַמען מיט די

נאָענטסטע חברים, ווערט פאַרווירקלעכט יהושע אַלקאַנס ווונטש און שטרע־בונג, אַז זיין לעצט ווערק זאָל קומען צום לעבן ווי אַ בוך דאַרף לעבן — אין קיום פון אָפּגעדרוקט ווערן.

אַוודאי איז עס פיינלעך ביז גאָר צו זאָגן, אַז גראָד ווערט עס געטאָן פונקט צו זיין יאָרצייט. נאָר אַזוי פירט דאָס אומאייביקע לעבן, וואָס איז פאַרט נאָענט צו דער אייביקייט, די ראָד פונעם מענטשנס גורל. ס׳איז געוויס גאָר אַ גרויסער צער און ווייטיק פון אַזאַ גורלדיקער דאַטע, אָבער די טרייסט דאַרף זיין אַט־די וואָס ער האָט גראָד איבערגעלאָזט אַן אוצר פון זיך, זיין פערזענלעכקייט, וואָס האָט, ערשטנס, זיך שוין אויסגעדריקט אין זיינע ווערק. צווייטנס, ער האָט ביי זיין לעבן זיך אָנגעקניפּט אין איינציקע איבערגעגעבענע קאָלעגן און פריינט וועלכע זענען גרייט געווען זיך ערנסט מתעסק צו זיין אַרום דעם וואָס איז איצט צושטאַנד געקומען — זיין ווערק.

אויב דאָס אָפּגעטוענע קאָן אָנגערופן ווערן טרייסט, איז זי בפירוש דאָ יאָ פאַראַן אין דער פולסטער מאָס. דאָס ווייטערדיקע, וואָס סע איז געוויס ניט דערזאָגט געוואָרן, וועט שוין מוזן דערציילן זיין אייגן ווערק.

נאָר זיינע דראַמעס זענען מסוגל אויפצוויכן דאָס געמיט זיינס און זיינע נשמה־געפילן בעתן שאַפן דאָס איבערגעלעבטע, דאָס דורכגעטראַכטע, דאָס קינסטלערישע וואָס ער האָט פאַרקעוּפּערט אין זיין קרוין־באַשאַף.

דאָס ווערק איז דער נשמת־חיים פונעם מענטש וואָס האָט געגעבן זיין אינטימען אויסדרוק צו דער וועלט, צום לעבן און צום מחבר גופא, וואָס האָט זיך געראַנגלט צווישן אַט דעם אַלעם אין איין צוזאַמען.

אַט דאָס איז דער קווינטעסענץ פון אַלע די, וואָס ברענגען אין דער וועלט געבורטן, פיזישע און גייסטיקע, זיי רעדן און דערציילן פון מענטש און וועלט.

זאָלן זיי בלייבן לעבן נאָך זיי ווי דאָס געדעכעניש לזכר עולם.

אַלקאַן האָט זיך דערטראַכט צו קינסטלערישער שפּילעוודיקייט.

און קינסטלערישע שפּילעוודיקייט איז ענלעך צו דעם גורלדיקן און גילגולדיקן שפּיל פון דער אייביקייט...

מאָטעס דייטש

יהושע אלקאן

דראמאטישע ווערק

ג א ל ד

א שפּיל אין 7 סצענעס

באַטייליקטע לויטן סדר פון זייער אויפטריט:

נפתלי ניידור.

רבקה — זיין פרוי.

זעליק ווײַדמאַן — אַ יונגערמאַן וואָס שרייבט.

דער מאַן וואָס לייענט אַ צייטונג.

געווירץ.

דאָס מיידל אין רויט־גרינעם קלייד.

„דער פּראָפעסאָר" — אויפזעער אין פּאַרק.

מיסטער וויים — אַ פאַרלעגער און ביכער־פאַרקויפער.

מיסטער וועקסלער — אַ טעאַטער־דירעקטאָר.

פּאָטער־ראַליסט.

מוטער־ראַליסטין.

מענטשן אין פּאַרק.

אָרט: ווו איר ווילט.

צייט: ווען איר ווילט.

ערשטע סצענע

אַן אָרעם מעבלירט צימער, צוויי טירן. אין הינטערגרונט — דער אַריינגאַנג פון דרויסן; רעכטס — בלויז אַן עפענונג צו די איבעריקע צימערן, פאַרהאָנגען מיט אַלטע פאָרטיערן.

אין מיטן צימער אַ טיש אָנגעוואָרפן מיט פּאַפּירן, דערביי אַ שטול, אויף וועלכן נ פ ת ל י נ יי ד ו ר זיצט און שרייבט. ער אַרבעט פלייסיק עטלעכע סעקונדן, דערנאָך טוט ער אַ פיר מיט דער פעדער, אָנדייטנדיק, אַז ער האָט פאַרענדיקט שרייבן, לייגט צוזאַמען די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן, שטעלט זיך אויף, ציט די ביינער. אַ צופרידענער שמייכל אויף זיין פנים. גייט צו רעכטס, פאַרשאַרט די פאָרטיערן, רופט:

רבקה! רבקה!

(אין אַ ווײַלע אַרום קומט אַריין רבקה, זי איז אָרעם אָנגעטאָן, פאַרחושכט און אומעטיק)

איצט קאָנסטו רעדן.

(זי שווייגט, ער זוכט ווערטער)

כ'פרעג דיך: כ'האַלט אין מיטן שרייבן — קומסטו אַריין מיט טענות... איבערהויפּט ווען איך האַלט ביים סוף, ביים אונטערפירן דעם סך־הכל... נו, רעד... רעד...

ר ב ק ה:

דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך וויל דיר זאָגן...

נ פ ת ל י:

נישט איצט, רבקה, איך בעט דיך...

ר ב ק ה:

ווען דען?

נפתלי:

מאָרגן, איבערמאָרגן, ווען דו וועסט ווען... איצט בין איך יום־טובדיק געשטימט, (ווייזט אָן אויף אַ מאַנוסקריפּט) געענדיקט דאָס ווערק! שימחת־תורה איז ביי אונדז דער פריילעכסטער יום־טוב, נאָר דערפאַר וואָס מ׳האָט געענדיקט לייענען די תורה, דאָס בוך. איצט שטעל זיך פאָר מיין פרייד, ווען איך האָב פאַרענדיקט שאַפן אַ בוך... איז דען דאָ אַ גרעסערער געַנוס פאַרן קינסטלער ווי נעמען געשטאַלטן, סילועטן, טרוקענע ביינער, זיי אויספאָרעמען, זיי אָנטאָן מיט לייב און לעבן, זיי געבן אויגן וואָס זעען און הערצער וואָס פילן?... זאָל היינט זיין יום־טוב, איך בעט דיך...

רבקה:

און וואָס וועט זיין מאָרגן?

נפתלי:

מאָרגן? מאָרגן וועל איך אָנהייבן אַ ניי ווערק...

רבקה:

און דערנאָך?

נפתלי:

נאָך אַ ווערק! (לויפט צו צום טיש, געפינט אַ בלעטל פּאַפּיר) אָט איז אַ צעטל מיט טעמעס. הלואי זאָל איך פאַרטיק ווערן מיט דעם אין 20 יאָר אַרום...

רבקה:

און פון וואָס וועלן מיר לעבן די 20 יאָר?... שוין אַ חודש אַז איך זוך אַרבעט און קאָן נישט געפינען...

נפתלי:

איך האָב דיך געבעטן, לאָמיר היינט נישט רעדן וועגן דעם...

רבקה:

מ׳קאָן דאָס מער נישט אָפּלייגן... מיר זענען דאָך געקומען פון בריק אין וואַסער...

נפתלי:

וואָס זשע ווילסטו כ׳זאָל טאָן?

רבקה:

דו האַלטסט אין איין שרייבן, טו עפּעס מיט דעם, פאַרקויף עס!

נפתלי:

זיי ווילן דאָס נישט קויפן, רבקה...

ר ב ק ה:

האָסט דען געפּרוווט פאַרקויפן?

נ פ ת ל י:

אַוודאי האָב איך געפּרוווט. כ׳האָב געשיקט ראָמאַנען, דראַמען ווו די וועלט האָט אַן עק... זיי געפינען אפילו נישט פאַר נייטיק מיר צו ענטפערן.

ר ב ק ה:

ווי לאַנג שוין, אַז דו האָסט געשיקט?

נ פ ת ל י:

ווער קאָן עס געדענקען? כ׳ווייס נאָר, אַז איך האַלט אין איין שיקן, נישט איין מאָל האָב איך אויף דעם אפילו אויסגעגעבן מיין לעצטן סענט...

ר ב ק ה:

פאַרוואָס האָסטו מיר ביז איצט נישט געזאָגט וועגן דעם?

נ פ ת ל י:

וואָס וואָלט געווען ווען כ׳זאָג דיר?

ר ב ק ה:

וואָלט איך כאָטש געהאַט אַ שטרוי אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן.

נ פ ת ל י:

טאַקע דערפאַר האָב איך דיר נישט געזאָגט. כ׳האָב נישט געוואָלט צעשפּילן דיין פאַנטאַזיע, כ׳האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן עס נישט דרוקן.

ר ב ק ה:

ווו־זשע שטעקט דער אומגליק? ביכער ווערן דאָך געדרוקט, פּיעסן ווערן געשפּילט...

נ פ ת ל י:

אַוודאי דרוקט מען ביכער, אַוודאי שפּילט מען פּיעסן, אָבער וואָס איז זייער אינהאַלט? מאָרד, סעקס אָדערביידע צוזאַמען.

ר ב ק ה:

ווייסטו דאָך וואָס זיי ווילן — שרייבט מען...

נ פ ת ל י:

ווי קאָן איך שרייבן וועגן מאָרד? וועגן מערדער?

ר ב ק ה:

איז נישט וועגן מאָרד און מערדער. זאָגסט דאָך, אַז סעקס איז אויך גוט, גיב זיי אַ ביסל סעקס...

נפתלי:

זיי באַנוגענען זיך אָבער נישט מיט אַ ביסל, זיי ווילן עס פון טאָוול ביז טאָוול, מיט די קלענסטע דעטאַלן... זיי האָבן דאָך געמאַכט פון פרוידן אַ ישיבה־בחור, אַ יוסף הצדיק, אַ קינד אין די וויקעלעך... זיי גייען דאָך אפילו קעגן די געזעצן פון דער נאַטור מיט זייער סעקס.

רבקה:

אַז מענטשן האָבן הנאה דערפון, זאָלן זיי! די גרויסע פאַרגעניגנס וואָס דער מענטשן האָט היינטיקע צייטן?

נפתלי:

ליטעראַטור איז נישט קיין מיטל צו רעגן זייערע באַגערן. ליטעראַטור דאַרף פאַרפיינערן מענטשלעכע מידות, דערהייבן זייער פאַנטאַזיע, מאַכן אַ צאַם צווישן מענטש און חיה — נישט זיי שיכורן מיט תאווה, רעגן זייערע זנות־אינסטינקטן. סעקס איז דאָס אינטימסטע וואָס מיר פאַרמאָגן, דאַרף מען דאָס האַלטן אין חדרי־חדרים, נישט אַרויסברענגען דאָס אין גאַס און שליידערן יעדן איינעם אין פנים אַריין...

רבקה:

נו, גוט, אפשר ביסטו גערעכט, אָבער וואָס וועט זיין דער סוף?

נפתלי:

איך האַלט, אַז די זנות־ליטעראַטור איז אַן איבערגאַנג. דאַרף מען וואַרטן ביז די מגפה וועט אַריבער... און אפשר וועלן זיי זיך מיישב זיין און פאַרט עפּעס דרוקן וואָס איך האָב זיי געשיקט? דאָס וואָס איך הער נישט פון זיי איז אפשר אַ גוטער סימן.

רבקה:

איך וואָלט זיך נישט פאַרלאָזט אויף זיי דאַרטן. דאָ דרוקט מען דאָך אויך ביכער, מ׳שפּילט דאָך דאָ אויך פּיעסן. אָנשטאָט זיצן אין פּאַרק און וואַרטן — פאַרוואָס גייסטו נישט צו די היגע?

נפתלי:

איך בין שוין ביי זיי אויך געווען. אַלע טאָג גיי איך צו זיי. אין פּאַרק קום איך דערנאָך, נאָכן מאַרשרוט, זיך אַרויסשלאָגן פון דער שלעכטער שטימונג אין וועלכער זיי טרייבן מיך אַריין... דו מיינסט, אַז אַלץ וואָס מ׳דאַרף, איז צוגיין צו זיי? אַי, רבקה! רבקה! דער חוזק אין זייערע רייד קאָן איינעם פון זינען רירן... נאָר זיי וויסן ווי צו שרייבן און וואָס צו שרייבן, אַזוי זענען די פאַרלעגער, די טעאַטער־דירעקטאָרן...

רבקה:

אפשר וואָלסטו זיך צוגעהערט צו זיי?

נפתלי:

כ׳האָב דיר דאָך שוין דערקלערט וואָס זיי ווילן.

רבקה:

ס׳איז דאָך אַלץ בעסער ווי צו שרייבן אין דער וועלט אַריין.

נפתלי

(מיט איינגעהאַלטענעם כעס):

הער מיך אויס, רבקה, און דאָס זאָג איך דיר צום לעצטן מאָל: כ׳וועל מיין נשמה נישט פאַרקויפן!

רבקה

(גייט צו צו אים, נעמט אים אַרום):

נפתלי, טייערער, איך וויל נישט דו זאָלסט פאַרקויפן דיין נשמה. אָבער זע דעם פּרייז וואָס דו באַצאָלסט...

נפתלי:

אַ קינסטלער רעכנט זיך נישט מיט זיינע פּערזענלעכעליידן, ער דאַרף אָפּהיטן די גרענעצן פון קונסט!

רבקה:

ווי לאַנג וועסטו קאָנען היטן? דו האָסט דאָך היינט נישט געגעסן...

נפתלי:

וועל איך אויסגיין פון הונגער. ווינציק מענטשן גייען אויס פון הונגער? וועט זיין נאָך איינער, וואָס הייסט — נפתלי.

רבקה

(ווײנט זיך פונאַנדער, פאַלט אים אויפן האַלדז):

נפתלי, דו צערייסט מיין האַרץ אויף שטיקער, אַז דו רעדסט אַזוי.

נפתלי

(נעמט זי אַרום, גלעט איר די האָר):

גישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, רבקה...

רבקה:

פאַרוואָס איז געווען אַן אויסוועג נעכטן? פאַראַיאָרן? פאַר 7 יאָר? די נויט און דחקות האָבן דאָך אונדז געדריקט און געשטיקט פון דער ערשטער מינוט. דאָך זענען מיר געווען גליקלעך. דו האָסט קיין מאָל אַזוי נישט גערעדט. ווער האָט פאַרסמט אונדזער גליק?

נפתלי:

איך, רבקה, בין דער שולדיקער, איך האָב דיך פאַרטראָגן הויך אין די וואָלקנס, דיך איינגעוועבט אין אַ נעץ פון חלומות, געצונדן דיין פאַנטאַזיע. אין אַזאַ אויסגעטראַכטער וועלט זענען אַלע גליקלעך.

רבקה:

פאַרוואָס קאָנען מיר ווייטער נישט לעבן אין דער אויסגעטראַכטער וועלט?

נפתלי:

ווייל דער ברוטאַלער, נאַקעטער אמת האָט צעטריבן די וואָלקנס. אונדז אויפגעוועקט פון שלאָף און אַריינגעשליידערט אין דער גראָער ווירקלעכקייט.

רבקה:

קיין זאַך האָט זיך נישט געביטן, נפתלי, ביי מיר ביסטו דער שרייבער וואָס איז אָנערקענט און באַרימט.

נפתלי:

ווייל איז דיר, אַז דו קאָנסט חלומען.

רבקה:

ס׳איז נישט קיין חלום. ביינאַכט, אַז מ׳חלומט, זענען די מענטשן נישט קיין גאַנצע, צעשוווּמענע... אָבער איך זע זיי אַ גאַנצן טאָג אַזוי נאַטירלעך, ווי מענטשן דאַרפן זיין. איך הער אפילו זייערע שטימען. גאַנצע טעג ביי דער אַרבעט פלעג איך זיצן און טראַכטן פון דיר — פון דיין גרויסקייט, פון דיין באַרימטקייט, פון די מענטשן, וואָס שלאָגן אָפּ די שוועלן דיך קומען זען, הערן דיין מיינונג, פרעגן אַן עצה. אָבער מער פון אַלעמען איז מען געקומען וועגן דיינע ווערק, דער וויל דרוקן דיינע ביכער, יענער וויל שפּילן דיינע דראַמען. און געלט? מ׳פאַרוואַרפט פשוט דאָס הויז מיט געלט! נאָך אַ הונדערטער! נאָך אַ הונדערטער! נאָך אַ טויזנ־טער! נאָך אַ טויזנטער! אָט דער פּאַק מאַנוסקריפּטן אויפן טיש — נישט קיין מאַנוסקריפּטן. געלט! בערג מיט געלט! מענטשן גייען אַרויס, אַנדערע קלאַפּן אין טיר, ווילן אַריינקומען... (אַ קלאַפּ אין טיר. זי בלייבט שטיל, איר פּנים לייכט אויף) הערסט, נפתלי? מ׳קלאַפּט אין טיר!

נפתלי:

דו חלומסט, איך האָב נישט געהערט קיין קלאַפּן... (אַ שטאַרקערער קלאַפּ) ביסט גערעכט, מ׳קלאַפּט.

רבקה:

אַז מ׳חלומט לאַנג, חלומט מען אויס.

נפתלי:

טאָ וואָס זשע לאָזסטו זיי שטיין אין דרויסן? רוף זיי אַריין!

רבקה

(ברענגט זיך אין אָרדענונג גייענדיק צו דער טיר אין הינטערגרונט, זי רעדט מיט עמיצן פון יענער זייט טיר, דרייט זיך אויס צו נפתלין):

אַ יונגערמאַן פרעגט זיך אויף דיר.

נפתלי

(אומגעדולדיק):

נו, זאָל ער אַריינקומען...

רבקה:

(באַפעלט שטום דעם יונגנמאַן ער זאָל אַריין. ער גייט צו וואַקלענדיק צו נפתלין, גיט אים די האַנט):

יונגערמאַן:

מיין נאָמען איז זעליק זיידמאַן.

נפתלי:

זייער איינגענעם. רבקה, דערלאַנג אַ שטול! (זי טוט עס) זיצט!

יונגערמאַן:

אַ דאַנק.

נפתלי

(נאָך אַ פויזע):

וואָס זשע וועט איר עפּעס זאָגן גוטס, מיסטער...

זיידמאַן:

זיידמאַן, זעליק זיידמאַן...

נפתלי:

יאָ, יאָ, וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?

זיידמאַן:

איך שרייב לידער...

נפתלי

(אַנטוישט):

איר שרייבט לידער, הממם... שוין לאַנג, אַז איר שרייבט?

זיידמאַן:

אַ יאָר 10, אויב נישט מער.

נפתלי:

10 יאָר, אַזוי? איך לייען אַלץ וואָס ס׳ווערט געדרוקט, כ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז אייער נאָמען איז מיר אומבאַקאַנט.

זיידמאַן:

איך שרייב אונטער דעם נאָמען בן־דוד...

נפתלי:

בן־דוד? בן־דוד? אויך אומבאַקאַנט... אונטער דעם נאָמען האָט איר אַ סך געשריבן?

זיידמאַן:

יאָ, געשריבן האָב איך אַ סך, אָבער געדרוקט האָט מען מיר ווייניק, כמעט גאָרנישט.

רבקה

(פאַרביטערט):

ווילט איר, ער. זאָל אייך העלפן?

זיידמאַן:

ניין, איך וויל זיין מבינות...

רבקה:

אויב אַזוי וועט איר מיר אַנטשולדיקן (אָפּ רעכטס)

נפתלי:

וואָס איר דאַרפט, איז אַן עצה, נישט קיין מבינות... הערט מיך אויס, יונגערמאַן: איר ווייסט גאָרנישט וואָס פאַראַ דאָרנדיקן וועג איר האָט פאַר זיך אויסגעקליבן. איר פאַרמאָגט גאָר נישט אַזויפיל בלוט וויפל זיי וועלן אייך אויסצאַפּן. איז מיין עצה: הערט אויף שרייבן! נישטאָ פאַר וועמען צו שרייבן! זיי זענען טויב, בלינד!

זיידמאַן:

מאַכט דאָס נישט אַזוי טראַגיש, מ׳דרוקט נאָך גענוג ביכער. אָט וועט אין גיכן דערשיינען מיינער אַ בוך...

נפתלי

(אויסער זיך):

איר גיט אַרויס אַ בוך?

זיידמאַן:

יאָ, אַ פאַרלעגער גיט עס אַרויס, מיסטער ווייס...

נפתלי:

מיסטער ווייס?

זיידמאַן:

וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי?

נפתלי:

אָט דער מיסטער ווייס זאָגט דאָך דעות וואָס מ׳זאָל שרייבן און ווי אַזוי מ׳זאָל שרייבן.

זיידמאַן:

אַז מ׳באַצאָלט אים פאַר די בוך־אויסגאַבן זאָגט ער נישט קיין דעות.

נפתלי:

און איר באַצאָלט?

זיידמאַן:

אַ ברירה האָב איך? כ׳מוז דאָך מאַכן אַ לעבן...

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

זיידמאַן:

איך בין אַ פּאָעט, כ׳קאָן אין שאָפּ נישט אַרבעטן.

נפתלי:

וואָס פאַראַ שייכות האָט עס מיטן בוך?

זיידמאַן:

גאַנץ פּשוט, אַז מיין בוך וועט פאַרטיק ווערן, וועל איך אַרויספאָרן איבערן לאַנד און עס פאַרקויפן.

נפתלי:

וואָס זשע זענט איר געקומען צו מיר? כ׳זאָל אייך געבן אַ הכשר?

זיידמאַן:

ניין, אַ מיינונג וועגן מיינע לידער. מ׳זאָגט איר זענט אַן אמתער מענטש, אין קאַפע קאָן איך קיין אמתע מיינונג נישט קריגן, וויל איך פאַר אייך לייענען עטלעכע לידער.

נפתלי:

יונגערמאַן! איר האָט אויסגעקליבן זייער נישט קיין פּאַסיקע צייט

דערפֿאַר. איך בין איצט נישט אויפגעלייגט. לאָזט איבער די לידער. איך וועל זיי לייענען שפּעטער.

זיידמאַן:

איך וואָלט זיי מיט פֿאַרגעניגן איבערגעלאָזן, אָבער איך מוז זיי גאַנץ פֿרי געבן דעם זעצער.

נפתלי:

אויב איר גייט שוין מיט די לידער צום זעצער — וואָס דאַרפֿט איר מיין מבינות?

זיידמאַן:

איר זאָלט פֿרעגן אַזאַ פֿראַגע? וועלכער שרייבער וויל נישט הערן אַ גוט וואָרט וועגן זיך? ((נעמט אַרויס אַ מאַנוסקריפּט פֿון בוזעם־קעשענע, לייענט):

„דער שמעטערלינג און די בלום"

אַ ליידנשאַפֿטלעכע פּאָעמע פֿון בן־דוד. (אָטעמט אָפּ)

איך בין דער שמעטערלינג,
דו ביסט די בלום,
רייס איך דיך, צופּ איך דיך
און פֿלי דיר אַרום,

(גיט אַ פֿאַרגנבעטן קוק אויף נפתלין, לייענט ווייטער)

אָ, קום צו מיר, מיין בלום!
קום און נעם מיך אויך אַרום!
נישט שעם זיך פֿאַר לייטן,
וואָס קוקן פֿון אַלע זייטן
און זייערע הערצער גלוסטן פֿון ווייטן
זיך מיט אונדז טין־טאָן בייטן...

נפתלי:

איז דאָס אייער בעסט ליד?

זיידמאַן:

איינס פֿון די בעסטע... אָבער הערט דעם סוף (פּרוּווט לייענען ווייטער).

נפתלי:

געווג! איך פֿאַרשטיי שוין דעם סוף.

זיידמאַן:

איר פאַרשטייט נישט, דער געדאַנק פון דער פּאָעמע איז אַזאַ מין געדאַנק. ס'איז נישט דער שמעטערלינג און די בלום, ס'איז איך און מיין געליבטע...

נפתלי:

ווילט איר הערן מיין מיינונג?

זיידמאַן:

אָבער איר האָט דאָך נישט געהערט דעם סוף.

נפתלי:

דער סוף איז נישט וויכטיק. איר האָט אַלע לידער מיט זיך?

זיידמאַן:

ניין, די מערסטע לידער זענען ביים זעצער.

נפתלי:

גוט, גייט צום זעצער נעמט זיי אָפּ, גייט אַוועק הינטערן שטאָט, מאַכט אַ גרויס פייער און פאַרברענט זיי. איר הערט? פאַרברענט זיי! אַ גוטן טאָג! אַ גוטן טאָג!

זיידמאַן

(הייבט זיך אויף אַ דערשראָקענער, לאָזט זיך גיין, ווען ער איז שוין ביי דער טיר, דרייט ער זיך אויס. רבקה באַווייזט זיך רעכטס. ווען ער דערזעט זי, שרייט ער אויס):

אייך, מיסטער ניידור, איז גוט. איר האָט אַ ווייב וואָס אַרבעט! (פאַרשווינדט שנעל).

רבקה:

וואָס איז דאָ געשען?

נפתלי

(קאָן זיך נישט באַרויקן):

נפתלי:

אַזאַ גראָבער יונג! קומט צו מיר אין שטוב און באַליידיקט מיך.

רבקה:

דאָס וואָס ער האָט דיר געזאָגט, אַז דו האָסט אַ ווייב? האָסטו אים באַדאַרפט זאָגן, אַז ער זאָל אויך חתונה האָבן.

נפתלי:

נישט אַז איך האָב אַ ווייב, נאָר אַז מיין ווייב אַרבעט פאַר מיר...

רבקה:

ווייט אַוועק פון אמת איז ער דאָך נישט.

נפתלי:

אָט דעם אמת האָב איך אַלע מאָל געפּרוּווט פאַרלייקענען אין זיך.

רבקה:

אָנשטאָט פאַרלייקענען דעם אמת, וואָלסטו בעסער באַדאַרפט מאַכן שלום מיט אים, וואָלסטו זיך נישט געפילט אַזוי געטראָפן ווען עמעצער מאַכט אַ באַמערקונג וועגן דעם...

נפתלי:

כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳וועט נישט קומען דערצו. אַלע יאָרן האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז אָט אָט ווער איך אָנערקענט, און איך וועל דיר קאָנען אָפּצאָלן דעם חוב וואָס איך קום דיר... פלעג איך זיצן און בויען פּאַלאַצן פאַר דיר. זילבערנע, גאָלדענע פּאַלאַצן. ווייסט וואָס איך האָב באַשלאָסן? ווען די שעה פון מיין אָנערקענונג וועט קומען, וועל איך אויסשרייען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דער כבוד פון מיין אָנערקענונג קומט דיר, דו דאַרפסט זיצן אויפן שטול, איך בין בלויז דיין פוסבענקעלע...

רבקה:

וואָס האָסטו זיך צערעדט? מאַלע וואָס ביי אַ משוגענעם האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון מויל.

נפתלי:

איך, דער קלאָרער, בין דער וואָס בלאָנדזשעט. ער, דער משוגענער, האָט געפונען דעם ענטפער.

רבקה:

טאָ נעם אַראָפּ אַ מוסר פון אים.

נפתלי:

ווי קאָן איך באַצאָלן פאַר די אויסגאַבן פון אַ בוך?

רבקה:

דו דאַרפסט נישט צאָלן, דו האָסט טאַלאַנט. וואָס איך מיין — אָט איז ער געקומען צו דיר, מסתמא איז ער געגאַנגען צו אַנדערע אויך, ער זוכט מבינות, דו דאַרפסט עס נישט. אָבער דו דאַרפסט אויך נישט זיצן און וואַרטן ביז מ׳וועט קומען צו דיר.

נפתלי:

צו וועמען זאָל איך גיין? צו ווייסן? צו וועקסלערן? זיי זענען באַד־יונגען! זיי הייבן נישט אָן צו פאַרשטיין.

רבקה:

גיט מען זיי צו פאַרשטיין. אַ וועלט איז דאָך נישט משוגע... (אָפּ הינטער די פאָרטיערן. קומט באַלד צוריק אָנגעטאָן אין מאַנטל)

נפתלי:

וווּהין גייסטו?

רבקה:

ס'איז שוין האַלבער טאָג. כ'גיי זען אויב איך קאָן ערגעץ קריגן עפּעס צו באָרגן...

נפתלי:

איך וויל נישט קיין געבאָרגטע!

רבקה:

שוין אַ חודש צייט, אַז איך ליי און באָרג...

נפתלי:

פאַרוואָס האָסטו עס מיר ביז איצט נישט געזאָגט?

רבקה:

איך האָב דיר געפּרוווט זאָגן אויף פאַרשידענע אופנים, נאָר דו ביסט געווען אַזוי פאַרטאָן אין שרייבן, האָסטו מיך מסתמא נישט געהערט... ווען נעכטן וואָלטן זיך נישט געענדיקט די ערטער ווו כ'קאָן באָרגן, וואָלט איך דיר איצט אויך נישט געזאָגט...

נפתלי:

(שפּאַנט איבערן צימער, רעדט ווי פאַר זיך):

גייט ריכט זיך אַז ס'האַלט אַזוי שמאָל... (בלייבט שטיין נעבן רבקהן) זיי מיר מוחל, רבקה (שפּאַנט ווייטער) איך האָב זיך געגעבן אַ נדר, אַז איך וועל נישט אַריבערטרעטן זייער שוועל. אָבער אַז דו הונגערסט, מוז איך בטל־מאַכן דעם נדר. (גייט צום טיש, קלייבט מאַנוסקריפּטן) ברענג מיר מיין רעקל!

רבקה

(לויפט הינטער די פאָרטיערן, ברענגט דאָס רעקל, העלפט עס אים אָנטאָן. מיט טרערן אין איר קול):

גיי און זיי מצליח...

נפתלי

(דרייט זיך אויס צו איר):

טאָ וואָס זשע וויינסטו?

רבקה

(וויינענדיק):

פאַר שמחה, נפתלי...

נפתלי:

הער אויף וויינען, דו נאַר איינער!

רבקה

(שלינגט די טרערן):

כ׳קאָן נישט...

נפתלי

(נעמט זי אַרום, קוקט איר אין פּנים):

שמייכל, רבקה, שמייכל...

רבקה:

כ׳שמייכל, נאָר ס׳וויינט זיך...

נפתלי:

אוי, רבקה, וואָס פון דיר איז געוואָרן... דיינע אויגן זענען געווען אַזעלכע ליכטיקע, אַזעלכע פריילעכע... זוניקע וועלטן האָב איך אין זיי געזען... איצט זענען זיי אומעטיק, האַלב אויסגעלאָשן.

רבקה:

אַרבעט, זאָרג, נישט עסן צו זעט, איז נישט קיין קלייניקייט, נפתלי.

נפתלי:

זיי מיר מוחל וואָס איך האָב אין זיי ביז איצט נישט אַריינגעקוקט... פון היינט און ווייטער וועסטו מער נישט הונגערן! אין סאַמעט און אין זייד וועסטו ביי מיר גיין אָנגעטאָן; דימענטן וועסטו ביי מיר טראָגן...

רבקה:

כ׳וועל זיין צופרידן, אַז ס׳וועט זיין וואָס צו עסן.

נפתלי:

דינער און דינסטן וועלן דיך באַדינען... אַ ניי געבוירענער נפתלי שטייט איצט פאַר דיינע אויגן...

רבקה:

כ׳האָב דיך אַלע מאָל געזען אַזוי...

נפתלי
(נעמט די מאַנוסקריפּטן אונטערן אָרעם):
אַ פּאָרטפעל ווען איך האָב...

רבקה:
ווּעסט האָבן אַ פּאָרטפעל...

נפתלי:
אַ שטעקן וואָלט מיר געפּאַסט...

רבקה:
וועסט האָבן אַ שטעקן...

נפתלי:
עפן די טיר!

רבקה
(עפנט די טיר):
מיטן רעכטן פוס, נפתלי...

נפתלי
(קושט איר, קוקט איר אַריין אין פּנים):
איך וועל דעם טרויער פון דיינע אויגן פאַרטרייבן!
(גייט אַרויס, רבקה גייט לאַנגזאַם צום טיש, זעצט זיך, שפּאַרט אַן איר קאָפּ אויףביידע הענט).

פאָרהאַנג

צווייטע סצענע

אַ פּאַרק. דער הויפּטדורכגאַנג. בענק אויסגעשטעלט איןביידע זייטן. אין הינטערגרונט —ביימער. רעכטס — אַ פּלאַקאַט, וואָס טראָגט דעם אויפשריפט:

„דער פּאַרק איז פאַר אייער פאַרגעניגן״
שפּייען,
שיכורן,
האַנדלען,
געמבלען —

שטרענג פאַרבאָטן!

חוץ די מענטשן וואָס גייען הין און צוריק, זיצן מענטשן אויף די בענק. איינער וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן דורך דעם וואָס די צייטונג וואָס ער לייענט פאַרשטעלט אַ העלפט פון זיין קערפּער. אַלץ וואָס מ׳זעט, איז דעם שפּיץ פון זיין הוט, פיינע געפּרעסטע הויזן און לאַקירטע שיך.

נפתלי קומט אַן פון רעכטס, גייט פאַרביי דעם מאַן מיט דער צייטונג. יענער נידערט עטוואָס די צייטונג. זייערע בליקן באַגעגענען זיך. ער זעצט זיך אַנטקעגן אים אויף אַ באַנק, לייגט אַוועק דאָס פּעקל מאַנוסקריפּטן אויף אַ ליידיק זיצאָרט דערביי. ער איז מיד און אומעטיק, קוקט אויפן מאַן אַנטקעגן.

געווירץ, עלעגאַנט געקליידט, קומט אַן פון רעכטס. איידער ער באַשליסט וו זיך צו זעצן, קומט אַן אַ מיידל. זי איז שרייענדיק בלאָנד. דאָס רויט־גראָע קלייד איז ענג געפּאַסט אויף איר קערפּער, די הויכע אָפּצאַסן מאַכן איר קערפּער זיך וויגן. ווען זי איז עטלעכע טריט אַוועק פון געווירצן, לאָזט ער זיך גיין נאָך איר, זיי פאַרשווינדן.

פון לינקס קומט אַן רויכווינט, ער איז קליינגעוויקסיק און זשוואַווע, באַטראַכט די וואָס זיצן, קלייבט אויס נפתלין.

ראָיכוויינט
(מיסטעריעז):
איר ווילט קויפן אַ מציאה? (ווייזט אים עפּעס פאַרבאָרגן אין האַנט).

נפתלי:
ניין!

אין הינטערגרונט, צווישן די ביימער, זעט מען דעם „פּראָ־פעסאָר״. ער איז אַן עלטערער מענטש, אָרעם געקליידט. אין דער לינקער האַנט האַלט ער אַ זאַק אָנגעטאָן אויף אַ רייף; אין דער רעכטער האַנט — אַ שטעקן, אונטן — אַ שאַרפער טשוואָק, מיט וועלכן ער שטעכט די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירלעך און טוט זיי אַריין אין זאַק.

ראָיכוויינט:
אין גאַנצן 5 דאָלער, ס׳איז ווערט הונדערט...

פּראָפעסאָר
(דערזעט ראָיכווינטן):
העי, דו דאָרטן! זאָלסט מיר שוין אַרויס פון מיין פּאַרק, דו גאַרנישט איינער! (לאָזט זיך גיין האַסטיק צו אים מיטן שטעקן אין דער לופטן, ראָיכווינט שנעל אָפּ). ט׳זיך איינגעגנאַדיעט אַהער און כ׳קאָן פון אים נישט פּטור ווערן! (דערזעט נפתלין) מיסטער ניידור! וואָס מאַכט איר?

נפתלי:
וואָס זאָל מען מאַכן? און איר, וואָס מאַכט איר?

פּראָפעסאָר:
נישקשה, דאָ אין פּאַרק איז דאָך אַלע מאָל דאָס זעלבע. אַחוץ דעם נייעם פּאַרשוין דאָרטן, (ווייזט אויפן מאַן וואָס איז פאַרשטעלט מיט דער צייטונג) האָט זיך דאָ גאָרנישט געביטן. (רעדט שטיל) זיצט אַזוי אַפּ שעהענווייז מיט דער צייטונג...(נפתלי קוקט אין זיין זייט) זאָגט מיר בעסער, וואָס מאַכט איר? שוין צוויי טעג, אַז איר זענט דאָ נישט געווען?

נפתלי:
כ׳בין געווען פאַרנומען.

פּראָפעסאָר:
געפונען אַרבעט?

נפתלי:
אוודאי, געאַרבעט, אָבער נישט דאָס וואָס איר מיינט. כ׳האָב פאַרענדיקט אַ נייעם ראָמאַן.

פראָפעסאָר:

איר שרייבט נאָך?

נפתלי

(קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט):

וואָס מיינט איר? ווי קאָן מען אויפהערן שרייבן?

פראָפעסאָר:

אַז מ'וויל, קאָן מען. קוקט מיך אָן...

נפתלי:

איר'ט דען אַמאָל געשריבן?

פראָפעסאָר:

מהום! געשריבן... געשריבן... אויפגעגעבן!... שוין אַ יאָר 30 אין דעם...

נפתלי:

איר האָט עס מיר קיינמאָל נישט געזאָגט...

פראָפעסאָר:

מיין פריינד, ס'איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו באַרימען...

נפתלי:

מ'האָט אייך געדרוקט?

פראָפעסאָר

(שטאָלץ):

ניין!

נפתלי:

פאַרוואָס?

פראָפעסאָר:

פאַרוואָס דרוקט מען אייך נישט?

נפתלי:

כ'מיין... אַמאָל איז דאָך געווען אַנדערש?

פראָפעסאָר:

ס'איז אַלע מאָל דאָס זעלבע... (זעצט זיך) איך האָב מיט 30 יאָר צוריק געשריבן ווי מ'שרייבט היינט.

נפתלי:

האָבן זיי עס מורא געהאַט צו דרוקן?

פּראָפעסאָר:

אַבי איר פאַרשטייט... און איר שרייבט, מסתמא, ווי מ׳האָט געשריבן פאַר 30 יאָר, דרוקט מען עס ווידער נישט... אַ מאָדנע וועלט, האַ?...

נפתלי

(באַליידיקט):

איר האָט דאָך נישט געלייענט וואָס איך שרייב!

פּראָפעסאָר:

מיין פריינד, לייענען דאַרף אַן אָנפאַנגער, איך בין שוין אַ געענדיקטער. נישט אומזיסט רופט מען מיך דאָ „פּראָפעסאָר". שוין 30 יאָר שטודיר איך די מענטשן וואָס קומען אַהער... זיך קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט... כ׳ווייס ווער ס׳וועט זיין אַ דערפאָלג, ווער — אַ דורכפאַל. ווער מיט וועמען וועלן חתונה האָבן, ווער מיט וועמען וועלן זיך גטן, ווער ס׳קומט אויף אַ ווייל, און ווער ס׳וועט זיך דאָ איינבירגערן. כ׳דאַרף קיינעם נישט פרעגן, טאָ צו וואָס דאַרף איך לייענען?...

נפתלי

(נאָך אַ פּויזע):

איך האַלט, אַז די שרייבער, וואָס זענען אָנערקענט, שרייבן נישט וואָס זיי ווילן...

פּראָפעסאָר:

דאָס איז נישט קיין נייער געדאַנק. אַלע וואָס ווערן נישט אָנערקענט האָבן די זעלבע טענות... איך האָב אויך אַזוי געטענהט... פּונקט ווי איר, האָב איך גאַנצע נעכט געשריבן, גאַנצע טעג געקלאַפּט אין טירן, נישט געקאָנט געפינען קיין בעלן. האָב איך זיך געכעסט, געשאָלטן פעך און שוועבל אויף דער וועלט...

נפתלי:

נו?

פּראָפעסאָר:

האָב איך אַ שפּיי געטאָן — און אויפגעהערט שרייבן!

נפתלי:

און איר שרייבט מער נישט?

פּראָפעסאָר:

ניין, מיין פריינד. כ׳האָב איינגעזען, אַז זיי זענען גערעכט... סתם

שרייבן איז אַ ברכה־לבטלה. אַ שרייבער מוז האַלטן זיין פינגער אויף דעם פולס פון דער וועלט, נישט שרייבן בלויז דאָס וואָס אים געפעלט...

נפתלי:

אויב איר האָט עס אַלץ געוווּסט, פאַרוואָס האָט איר אַזוי נישט געשריבן?

פראָפעסאָר:

וויסן איז נישט גענוג, מ׳מוז געבוירן ווערן מיט אַ חוש דערפאַר. מיר האָט געפעלט דער חוש, האָב איך געזוכט אַנדערע וועגן ווי אָנערקענט צו ווערן...

נפתלי:

האָט איר געפונען?

פראָפעסאָר:

יאָ. דאָ בין איך אָנערקענט! (ווייזט מיט די הענט אויפן פּאַרק) דאָ איז מיין וועלט... כ׳גיי אַרום אַ גאַנצן טאָג מיטן זאַק, מיטן שפּיציקן שטעקן, שטעך פּאַפּירלעך, און שטודיר, לערן...

נפתלי:

וואָס?

פראָפעסאָר:

(ווייזט מיטן שטעקן אין אַלע ווינקלען):

דעם... יענעם... אָט יענעם דאָרטן... אייך...

נפתלי:

מיך?...

פראָפעסאָר:

איר מיינט ווען אייער ווייב קומט אייך זוכן אַהער און געפינט אייך דאָ, איז נישט קיין אינטערעסאַנט קאַפּיטל? (פּויזע) מ׳זעט מיך אַרומגיין מיטן שפּיציקן שטעקן, די אויגן איינגעגראָבן אין דער ערד, שטעך אַ פּאַפּירל דאָ, אַ פּאַפּירל דאָרטן, אָבער כ׳זע אַלץ וואָס ס׳טוט זיך אַרום. (פּויזע) אַמאָל איז אַ זאַך נישט פאַרשטענדלעך, וואַרט איך ביז איך דערהער אַ וואָרט, אַ זיפץ, אַ ניגון, און אַ מאָל, אַפילו ווען איך הער גאָרנישט, ווערט מיר אויך דער גאַנצער ענין קלאָר... (פלוצלינג) וואָס דאַרפט איר מער, ווו זענען אייערע טייבעלעך?

נפתלי:

כ׳ווייס ווו... אַוועקגעפלויגן.

פּראָפּעסאָר:

ס'איז נישט אַזוי פּשוט. בטבע זענען טייבעלעך זייער לאָיאַל, און אויב זיי זענען פון אייך אַוועק — האָבן זיי געהאַט אַ גרונד דערצו... איך האָב דעם ענין געניי אויסגעפּאָרשט...

נפתלי:

וואָס האָט איר אויסגעפונען?

פּראָפּעסאָר:

אין צווייטן עק פּאַרק האָט זיך באַוויזן איינער וואָס ברענגט זיי אַלע טאָג עסן, זענען זיי אַוועק צו אים... טייבעלעך זענען ווי פּרויען: וועד ס'גיט זיי עסן — אַהין גייען זיי... (פויזע) **וואָס מאַכט עפּעס די מאַדאַם ניידור?**

נפתלי:

אַ דאַנק, וואָס זאָל זי מאַכן?

פּראָפּעסאָר:

אַ קלוגע פרוי... (שטעכט שטיקלעך פּאַפּיר אַרוס) **וועגן די טייבעלעך זאָרגט זיך נישט. ווען איר וועט האָבן פאַר זיי עסן, וועלן זיי קומען צוריק... אַ גוטן טאָג!**

(אָפּ. נפתלי קוקט אים נאָך ביז ער פאַרשווינדט, ער איז מיד און דער־שעפּט, פון דערווייטנס דערטראָגט זיך דאָס שלאָגן פון אַ זייגער. מיט יעדן שלאָג פון זייגער נידערט נפתלי'ס קאָפּ אויף זיין ברוסט. דאָס ליכט ווערט טונקעלער ביז ס'ווערט אין גאַנצן פינצטער. די פינצטערניש האַלט אָן עטלעכע סעקונדן. ווען ס'ווערט איבעראַניים ליכטיק, זיצט דער מאַן וואָס איז געווען איינגעגראָבן אין דער צייטונג נעבן אים. ער איז יונג, פראַנטיש געקליידט.

ווען נפתלי דערזעט אים נעבן זיך, איז ער פאַרוואונדערט. ווען זייערע בליקן באַגעגענען זיך, פאַרנייגט זיך נפתלי און שטאַמלט אַרויס)

נפתלי:

ווי שפּעט איז שוין?

מאַן:

ס'איז קיינמאָל נישט שפּעט.

נפתלי

(קוקט אים אָן מיט חשד):

כ'מיין וויפל איז דער זייגער?

מאַן

(נעמט אַרויס אַ זייגערל וואָס ליגט אין אַ שייד):

דריי און אַ האַלב מינוט נאָך עלף.

נפתלי

(זיין חשד איז איצט פאַרוואַנדלט אין פאַרווונדערונג, רעדט אים נאָך שטיל):

דריי און אַ האַלב מינוט נאָך עלף... וואָס פאַר אַ זייגער איז דאָס?

מאַן:

דער פּינקטלעכסטער זייגער אויף דער וועלט...

נפתלי:

אַ גאָלדענער?

מאַן:

יאָ, אפילו די ווייזערלעך זענען גאָלדענע, און אינעווייניק די רעדלעך זענען פון ריינעם גאָלד...

נפתלי:

אַזוי, ריינער גאָלד (שטרעקט אויס די האַנט) **דערלויבט מיר...** (מאַן גיט אים דאָס זייגערל, ער וועגט עס אין האַנט) **גאַנץ שווער... אַ מאָדנע קייטל... דימענטן?**

מאַן:

הע, דימענטן?... איר ווייסט פון וואַנען זיי שטאַמען? פון גרונט פון די דאַרדאַנעלן!

נפתלי:

אַזוי?... ווי קומט מען צו אַהין?

מאַן:

מ'קומט שוין צו...

נפתלי:

און דאָס שיידל? נישט קיין גאָלדנס, האַ?

מאַן:

ניין... ס'איז פון אַזאַ פישביין. איין פיש אַזאַ האָט זיך געפונען אין אַלע 7 ימים...

נפתלי:

האָט מען אים געכאַפּט און געמאַכט דאָס שיידל?

מאַן:

יאָ.

נפתלי:

אַזוי?... טצע! טצע! טצע! איין פיש אין אַלע 7 ימים... און דעם דימענט אין שיידל האָט מען אויך געפונען אין דעם פיש?

מאַן:

ניין, דער דימענט איז פון נבוכדנצרס קרוין...

נפתלי

(אויסער זיך):

פון נבוכדנצרס קרוין?

מאַן:

יאָ, איין דימענט פאַרבליבן, און דאָס איז ער...

נפתלי:

און... און דאָס זייגערל גייט?

מאַן

(לייגט צו דאָס זייגערל צו נפתלים אויער):

נו, עס גייט?... האַ! האַ! אין 10 יאָר האָט עס זיך פאַרשפעטיקט אויף איין סעקונדע.

(נפתלי קאָן זיך נישט אָפּקוקן פון זייגערל, ביז דער מאַן נעמט עס אַוועק פון אים כמעט מיט גוואַלד. דערנאָך נעמט ער אַרויס אַ ציגאַרן־פּושקע. נפתלי עפנט ברייט זיינע אויגן)

נפתלי:

אויך אַ גאָלדענע?

מאַן:

יאָ. (עפנט אויף די ציגאַרן־פּושקע, שטרעקט עס אויס צו נפתלין) איר רויכערט?

נפתלי:

ניין, אַ דאַנק. (מאַן פאַררויכערט אַ ציגאַר) אַ פיינער ריח!

מאַן:

פון אַלץ ווערט איר נתפעל, אַ ציגאַר ווי אַלע ציגאַרן... נאָר דאָ איז עס שווער צו קריגן, ס'קומט פון אַ געוויסן אינדזל... יענע מענטשן דאָרטן זענען די איינציקע, וועלכע ווייסן די קונסט פון פּרעזערווירן דעם אַראָמאַט

אין די ציגאַרן. ביי יעדן טאַבאַקבלאַט שטייט אַ מענטש און גיט אַכטונג, אַז ער זאָל קריגן גענוג רעגן און זונשיין...

נפתלי:

די ציגאַרן מוזן קאָסטן אַ סך געלט.

מאַן:

מיך קאָסטן זיי נישט קיין סך געלט, דער אינדזל איז מיינער...

נפתלי:

וואָס זשע טוט איר דאָ?

מאַן:

געשעפט.

נפתלי:

וואָס פאַראַ געשעפט?

מאַן:

אַלצדינג איז געשעפט... און וואָס טוט איר דאָ?

נפתלי:

מ׳קאָן זאָגן — אויך צוליב געשעפט...

מאַן:

נו, זענען מיר דאָך גלייכע מענטשן... (גיט אים די האַנט) ס׳פרייט מיך...

נפתלי

(גיט אים די האַנט, שמייכלט):

מער נישט — איך האָב נישט אַזאַ זייגער ווי איר און רויכער נישט אַזעלכע ציגאַרן ווי איר...

מאַן:

ס׳מאַכט נישט, געשעפט איז געשעפט...

נפתלי:

האַנדלט איר, אפשר, מיט... מיט... מיט קונסט?

מאַן

(פאַרוווּנדערט):

מיט וואָס?

נפתלי:

קונסט...

מאַן:

וואָס איז דאָס אַזוינס?

נפתלי:

איר ווייסט נישט וואָס קונסט איז? קונסט איז אייביקייט!...

מאַן:

האַנדלט איר מיט אייביקייט?

נפתלי:

איר פאַרשטייט מיך נישט. איך האַנדל מיט קונסט, און קונסט איז אַן אייביקייט...

מאַן:

יאָ, דאָס האָט איר געזאָגט, אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס?

נפתלי:

קונסט... קונסט איז געווען די ערשטע שאַפונג אויף דער וועלט, און אַלץ וואָס ס׳איז דערנאָך באַשאַפן געוואָרן, איז געווען מיט קונסט און דורך קונסט.

מאַן:

איז מיט דעם האַנדלט איר?

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

מאַן:

איך מיין גאָרנישט, דאָס זענען דאָך אייערע ווערטער

נפתלי

(פאַרלאָרן):

איר פרעגט מיך וואָס קונסט איז, זאָג איך אייך...

מאַן:

איר דערציילט מיר מעשות — „אייביקייט", „ערשטע שאַפונג". ס׳קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט... איר זעט דאָרט אַ הויז? מ׳דאַרף מער גאָרנישט זאָגן, מ׳זעט עס; דאָ — מענטשן, מ׳זעט זיי... צי אָט — האָט איר אַ זייגערל, (נעמט אַרויס דאָס זייגערל) מ׳זעט עס.

נפתלי

(זיגרייך):

דאָס זייגערל איז אויך קונסט...

מאַן

(טוט אַ מאַך מיט דער האַנט):

מ׳קאָן מיט אייך צו קיין טאָלק נישט קומען, זאָגט מיר בעסער: ווי רופט מען אייך?

נפתלי:

נפתלי, נפתלי ניידור.

מאַן:

ניידור... ניידור... מיסטער ניידור? ס׳איז דאָך עפּעס נישט קיין נאָמען... (פּלוצלינג) הערט, פאַרוואָס רופט איר זיך נישט... זילבער... מיסטער זילבער... אַ סך שענער ווי... ווי הייסט איר דאָרטן... ניידור...

נפתלי

(מיט חוזק):

פאַרוואָס זילבער? פאַרוואָס נישט גאָלד?

מאַן:

גאָלד — איז מיין נאָמען...

נפתלי:

דערפאַר ווילט איר איך זאָל זיך רופן זילבער?

גאָלד:

ס׳איז אַ בעסערער און אַ שענערער נאָמען; ס׳רעדט זיך אַרויס גרינגער... אַ נאָמען איז זייער וויכטיק.

נפתלי:

ניידור רעדט זיך אַרויס גרינג און איז פּונקט אַזוי וויכטיק...

גאָלד:

זייט נישט קיין עקשן! (פּויזע) איר שרייבט שוין לאַנג?

נפתלי:

יאָ, שוין לאַנג, לאַנג, אַז איך שרייב... זינט איך געדענק זיך... (פּלוצלינג) פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך שרייב?

גאָלד:

ס׳איז אויסגעדריקט אויף אייער פּנים... (נפתלי טאַפּט דאָס פּנים) ס׳איז אַזאַ נאַרישע פאַרחלומטקייט וואָס מ׳קאָן מיט די הענט נישט אָנטאַפּן...

נפתלי:

וואָס ווילט איר פון מיין לעבן?

גאָלד:

איר לעבט דען?

נפתלי:

וואָס מיינט איר? אַוודאי לעב איך, וואָס דען, כ'גיי אַרום אַ געשטאָר־בענער?...

גאָלד:

איר האָט היינט געגעסן?

נפתלי:

איר האָט צופיל חוצפה!

גאָלד:

חוצפה און געלט גייען האַנט אין האַנט... ווען נישט מיין חוצפה, וואָלט איך געווען אַזאַ קבצן ווי איר...

נפתלי:

איך בין נישט אַזאַ קבצן ווי איר מיינט...

גאָלד

(נעמט אַרויס אַ פּאַק פּאַפּיר־געלט):

אויב אַזוי, טוט מיר אַ טובה: בייט מיר אָפּ אַ טויזנטער... אַ פינפ־הונדערטער, (פויזע) אַ הונדערטער, אַ צענערל, אַ דאָלער, אַ קוואָדער...

נפתלי:

מיסטער גאָלד, געלט איז נישט אַלץ...

גאָלד

(מאַכט זיך תמעוואַטע):

אַזוי? מיט וואָס זשע, זאָגט איר, קויפט איר ברויט, פּוטער, אַ העמד, אַ שוך, אַ פּאָר הויזן?

נפתלי

(פאַרלאָרן):

איר פאַרוואַרפט מיך מיט פראַגן פונקט ווי איך וואָלט עמעצן דערהרגעט...

גאָלד:

אוודאי האָט איר דערהרגעט!

נפתלי:

וועמען?

גאָלד:

זיך!

נפתלי
(איריטירט):
וואָס ווילט איר? ווער זענט איר?

גאָלד:
איך בין דער סוד פון אייביקייט! איך מאַך חרוב וועלטן און איך בוי זיי צוריק אויף!

נפתלי
(אויסער זיך):
אַזוי ריידן רעדט איינער וואָס איז משוגע אָדער חסר־דעה...

גאָלד
(אין זעלבן טאָן):
איך בין דער סוד פון אייער אומשטערבלעכקייט!

נפתלי
(רוקט זיך אָפּ מיט שרעק):
איך הייב אָן מורא צו האָבן פאַר אייך...

גאָלד:
זייט נישט קיין טיפּש! (פריינדלעך) איך בין אויך דער באַלזאַם צו אַלע ווונדן און די האָפענונג פון יעדן מענטשן...

נפתלי:
איך הייב אייך נישט אָן צו גלייבן...

גאָלד:
אָט וועל איך אייך באַווייזן: מיר זענען דאָ אין פּאַרק, קיינער אַ חוץ אונדז איז דאָ נישטאָ, איאָ?

נפתלי:
ס'טרעפט אַמאָל, אַז אַלע צעגייען זיך, וואָס איז דער וווּנדער?

גאָלד:
דער וווּנדער איז: טראַכט עפּעס אויס וואָס איר ווילט און אין איין אויגנבליק וועט איר עס האָבן... נו, וואָס ווילט איר?

נפתלי:
איך וויל גאָרנישט...

גאָלד:
איר זענט אַ ליגנער! איר ווילט אַ זייגער, אַ קייט, אַ הויז, אַן אויטאָמאָביל! אַלץ וואָס איר זעט, ווילט איר! אַלע ווילן! אָט וועל איך

איך וויזן וואָס מענטשן זענען גרייט צו טאָן פאַר געלט: (שטעלט זיך אויפן באַנק, רעדט הויך) **ווער וויל פאַרדינען געלט?**

נפתלי:

צו וועמען רעדט איר? ס'איז דאָך דאָ קיינער נישטאָ...

גאָלד:

איר'ט באַלד זען...

(אין אַ ווײַלע אַרום הייבן זיך אָן צוזאַמענלויפן מענטשן פון אַלע זייטן, איינציקע קאָנען אַזש דעם אָטעם נישט כאַפּן)

ערשטער:

וואָס וויל דער הער?

צווייטער:

וואָס פאַרלאַנגט דער הער?

דריטער:

וואָס ווינטשט דער הער?

פערטער:

מיט וואָס קאָן איך דינען דעם הער? (און אַזוי ווייטער)

גאָלד:

וואָס האָט איר צו פאַרקויפן?

קולות:

וואָס איר ווילט...

רופט עס אָן ביים נאָמען!

פון אַ נאָדל ביז אַ העלפאַנד!

אַלץ אונטער דער זון!

גאָלד

(טראַכט נאָך):

שנאָפּס! ווער פון אייך קאָן מיר ברענגען אַ גוט ביסל שנאַפּס?

אַלע:

איך! איך! איך!

גאָלד:

ווער ס'וועט ברענגען דער ערשטער, דער קריגט אַ גאַנצן הונדערטער! (נעמט אַרויס אַ פּאַק פּאַפּירגעלט) **אַ גאַנצן הונדערטער, אַ קנאַקעדיקן הונדערטער!** (אַלע פּרוּוון אַנטלויפן מיט אַ מאָל. מ'לויפט, מ'פאַלט איינער אויפן צווייטן, ביז אַלע פאַרשווינדן. צו נפתלין) **וואָס וועט איר איצט זאָגן,**

מיסטער זילבער? צי ווילט איר נאָך אַלץ, אַז איך זאָל אייך רופן מיסטער ניידור?

נפתלי:

וואָס האָט איר מיר דאָ באַוויזן?

גאָלד:

איך האָב אייך באַוויזן, אַז פאַר אַ דאָלער וועט מען גיין אין פייער און אין וואַסער. איר ווייסט דען וואָס פאַראַ שטראָף ס׳קומט פאַר פאַר־קויפן שנאַפּס אָן לייסנס? און דאָ אין פּאַרק איז די שטראָף טאָפּל. אָבער פאַר אַ הונדערטער וועלן זיי אַלץ איינשטעלן, אפילו זייער פרייהייט...

רויכווינט

(קומט צולויפן כמעט אָן אָטעם, מיט אַ פלעשל אויסגעשטרעקט אין דער רעכטער האַנט):

נאַט אייך, מיין הער! (גיט גאָלדן דאָס פלעשל).

גאָלד

(באַטראַכט דאָס פלעשל):

ווי האָסטו אַזוי שנעל געקראָגן דאָס פלעשל שנאַפּס?

רויכווינט

(קוקט מיט חשד אַרום):

ששש! זאָל דאָס בלייבן אַ סוד צווישן אונדז. איך טראָג עס שטענדיק מיט זיך אַרום, ווייל בעלנים אויף דעם איז אַלע מאָל דאָ, דאָס וואָס איך בין אַנטלאָפן גלייך מיט אַלעמען, איז כדי זיי זאָלן נישט פאַלן אויפן שכל און עס אויך אַרומטראָגן מיט זיך, אין דער אמת אָבער האָב איך, אַפּלויפנדיק אַ שטיקל וועג, זיך גלייך אומגעקערט. אָבער די סחורה איז די סאַמע בעסטע, פאַרזוכט!

גאָלד:

ווי איז דיין נאָמען?

רויכווינט:

מיסטער רויכווינט, און איך האָב די בעסטע רעפערענס...

(ביסלעכווייז הייבן זיך אָן צוזאַמענקלייבן מענטשן מיט פלעשער אויסגעשטרעקט אין דער לופטן).

ערשטער:

סקאַטש!

צווייטער
(מיט צוויי פלעשער):
סקאָטש און בוירבען!

דריטער:
טרי סאָארס!

פערטער:
טרי פעדערס!

פינפטער:
פאָר ראָזעז!

גאָלד:
צו שפּעט, מיינע הערן. אָט דער מיסטער רויכווינט איז געשיקטער פון אייך אַלעמען, ער איז דער ערשטער וואָס האָט געבראַכט דעם שנאַפּס.
(רופט אים. רויכווינט גייט צו געדולדיק, גאָלד גיט אים אַ באַנקנאָט)
נאַ דיר דעם הונדערטער!
(די איבעריקע זענען אומצופרידן. גאָלד באַמערקט עס, רעדט צו זיי)
אויך אייך, מיינע הערן, וועל איך געבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלער. ווער וויל פאַרקויפן זיין קראַוואַט?

אַלע:
איך! איך! איך! איך!

גאָלד:
דער ערשטער וואָס דערלאַנגט מיר זיין קראַוואַט קריגט אַ צענערל.
(אַלע וואַרפן אַראָפּ די רעקלעך און נעמען זיך אויסטאָן די קראַוואַטן, רויכווינט שלעפּט אַרויס זיין קראַוואַט, גיט עס גאָלדן, גאָלד באַטראַכט עס)
ער איז דאָך אַן אַלטמאָדישער...

רויכווינט:
אַוודאי איז ער אַן אַלטמאָדישער, אָבער ער האָט די מעלה וואָס ס'נעמט בלויז אַ סעקונדע עס אָנצוטאָן, די נייע וואָס מ'דאַרף אויסבינדן נעמען צופיל צייט; מ'קאָן אַ מאָל פאַר דער צייט פאַרשפּעטיקן אַ וויכטיק געשעפט...

גאָלד:
קלוג, זייער קלוג! נאַ דיר דאָס צענערל...

רויכווינט:
ווילט איר אפשר קויפן מיין אויבערראָק, מיינע הויזן, אַלע אימפּרוווי-

מענטס, ניין? אפשר זענט איר אַ בעלן אויף אַ זייגערל? (כאַפּט אַרויס אַ זייגערל פון קעשענע, לייגט עס צו צום אויער) **ס׳גייט!...**

גאָלד

(קוקט אויף נפתלין):

גוט, איך וועל קויפן ביי אייך דאָס זייגערל.

רויכווינט

(כאַפּט אַרויס אַ קייטעלע פון אַן אַנדער קעשענע):

אַז איר קויפט דאָס זייגערל וועט איר מוזן קויפן דאָס קייטעלע אויך...

גאָלד:

אַוודאי, דאָס קייטעלע אויך...

(נעמט דאָס זייגערל מיט דעם קייטעלע, ער גיט אים געלט, רויכווינט צענעמט די פּאָלעס).

רויכווינט:

אַ וויסן זשילעט? אַ ציגאַרן־פּושקע? אַן אינשורענס־פּאָליסי? אַ ירושה? ניין? אפשר ווילט איר מיך אין גאַנצן קויפן?

גאָלד:

ווי איך זע ביסטו אַ גאַנץ גוטער געשעפטסמאַן, דו וועסט שוין דיין שטעטל באַשטיין. זאָג מיר, ווילסטו עפּעס קויפן?

רויכווינט:

קויפן און פאַרקויפן דאָס איז מיין דעוויז... וואָס האָט איר צו פאַר־קויפן?

גאָלד

(ווייזט אָן אויף נפתלין):

ער האָט עפּעס צו פאַרקויפן.

רויכווינט:

וואָס איז דאָס אַזוינס?

גאָלד:

פרעג אים...

רויכווינט

(מעסט אָפּ נפתלין פון קאָפּ ביז די פיס. צו גאָלדן):

ס׳גלייבט זיך מיר נישט, אַז פון אים זאָל מען קאָנען עפּעס פאַרדינען...

(גייט צו צו נפתלין) **וואָס פאַרקויפט איר?** (נפתלי ווייזט אָן אויף די

מאַנוסקריפּטן, רויכווינט באַטראַכט אַ מאַנוסקריפּט, וועגט עס מיט די הענט) ס׳איז אַזוי גרינג, וואָס איז עס?

נפתלי:

קונסט.

רויכווינט:

וואָס איז קונסט?

די זייטיקע:

טאַקע, וואָס איז דאָס אַזוינס:

נפתלי:

וואָס קונסט איז, קאָן מען נישט דערקלערן, מ׳מוז עס פילן...

רויכווינט:

מיט די הענט? מיט די פיס? מיט...

נפתלי:

מיט אַלע אברים...

רויכווינט

(טאַפּט מיט די הענט, שמעקט מיטן נאָז):

איך פיל גאָרנישט... (פּלוצלינג) האָט עס נישט אַמאָל צו טאָן מיט אַטאָמישער באָמבע?

(אַלע הייבן זיך אָן אָוועקרוקן מיט חשד).

נפתלי:

האָט קיין מורא נישט, ס׳איז נישט קיין באָמבע... קונסט איז פיל שטאַרקער ווי באָמבעס, אפילו נאָך דעם ווען אייערע אַטאָמישע באָמבעס וועלן חרוב מאַכן די וועלט, וועט קונסט אויפבויען אַ נייע וועלט...

רויכווינט:

איר מיינט מיר צו זאָגן, אַז איר האָט נאָך עפּעס בעסערס ווי אַטאָמישע באָמבעס?

נפתלי:

איך רייד וועגן שיינקייט, אייביקייט, און איר רעדט וועגן פאַרוויסטונג... איך רייד וועגן לעבן און איר רעדט וועגן טויט...

איינער:

לאָמיר גיין, ער נודיעט...

רויכווינט:

וואַרט! אפשר קאָן מען פאַרט פון זיין קונסט מאַכן אַ שטיקל ביזנעס?

נפתלי:

קונסט איז נישט קיין ביזנעס! קונסט ווערט באַשאַפֿן דורך פּייניקן דעם קערפּער, דורך לייטערן די נשמה!

רויכווינט:

סאָ וואָס, אין די העל, איז איט?

נפתלי

(רופט צו רויכווינטן צו זיך):

אַלע ברואים פון דער וועלט זענען באַשאַפֿן געוואָרן צו קוקן מיט די אויגן אַראָפּ, אָבער נישט דער מענטש!

רויכווינט:

איז עס מיין שולד?

נפתלי:

דאָס איז כדי ער זאָל מיט איין קוק זען אַלע עקן פון דער וועלט, זען די שיינקייט פון זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג, אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, די שפּיצן פון די העכסטע בערג, די...

רויכווינט

(פאַלט אים אַריין אין די רייד):

וואָס מאַכט איר זיך נאַריש? ווער דאַרף די זון, די לבנה, דעם רעגנבויגן? שנאַפּס איז בילכער פון ברויט!

נפתלי:

קונסט איז פונקט אַזוי וויכטיק ווי ברויט און שנאַפּס, ווייל קונסט איז שפּייז פאַר דער נשמה...

רויכווינט:

מיסטער! אין אַזאַ ביטערן יקרות ווי היינט, איז פלענטי, אַז מ'קאָן שפּייזן דעם קערפּער און נישט נאָך קאָרמענען די נשמה... (צו די איבעריקע) קומט לאָמיר גיין, ער רעדט אין דער וועלט אַריין... (ער גייט אָפּ עטלעכע טריט, קערט זיך אום, גיט אים אַ וויזיט־קאַרטל) דאָ האָט איר מיין אַדרעס, ווען אייער קונסט וועט זיין אַזוי גאַנגבאַר ווי שנאַפּס, זייגערלעך, קייטעלעך — לאָזט מיך וויסן, וועלן מיר טאָן ביזנעס. (אַלע אָפּ)

גאָלד

(נאָך אַ פּויזע):

אָט דער רויכווינט, איז אַ וועלט־מענטש! (פּויזע) וועל, מיסטער זילבער, זענט איר גרייט צו טאָן ביזנעס?

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

גאָלד:

איר זענט דאָך אַ שרייבער, ניין?

נפתלי:

אָ, דאָס מיינט איר? אַוודאי בין איך אַ שרייבער...

גאָלד:

וואָס שרייבט איר?

נפתלי:

ראָמאַנען... דראַמען...

גוט, מ׳עט דרוקן אייערע ראָמאַנען, מ׳עט שפּילן אייערע דראַמען.

נפתלי:

זיי וועלן עס נישט דרוקן.

גאָלד:

אַז איך וועל הייסן, וועלן זיי דרוקן. אָבער...

נפתלי:

וואָס?

גאָלד:

איר זאָלט מער נישט דערמאָנען דאָס וואָרט קונסט!

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

גאָלד:

מענטשן האָבן מורא פאַר אָט־דעם וואָרט...

נפתלי:

דאַרף מען זיי אויפווייזן, אַז ס׳איז אַן אומזיסטיקע מורא...

גאָלד:

זאָלן דאָס אַנדערע טאָן, נישט איר. קומט!

נפתלי:

וווהין?

נפתלי:

צום בוך־מאַנופעקטשורער און צום טעאַטער־פּראָדוסער. (נפתלי בלייבט זיצן) איר ווילט נישט גיין — גייט נישט, איך מוז גיין, אַ וועלט אַ גאַנצע וואַרט אויף מיר... (לאָזט זיך גיין)

נפתלי:

מיסטער גאָלד! מיסטער גאָלד! (גאָלד בלייבט שטיין, ער גייט צו צו אים) איך בעט אייך, גיט מיר צייט זיך צו באַטראַכטן..

גאָלד:

איר האָט געהאַט גענוג צייט... (איז ווידער גרייט צו גיין).

נפתלי

(אין פאַרלעגנהייט):

איך מוז אָבער פריער צוגיין אַהיים.

גאָלד:

נאָך וואָס?

נפתלי:

זי וועט נישט וויסן וואָס איבערצוקלערן.

גאָלד:

ווער?

נפתלי:

מיין ווייב...

גאָלד:

איר מיינט צו זאָגן, אַז איר האָט אַ ווייב?

נפתלי:

איך טאָר נישט האָבן קיין ווייב אויך?

גאָלד:

ניין, אדרבה...

טאָ וואָס זשע וווּנדערט איר זיך?

גאָלד:

מיר איז בלויז קשה וואָס זי האָט אייך געלאָזן זיך נאַריש מאַכן... ווייבער זענען געוויינלעך קלוג... וואָס פאַראַ ווייב איז זי?

נפתלי:

זי איז דאָס ליכט פון מיין לעבן...

גאָלד:

זענט איר דאָך אַ גליקלעכער מענטש... אַזאַ ווייב איז זייער שווער צו געפינען...

נפתלי:

איך ווייס.

ג אָ ל ד:

איז זי גליקלעך?

נ פ ת ל י:

יאָ... אַ חוץ ווען ס'טרעפט אַמאָל, אַז ס'פעלט עפעס אויס...

ג אָ ל ד:

אייער ווייב טאָר גאָרנישט פעלן! אין סאַמעט און אין זייד דאַרף זי גיין אָנגעטאָן! דימענטן און בריליאַנטן דאַרף זי טראָגן, דינער און דינסטן דאַרפן זי באַדינען! זי איז דאָך דאָס ווייב פון אַ באַרימטן שרייבער...

נ פ ת ל י

(פאַרשעמט):

איך האָב דאָס איר אויך געזאָגט...

ג אָ ל ד:

אָבער האָט זי דאָס אַלץ? לעבט זי אין דעם לוקסוס וואָס זי פאַרדינט? נייך, האַ? און גאַנץ אָפּט הונגערט זי מסתמא? שעמען מעגט איר זיך! די פרוי, וואָס איז דאָס ליכט פון אייער לעבן, זאָל אַזוי פאַרפינצטערט ווערן! איר זענט דאָך אַ גזלן, אַ מערדער! שיסן קומט דאָך אייך!... קומט, פירט מיך צו אייער ווייב!...

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטע סצענע

בײַ נפתלין אין שטוב. רבקה זיצט בײַם טיש ווי אין סוף פון דער ערשטער סצענע. נפתלי און גאָלד קומען אַרײַן. רבקה — פאַר־װוּנדערט.

נ פ ת ל י

(צו גאָלדן, אָנווײַזנדיק אויף רבקהן):

מײַן פרוי, רבקה. (צו רבקהן) **רבקה, מיסטער גאָלד.**

ג אָ ל ד

(פאַרנייגט זיך):

ס׳פרייט מיך זייער אײַך צו קענען.

ר ב ק ה:

כ׳קאָן זיך נישט דערמאָנען װוּ איך האָב אים געזען... (צו נפתלין) **ביסט דאָך געגאַנגען פאַרקויפן דײַנע מאַנוסקריפּטן...**

ג אָ ל ד:

איך האָב אײַך געוואָלט זען אײדער מיר גייען פאַרקויפן.

ר ב ק ה:

מיך?

ג אָ ל ד:

כ׳האָב געוואָלט דערגיין די סיבה וואָס טרײַבט אים צו פאַרקויפן דאָס וואָס ער שרײַבט...

ר ב ק ה:

דאָס שרײַבן אַליין איז אַ גענוגנדיקע סיבה.

ג אָ ל ד:

נישט אין זײַן פאַל...

ר ב ק ה:

איר האָט געלייענט וואָס ער שרײַבט?

גאלד:

איך לייען נישט.

רבקה:

טאָ וואָס זשע רעדט איר?

גאלד:

מענטשן זענען נישט וואָס זיי זענען, נאָר וואָס זיי ווילן זיין...

רבקה

(קוקט אים אָן פאַרדעכטיקט. צו נפתלין):

ווו האָסטו אים דערטאַפּט.

נפתלי:

אין פּאַרק.

רבקה:

(אַנטוישט):

היינט האָב איך זיך אסור געריכט דו זאָלסט גיין אין פּאַרק.

גאלד:

איר האָט אַ טעות, דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער שריט וואָס ער האָט געמאַכט אין זיין לעבן...

נפתלי:

ער זאָגט, אַז ער וועט מיך מאַכן באַרימט...

גאלד:

האַלבבאַרימט איז ער שוין...

רבקה

(צו גאָלדן):

ווו האָב איך אייך פאָרט געזען?

גאלד:

ס'איז נישט וואָס מ'זעט, נאָר וואָס מ'וויל זען...

רבקה

(צו נפתלין):

פאַרוואָס רעדט ער אַזוי פאַרשטעלט?

גאלד:

איך רעד אָפן; איר — פּלאָנטערט זיך...

נפתלי:

אין אָנהייב האָב איך אים אויך נישט פאַרשטאַנען.

רבקה

(צו נפתלין, אומגעדולדיק):

ווּעסטו היינט נישט גיין מכוח דיינע מאַנוסקריפּטן?

גאָלד:

מיר ווּעלן גיין אַזוי שנעל ווי מיסטער זילבער ווּעט זיך ברענגען אין אָרדענונג. (נפתלי קוקט אים אָן פאַרווּנדערט) **קיין אַנדערע מלבושים האָט איר דאָך מסתמא נישט. אָבער אייער קראַוואַט איז שטאַרק אָפּגעטראָגן.** (גיט אים דעם קראַוואַט) **טוט אָן דעם...** (דערמאָנט זיך אין זייגערל) **אַ זייגערל גיט אויך צו אַ געוויסע מאָס חשיבות, טוט עס אָן... און... ראַזירט זיך אָפּ, מיר דאַרפן זען מענטשן און איר מוזט מאַכן אַ גוטן איינדרוק... נו, וואָס שטייט איר? צייט איז געלט...** (נפתלי קוועטשט מיט די אַקסלען, אָפּ הינטער די פאָרטיערן, גאָלד גייט צו צו רבקהן) **מאַדאַם זילבער!...**

רבקה

(פאַרווּנדערט):

זילבער?

גאָלד:

כ'האָב געביטן אייער נאָמען...

רבקה:

וואָס פאַראַ רעכט האָט איר בייטן אונדזער נאָמען?

גאָלד:

דער נאָמען „ניידור" געפעלט מיר נישט.

רבקה:

און זילבער געפעלט אייך יאָ?

גאָלד:

אַוודאי, ס'האָט מער ממשות, ס'האָט מער פאַרנעם! פאַרגעסט נישט, אייער מאַן ווּעט אין גיכן באַרימט ווערן איבערן גאַנצן לאַנד...

(נפתלים קאָפּ באַווייזט זיך דורך די פאָרטיערן)

רבקה:

איר האָט געלייענט זיין לעצטן ראָמאַן?

גאָלד:

איך האָב אייך געזאָגט: איך לייען נישט.

רבקה:

פון וואַנען זשע ווייסט איר, אַז ער ווּעט באַרימט ווערן?

גאָלד:

אײַן קוק אויף אײַך האָט מיך איבערצײַגט, אַז ער וועט באַרימט ווערן...

רבקה:

וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר? ער שרײַבט דאָך...

גאָלד

(געשטאַנען די גאַנצע צײַט מיט דער פּלײצע צו די פּאַרטיערן, דרייט זיך פּלוצלינג אויס, נישט איבערראַשט וואָס נפתלי הערט זיך צו):

איר, מיסטער זילבער, מיינט דאָך אַוודאי אויך אַז איר שרײַבט, זאָג איך אײַך, אַז איר האָט אַ טעות. זי, (ווײַזט אָן אויף רבקהן) זי שרײַבט... (נפתלי מאַכט אַ באַוועגונג עפּעס צו זאָגן, גאָלד גיט אים נישט קיין מעגלעכקייט) אויף דעם וואָס איר ווילט מיך פרעגן וועל איך אײַך ענט־פערן: מאַנסבילן פאַרנעמען טאַקע דעם אויבנאָן, אָבער ווען נישט די פרוי וואָלט קיין אויבנאָן נישט געווען... אגב, מיסטער זילבער, ס'איז נישט שיין זיך אונטערצוהערן וואָס מ'רעדט. חוץ דעם וואָס ס'איז זייער אַ שלעכטע מידה, איז פּשוט קיין צײַט נישטאָ דערפאַר... (נפתלי אָפּ פאַר־שעמט. צו רבקהן) פאַרוואָס האָט איר חתונה געהאַט מיט אים?

רבקה

(שטאַמלט):

כ'האָב אים ליב...

גאָלד:

ס'אַ ליגן!

רבקה

(אויסער זיך):

צו אייער חוצפה איז גאָר קיין ברעג נישטאָ...

גאָלד:

אמת גרענעצט זיך מיט חוצפה...

רבקה

(אין זעלבן כעסיקן טאָן):

איר זאָגט: כ'האָב אים נישט ליב. פון וואַנען ווייסט איר?

גאָלד:

חוה האָט חתונה געהאַט מיט אדמען ווייל ער איז געווען דער איינציקער מאַן אויף דער וועלט. היינט האָט מען חתונה צוליב באַשטימטע סיבות...

רבקה:

ליבע איז איינע פון די סיבות.

גאָלד

(אומגעדולדיק):

ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ „קונסט", און איר — „ליבע"...

רבקה:

וואָסזשע דען מיינט איר, איז די סיבה?

גאָלד:

זיין שרייבן!

רבקה:

זיין שרייבן איז איינע פון די סיבות.

גאָלד:

נישט אמת, זיין שרייבן איז געווען די הויפּט־סיבה! איר האָט אַלע מאָל געטראַכט אַז זיין שרייבן וועט זיין אַ דערפאָלג...

רבקה:

אַוודאי האָב איך וועגן דעם אויך געטראַכט...

גאָלד:

טאָ וואָס זשע דרייט איר אַ קאָפּ מיט ליבע?

רבקה

(אומבאַהאָלפן):

וואָס ווילט איר?

גאָלד:

ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון זיין קאָפּ „קונסט", און איר — ליבע...

רבקה:

וואָס זשע וועט זיין?

גאָלד:

ער וועט זיין אַ דערפאָלג, און איר וועט האָבן אַלץ וואָס איר ווילט...

רבקה:

דאָס איז אַלץ וואָס מ׳דאַרף טאָן?

גאלד:

דאָס און נאָך עפּעס.

רבקה:

וואָס?

גאלד:

פּאָדערן!

רבקה:

וואָס פּאָדערן?

גאלד:

דינער! דינסטן! סאַמעט! זייד! דימענטן! בריליאַנטן!

רבקה

(סאַרקאַסטיש):

איך וועל זיין צופרידן, אַז איך וועל האָבן ברויט צו זאַט...

גאלד:

אַז איר וועט ווינציק פּאָדערן וועט איר גאָרנישט האָבן.

רבקה:

איר קענט נישט נפתלין.

גאלד:

פּאָדערט, וועט איר אַלץ האָבן.

רבקה:

וואָס קומט אַרויס פון פּאָדערן, אַז מ׳דרוקט נישט.

גאלד:

מ׳עט דרוקן!

רבקה:

פון וואַנען ווייסט איר?

גאלד:

איכ׳ל הייסן, ט׳מען דרוקן...

רבקה

(מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס):

איר?

גאלד:

יאָ.

רבקה:

ווער זענט איר?

גאָלד:

דאָס איז נישט וויכטיק.

רבקה:

וואָס זשע איז יאָ וויכטיק?

גאָלד:

אייער מאַן זאָל זיין אַ דערפאָלג... (פויזע) ווער איר פאָדערן?

רבקה:

כ׳וועל פרוּוון.

גאָלד:

פרוּוון איז נישט גענוג, איר מוזט האָבן די אויבערהאַנט איבער אים. בלייבט עס אַזוי?... (רבקה שטימט צו שטומערהייט) אויב אַזוי איז ער אַ דערפאָלג! (דרייט זיך אויס צו נפתלין) מיסטער זילבער, מיר זענען פאַרטיק, איר קאָנט אַריינקומען.

נפתלי

(קומט אַריין אַ כעסיקער):

איך האָב אַלץ געהערט וואָס איר האָט דאָ גערעדט.

גאָלד

(שמייכלט):

איך האָב געוווּסט, אַז איר הערט.

נפתלי:

איר האָט נישט געהאַט קיין רעכט רעדן אַזוי צו מיין פרוי!

רבקה:

פאַרוואָס נישט?

נפתלי

(צו רבקהן):

ר׳איז אַ גנב און אַ גזלן! ער וויל דיך אַראָפפירן פון וועג!

רבקה:

יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט איז אמת...

נפתלי

(אומבאַהאָלפן):

ער האָט דיך איבערגערעדט!

ר ב ק ה:

ניין, נפתּלי, ער האָט מיך בלויז קלאָר געמאַכט...

נ פ ת ל י:

כ׳וועל מיט אים נישט גיין!

ר ב ק ה:

איצט זע איך, אַז דו האָסט מיך אַלע יאָרן גענאַרט, דערציילט מעשׂות, אַז מ׳וויל דיך נישט דרוקן. איצט, אַז מיסטער גאָלד וויל דיך דרוקן, געפינסטו אַנדערע תּירוצים...

נ פ ת ל י:

ער קען דאָך אויפן פּייער אַרויפפירן! דו ווייסט דען וואָס ער וויל פון מיר?

ר ב ק ה:

דאָס איז דאָך דאָס אומגליק. דו טראַכסט בלויז פון זיך, ווו בין איך? מייַנע בעסטע יאָרן האָב איך דיר אַוועקגעגעבן. וואָס האָסטו מיר געגעבן?

ג אָ ל ד

(צו רבקהן):

דאָס איז געבעטן, נישט געפאָדערט...

נ פ ת ל י

(צו גאָלדן):

הערט אויף! איר זעט דאָך שוין דעם חורבן וואָס איר האָט אָנגעמאַכט!

ר ב ק ה:

דעם חורבן האָסטו געמאַכט! (קוקט צו גאָלדן)

ג אָ ל ד:

נאָך אַלץ נישט שטאַרק גענוג.

נ פ ת ל י:

איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט...

ר ב ק ה:

ס׳איז נישט אמת! אַלץ האָסטו געטאָן פאַר זיך!

ג אָ ל ד:

רעדט העכער!

ר ב ק ה

(פאָלגט אים):

דו האָסט זיך איינגעעקשנט און ווילסט איבערמאַכן די וועלט! דו

וויסט מער פון יעדן איינציקן! נאָר דו קענסט שרייבן! ס'האָט דיך נישט געאַרט, אַז איך אַרבעט!

גאָלד:

אויסגעצייכנט! לאָזט אַ טרער...

רבקה

(מיט טרערן אין איר קול):

ס'האָט דיך נישט געאַרט, אַז איך האָב נישט קיין שוך, קיין קליידל אויפן לייב. ס'האָט דיך אַפילו נישט געאַרט, אַז איך הונגער!

נפתלי:

ס'האָט מיך יאָ געאַרט, אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן?

רבקה

(אין זעלבן טאָן):

איצט קאָנסטו טאָן, גאָלד וויל גיין מיט דיר! ער וועט דיך נעמען! ער וועט דיך פירן...

נפתלי:

איך גיי דאָך מיט אים...

רבקה:

וואָס זשע וואַרפסטו זיך ווי אַ משומד אין קלויסטער?

נפתלי:

איך וועל אַלץ טאָן, אַבי הער אויף וויינען... (זי האַלט אָן דאָס וויינען) וואָס נאָך ווילסטו?

גאָלד:

איך וועל אייך זאָגן וואָס זי וויל: דינער, דינסטן, סאַמעט, זייד, בריליאַנטן...

נפתלי

(איגנאָרירט גאָלדן, צו רבקהן):

איז דאָס וואָס דו ווילסט?

רבקה

(וויינענדיק):

יאָ...

נפתלי:

ווו וועל איך דאָס אַלץ נעמען?

גאָלד:

לאָזט עס איבער פאַר מיר...

נפתלי

(פאַרלאָרן, צו גאָלדן):

קאָן איך עפּעס פרעגן? (גאָלד באַשטעטיקט מיט אַ קאָפּשאָקל) **דו האָסט מיך ליב, רבקה?**

רבקה

(קוקט צו גאָלדן, ער הייסט באַשטעטיקן):

אוודאי האָב איך דיך ליב...

נפתלי

(צו גאָלדן):

מעג איך איר אַ קוש טאָן?

גאָלד:

מאַכט עס שנעל, ס'איז שוין שפּעט, מ'דאַרף גיין, (נפתלי נעמט זי אַרום, קושט זי. גאָלד אומגעדולדיק) **נו, נו, אַ סוף! ווו האָט איר אַהינגעטאָן דאָס זייגערל?** (נפתלי נעמט אַרויס דאָס זייגערל פון דער הויזןקעשענע) **ווער טראָגט עס אַ זייגערל אין די הויזן־קעשענעס?** (צו רבקהן) **טוט אים אָן דאָס זייגערל אויפן זשילעט, ס'זאָל זיך אָנזען...** (רבקה טוט עס).

נפתלי:

צו וואָס דאַרף מען בכלל אַ זייגער?

גאָלד:

צו האַלטן רעכענונג פון צייט, פּונקט ווי פון געלט...

רבקה:

גאָלד איז גערעכט... אַזוי פיל צייט פאַרלאָרן...

נפתלי

(נעמט זי אַרום, קושט זי):

ביסט גערעכט, רבקה, איך קום דיר אַזוי פיל צייט... גאַנצע 7 יאָר, איך וועל דיר באַצאָלן פאַר יעדע מינוט וואָס דו האָסט געאַרבעט, געהונגערט, פאַרשוואַרצט געוואָרן... און פון היינט אָן און ווייטער וועט קיין מינוט נישט פאַרלוירן־גיין! (פלוצלינג) **קומט, מיסטער גאָלד!** (ביידע אָפּ).

פאָרהאַנג

פערטע סצענע

אַ בוך־געשעפט. שענק מיט פּאָליצעס, פּאַרלייגטע מיט ביכער. רעכטס אַ דעסק נעבן וועלכן דער אייגנטימער זיצט און דרימלט, נעבן אים — אַ גרויסער שפּיגל. לינקס אַ פענצטער. דער אַריינגאַנג איז אין הינטערגרונט.

ס׳וואַרפט זיך אין די אויגן אַ גרויסער פּלאַקאַט גלייך ביים אַריינגאַנג מיטן אויפשריפט: „מיר אימפּאָרטירן סחורה פון אַלע וועלט־טיילן!" „נייע ביכער פון פּאַריז און פון אָריענט!" „ביכער פאַר יעדער באַדערפעניש!" „ביכער פאַרן הויז און פאַר דער גאַס!"

די טיר עפנט זיך מיט אַ קלונג. ס׳קומט אַריין דאָס מיידל מיט די שרייענדיקע קאָלירן, וואָס מיר האָבן געזען אין פּאַרק. מיסטער ווייס, דער אייגנטימער, שפּרינגט אויף.

ווייס

(זייער העפלעך):

גוט מאָרגן!

מיידל

(קאָקעטיש):

גוט מאָרגן.

ווייס:

מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

מיידל:

כ׳וויל אָנקוקן אייער סחורה.

ווייס:

געזונטערהייט, אדרבה... (זי באַטראַכט די ביכער, ער טרעט פון איר נישט אָפּ) **האָט איר אין זינען אַ געוויסן שרייבער?**

מיידל:

דער שרייבער איז נישט וויכטיק, נאָר דער קאָליר פון איינבונד...

ווייס

(באַטראַכט אירע קליידער):

איר ווילט האָבן אַ קאָמבינאַציע פון רויט און גרין?

מיידל:

יאָ, רויטע טאָוולען מיט אַ גרינעם רוקן...

ווייס:

איצט, אַז איך ווייס וואָס איר ווילט, זעצט זיך אַוועק אָט דאָ און איך וועל אייך געבן דאָס ריכטיקע בוך (ס'מיידל זעצט זיך, ער לויפט זוכן אַ בוך, זי שרייט אים נאָך) זעט דאָס בוך זאָל ניט זיין דיק...

ווייס:

אַוודאי, אַוודאי... (ער לויפט פון בוך־שאַפע צו בוך־שאַפע, זוכט, ניש־טערט, געפינט אַ בוך, לייגט עס צו צו איר מלבוש, באַטראַכט) דאָ איז אַביסל פינצטערלעך, קומט צו צום פענצטער... (זי גייט אים נאָך) איך וויל זען ווי ס'וועט אויסזען אין טאָג־ליכט.

מיידל:

די טאָוולען פון בוך זענען נאָך צו דערליידן, אָבער דאָס גרינע אין רוקן געפעלט מיר נישט...

ווייס

(באַטראַכט דאָס בוך):

גערעכט! גערעכט! איר ווייסט, זייער ווייניק פרויען האָבן אַזאַ שאַרפן חוש פאַר קאָלירן ווי איר. דאָס איז אַ ברכה פון גאָט... (עפנט דאָס בוך) ס'איז נישט קיין וווּנדער וואָס דער רוקן האָט אַזאַ מיתה־משונה־קאָליר — אַ קלאַסיקער!... (וואַרפט אַוועק דאָס בוך, נעמט אַרויס אַן אַנדערס פון שאַפע) אָט דאָס איז פאַר אייך ווי אָנגעמאָסטן...

מיידל

(באַטראַכט דאָס בוך, וועגט עס אין האַנט):

צו שווער...

ווייס

(נעמט פון איר דאָס בוך וואַרפט עס אַוועק מיט כעס):

איך זאָג אייך, ס'איז נישט אויסצוהאַלטן פון די שרייבערלעך, זיי שרייבן קיינמאָל נישט וואָס דאָס פאָלק וויל... ווייל דאָס פאָלק גרינגע

ביכער — שרייבן זיי שווערע... (זוכנדיק א בוך) אָבער פאַרלאָרט נישט דאָס געדולד, איך בין נישט ווי אַנדערע בוכפאַרקויפער, ביי זיי איז רעכט פאַרקויפן ביכער, אפילו ווען די קאָלירן פון די ביכער שטימען נישט מיט די קליידער... מיין מאַטאָ איז: דער קונד מוז זיין צופרידן מיטן קאָליר און וואָג פון בוך... אָט! איך האָב פאַר אייך אַן אַנטיק!... (ברענגט אַ קליין ביכעלע) נו?...

מיידל:

(נעמט דאָס בוך, באַטראַכט עס, פאַרגלייכט עס מיט די קאָלירן פון איר מלבוש):

נישט שלעכט...

ווייס:

נישט שלעכט זאָגט איר? אין פאַריז וואָלט איר געקריגן אַ בעסער בוך? אַנו, נעמט דאָס ביכל אונטערן אָרעם... (זי טוט עס) גייט עטלעכע טריט... (זי טוט עס) אַ ביסל מער צום פאָרנט... נאָך אַ ביסעלע... אָט... אָט... אָט אַזוי זאָלט איר עס טאָקע טראָגן. וווּנדערבאַר!

מיידל

(קוקט אַריין אין ביכל):

וואָס פאַראַ שפּראַך איז עס?

ווייס:

שפּראַך... וואָס איז דער אונטערשייד? כינעזיש...

מיידל:

כינעזיש?

ווייס:

איר זאָגט זיך אָפּ „כינעזיש" קאַלטבלוטיק און פּטור... עפּעס אַ קלייניקייט כינע? כינע איז דאָך די מיסטעריע פון אָריענט! ווען נישט כינע, וואָלט מען זיך נאָך אַלץ געשלאָגן מיט שטעקנס. כינע האָט דאָך אַנטדעקט פּולווער! עפּעס אַ קלייניקייט — כינע?

מיידל:

טאָקע? איך האָב גאָר נישט געוווּסט וועגן דעם...

ווייס:

אויב אַזוי וועלן זיך דאָך עפענען פאַר אייך נייע וועלטן. עפּעס אַ קלייניקייט — כינע! ווו נאָך אין דער וועלט וועט איר הערן אַזעלכע נעמען ווי קאָנפוסיוס, קיי־שיי־שעק, מאַט־סיו־טאַנג, מאַדאַם סו־סו, פּינג־

פּאַנג, האָנג־קאָנג? און ווו נאָך אויף דער גאַנצער וועלט רעדט מען אַזוי פיל כינעזיש ווי אין כינע?

מײדל:

אָט דאָס אַלץ איז אין דעם קליינעם ביכעלע?

וײס:

פּאַרלאָזט זיך אויף די כינעזער... (פלוצלינג) זענט איר געווען אַמאָל אין טשײַניטאָן? ניין? מיט דעם ביכעלע אונטער אײַער אָרעם וועט מען דאָך אײַך אויפנעמען ווי אַן אײגענעם מענטשן...

מײדל:

וויפל קאָסט דאָס ביכל?

וײס:

.9.95

מײדל:

אַזוי טײַער?

וײס:

טײַער? ס׳איז דאָך אַן אוצר! קוקט אַרײַן... (עפנט פאַר איר דאָס ביכל) נו?

מײדל:

נו, גוט. (גיט אים געלט)

וײס

(נעמענדיק דאָס געלט):

איר וועט קײן חרטה נישט האָבן...

מײדל:

און פאַרן קומענדיקן מאָנאַט גרייט מיר צו אַ ביכל מיט לעווענדער־טאָוולען און אַ ראָזעווען רוקן. ס׳מעג זײַן פון זעלבן שרײַבער... (אָפּ)

וײס

(קלײַבט ביכלעך וואָס האָבן רויטע טאָוולען און גרינע רוקנס. די טיר עפנט זיך מיט אַ קלונג. זײדמאַן קומט אַרײַן. ווײס וואַרפט אַוועק די ביכער וואָס ער האָט אָנגעקליבן, גייט זײדמאַנען אַנטקעגן):

האַלאָ, מיסטער זײדמאַן! גוט וואָס איר זענט געקומען, כ׳וויל אײַך טאַקע זען.

זײדמאַן:

וועגן וואָס?

ווייס:

ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ וווּנדערבאַרע אידעע.

זיידמאַן:

וועגן מיין בוך?

ווייס:

יאָ. (פּויזע) איר האָט געהערט וועגן „די בוק אָף די מאַנט קלאַב?" איך גיי מאַכן צוויי אַזעלכע קלובן... איינעם פאַר „מאָדע", דעם צווייטן — פאַר „געזונט".

זיידמאַן:

וואָס זשע האָט עס צו טאָן מיט מיר?

ווייס:

אייער בוך וועט זיין דער ערשטער עקספּערימענט... אַזוי ווי אייער בוך וועט פאַרטיק ווערן קומענדיקן חודש, וועל איך אים בינדן אין לעווענדער־טאָוולען מיט ראָזעווע רוקנס...

זיידמאַן:

פע, מיסטער ווייס! ס׳איז דאָך אַ שרעקלעכע קאָמבינאַציע...

ווייס:

אַזוי וועט עס זיין! כ׳זאָג עס אייך, כדי איר זאָלט שפּעטער נישט האָבן קיין טענות, אַז איך טו זאַכן אָן אייער צושטימונג.

זיידמאַן:

כ׳שטים נישט איין, איך בין קעגן דעם!

ווייס:

נאָך אַ זאַך: דאָס בוך וועט זיין אַ העלפט די גרויס ווי מיר האָבן באַשלאָסן.

זיידמאַן:

איר מיינט קלענער אין פאָרמאַט, צי ווייניקער זייטן?

ווייס:

ביידע. אי קלענער אין פאָרמאַט און אי ווייניקער זייטן.

זיידמאַן:

מיסטער ווייס, איר רואינירט דאָך מיך, איר קוילעט מיך אָן אַ מעסער!

ווייס:

שרייט נישט און ליאַרעמט נישט, ס׳איז פאַר אייער טובה וועגן.

זיידמאַן:

אין דעם גרויסן בוך וואָס מיר האָבן פּלאַנירט גייט אַריין אַ העלפט פֿון מיינע לידער, וויפל לידער וועלן אַריין אין אַ קליין ביכעלע?

ווייס:

אַ 10—12 לידער איז איבערגענוג!

זיידמאַן:

צו וואָס דאַרפט איר לידער אין גאַנצן? גיט אַרויס טאָוולען מיטן רוקן און פּאַרטיק...

ווייס:

איך האָב געטראַכט וועגן דעם, אָבער עטלעכע לידער וועלן נישט שאַדן. טאָמער דאָס ביכל פאַלט אַרונטער, זאָל מען זען אַ געדרוקט וואָרט.

זיידמאַן:

ווי וועל איך קאָנען אַרומפאָרן מיט אַזאַ ביכל איבערן לאַנד?

ווייס:

כאַפּט זשע נישט! איך האָב אייך אין אָנהייב געזאָגט: איך האָב אַן אידעע פאַר צוויי „בוך אָף די מאַנט קלאַבס". דאָס ערשטע, מיט די לעווענדער טאָוולען און ראָזעווע רוקנס, איז פאַר מאַדע, פאַסאַן... דאָס צווייטע וועט הייסן „בוך אָף די מאַנט פאַר נייטשור". אין דעם בוך וועלן אויך אַריין אייערע לידער...

זיידמאַן:

וואָס פאַראַ שייכות האָבן מיינע לידער מיט נייטשור?

ווייס:

זיי האָבן שוין גאָר אַ גרויסע שייכות, דער איינבונד וועט האָבן די זעלבע קאָליר־קאָמבינאַציעס פון די באָד־צימערן. אין דעם בוך וועלן אַריין וויפל לידער איר ווילט, ווייל דער קאָליר פון באָד־צימערן ענדערט זיך נישט אַזוי שנעל און דאָרטן לייענט מען אַלץ וואָס ס'קומט אונטער דער האַנט... מיט דעם בוך וועט איר קאָנען פאָרן איבערן לאַנד. פאַר־שטאַנען? (אין טיר באַווייזט זיך מיסטער געווירץ) גודביי, מיסטער זיידמאַן! זעט מיך מאָרגן, אפשר וועט מיר נאָך עפּעס איינפאַלן. (גייט געווירצן אַנטקעגן) גוט מאָרנינג!

געווירץ:

גוט מאָרנינג!

זיידמאַן

(נאָכגייענדיק ווייסן, ציט אים פאַרן אַרבל):

מיסטער ווייס, גיט מיר אָפּ מיינע לידער!

ווייס

(צו זיידמאַנען, נישט קוקנדיק אין זיין זייט):

זעט מיך מאָרגן, אַ גוטן טאָג. (צו געווירצן) **מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?** (זיידמאַן פאַרלאָרן אָפּ)

געווירץ:

איר האָט עפּעס אַ גוט בוך?

ווייס

(קוקט אים אָן מיט אַ וווּיליונגערישן שמייכל):

צי איך האָב אַ גוט בוך? איר זעט די פּאָליצעס? איינס אין איינס! אַלע גוטע ביכער, (ווייזט מיטן פינגער אַרונטער) **דער בייסמענט אָנגעפּאַקט מיט ביכער! אוועראויז, מיט די בעסטע ביכער!**

געווירץ:

(אויסער זיך):

טצע! טצע! טצע!

ווייס

(אין זעלבן טאָן):

און אפּסטערז, איר'ט געמעגט אָנקוקן אפּיסעס!

געווירץ:

צו וואָס דאַרפט איר אפּיסעס?

ווייס:

ס'איז דאָך א פּאבלישינג הויז! ס'זיצן דאָרטן מיינע דריי פּאַרטנערס און האַלטן אין איין דרוקן די בעסטע ביכער! (מיט אַ טאָן פון גרינגשעצונג) **און איר פרעגט מיך, צי איך האָב אַ גוט בוך? די בעסט מיורטשענדייז אין טאַון! וויפל ביכער ווילט איר?**

געווירץ:

איינס.

ווייס:

איינס?

געווירץ

(הכנעהדיק):

ס׳איז נישט פֿאַר מיר — ס׳איז פֿאַר מיין געליבטער.

וויס:

און איר לייענט גאָרנישט.

געווירץ:

ווער האָט צייט דערויף? (גיט אים אַ קאַרטל) איך בין אין ביזנעס.

וויס:

ערשט ווען מ׳איז אין ביזנעס דאַרף מען לייענען! ס׳איז דען נאָרמאַלע צייטן? די וועלט שאָקלט זיך דאָך! ווי קאָן מען לעבן היינטיקע צייטן אָן אַ בוך? (דערמאָנט זיך אין דעם קאַרטל, לייענט) „גן־עדן פּראָדוקטס אינקאָרפּערייטעט".

געווירץ

(ווייזט אָן אויף דעם קאַרטל מיטן פינגער):

דזשיי, בי. געווירץ פּראָפּרייעטאַר. (ווייזט מיט שטאָלץ אויף זיך) דאָס בין איך.

וויס

(באַטראַכט אים, גיט אים די האַנט):

ס׳פרייט מיך אייך צו קענען דזשיי. בי. (פויזע) וואָס פֿאַראַ ביזנעס איז די „גן־עדן פּראָדוקטס אינקאָרפּערייטעט"?

געווירץ:

ס׳איז אַזאַ אייער־מצה... ס׳איז טעם גן־עדן, ס׳צעגייט אין מויל... (זוכט אין די קעשענעס) אַ שאָד, כ׳האָב נישט קיין סעמפּל מיט זיך...

וויס:

ווי גוט אייער אייער־מצה זאָל נישט זיין — צו ביכער קומט עס נישט... איידער איך בין אַריין אין די ביכער־ביזנעס האָב איך געהאַט אפשר הונדערט פּראָפּאָזישנס, און ווייסט איר פֿאַרוואָס די ביכער־ביזנעס האָט אַפּעלירט צו מיר?

געווירץ:

טאַקע, וואָס?

וויס:

נעמט, אַ שטייגער, אייער ביזנעס, ווי גוט ס׳זאָל זיין, עסט מען עס אויף, וואָס בלייבט? גאָרנישט! אָבער פֿון אַ בוך קאָן מען דאָך נישט פּטור ווערן!

געווירץ:

וואָס זשע טויג עס?

ווייס:

כ׳האָב געוווּסט, אַז איר וועט עס זאָגן. (פּויזע) איר זענט פאַרהייראַט?

געווירץ:

נאָך נישט.

ווייס:

אָבער סוף־כל־סוף וועט איר דאָך חתונה האָבן... און איידער איר וועט זיך אַרומקוקן וועט איר האָבן קינדער, און אַז מ׳האָט קינדער, הערט איר, איז נישטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן ווי ווען מ׳זיצט ביים טיש און מ׳עסט און די קינדערלעך זיצן אַרום טיש... וועט איר דאָך פרעגן: ווי קאָנען זיצן קליינע קינדער ביים גרויסן טיש?

געווירץ:

טאָקע? טאָקע?

ווייס

(מיט נצחון):

מ׳לייגט אונטער דעם געזעס אַן ענציקלאָפּעדיע!

געווירץ

(נאָך דעם ווי ער באַנעמט עס):

וועגן דעם האָב איך נישט געטראַכט.

ווייס:

נאָר דאָס? ס׳איז דאָך פאַראַן טויזנט וועגן ווי צו יוזן ביכער. אַ בענקל שאָקלט זיך — לייגט מען אונטער אַ ביכל; מ׳וויל עפּעס דערלאַנגען און ס׳איז צו הויך — לייגט מען אַוועק אַ פּאָר ביכער, מ׳שטעלט זיך אַרויף אויף זיי און מ׳דערלאַנגט! איר האָט אַ ליידיק לאָך אין וואַנט — פאַר־שטאָפּט מען עס מיט אַ בוך...

געווירץ:

איר זענט אַ גוטער סיילסמאַן.

ווייס:

כ׳האָב ליב קולטור! (פּויזע) איז וויפל ביכער ווילט איר?

געווירץ:

איינס.

ווײַס:

איר זענט דאָך אַ ביזנעסמאַן, כ׳פרעג אײַך, וואָס איז אײן ביכל? ווען אײַער געליבטע וועט וועלן אַ ביכל, וועט איר פאַרמאַכן די ביזנעס און לויפן קויפן איר אַ ביכל? ביכער ווערן נישט קאַליע...

געווירץ:

ס׳איז נישט צוליב קאַליע ווערן. איר ווייסט ווען מײַן געליבטע לייענט? ווען זי לייגט זיך אין בעט. אָן אַ ביכל, זאָגט זי, קאָן זי נישט אײַנשלאָפן, דאַרף איך איר קויפן אַ וועלט מיט ביכער דערפאַר?

ווײַס:

אַט, אַט! זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווען אײַער געליבטע טוט וואָס אַנדערע טוען, ווען אָנשטאָט ביכער נעמט זי שלאָף־פּילן, — וואָלט איר געקויפט איין פּיל?

געווירץ:

ווי קאָנט איר פאַרגלייכן אַ בוך צו אַ שלאָף־פּיל?

ווײַס:

ווער וויל עס פאַרגלייכן? אָבער איין זאַך וועל איך אײַך יאָ זאָגן: איר ווייסט נישט סאַראַ גליקלעכער מענטש איר זענט, אַז אַ בוך קאָן אײַנשלעפערן אײַער געליבטע... ווען נישט, דאַרפט איר איר געבן שלאָף־פּילן, און שלאָף־פּילן קאָן מען נישט קויפן ווי מ׳קויפט אַ בוך. קודם־כל נעמט איר זי צו אַ דאָקטער. דאָס קאָסט געלט. פאַר די פּילן דאַרפט איר צאָלן באַזונדער, און אַז זי נעמט אויס די פּילן — וואָס בלײַבט אײַך? אַ ליידיק פלעשל מיט אַ נערוועזער געליבטער. קויפט איר פאַר איר ביכער, דאַרפט איר נישט קיין דאָקטער, נישט קיין פּילן און איר האָט אַ געזונטע, נאָרמאַלע געליבטע... פרעג איך אײַך: קאָן מען פאַרגלייכן שלאָף־פּילן מיט ביכער?... און היינט די נוצן וואָס איר האָט פון ביכער? איר קאָנט דאָך מיט זיי פאַרשטעקן טויזנט לעכער! וועט איר מיר דאָך זאָגן, אַז איר האָט נישט קיין לעכער? טאָ גיט עס אַוועק פאַר טשאַריטי און איר וועט ווערן אַ טשערמאַן פון עפּעס...

געווירץ:

כ׳וועל אײַך זאָגן דעם אמת: ווען כ׳האָב ווו צו האַלטן, וואָלט איך געקויפט ביכער.

ווײַס:

אַ בייסמענט האָט איר?

ג ע וו י ר ץ:

כ׳וועל האָבן אַ בייסמענט, אָבער נישט קיין גרויסן.

ווײַס:

איר בויט אַ הויז?

ג ע וו י ר ץ:

יאָ.

ווײַס:

דאַרפט איר דאָך אַוודאי ביכער! איר ווייסט דען וואָס ביכער באַדייטן פאַר אַ הויז? וויפל מעבל איר זאָלט נישט האָבן — אָן ביכער איז אַ הויז ליידיק... שטעלט זיך פאָר: איר זיצט און שפּילט דזשין־ראָמי, צי פּאָוקער, און אַרום אייך שטייען שאַפעס מיט ביכער, איז דאָך פריילעכער, וואַרעמער. מ׳האָט דאָך פאַר אייך רעספּעקט, דרך־ארץ. (פּויזע) און ווען אייער געליבטע וועט וועלן אַ ביכל, וועט איר נעמען אַ ביכל און עס איר געבן...

ג ע וו י ר ץ:

וויפל געלט וועט עס מיך קאָסטן?

ווײַס:

וואָס מער ביכער איר וועט האָבן אַלץ מער רעספּעקט וועט מען פאַר אייך האָבן.

ג ע וו י ר ץ:

איך זע שוין, אַז טרוקן וועל איך זיך נישט אַרויסדרייען פון אייך.

ווײַס:

איר וועט מיר דאָס גאַנצע לעבן דאַנקען דערפאַר... (גיט אים אַ פּאַפּיר) שרייבט אָן אייער נאָמען און אַדרעס. (געווירץ טוט עס) און דאָ, אונטן, שרייבט אָן אייער נאָמען. (געווירץ טוט עס) און געלט? וואָס מער איר וועט געבן, אַלץ ווייניקער וועט איר דאַרפן שפּעטער געבן...

ג ע וו י ר ץ

(גיט אים געלט):

וועט זיין גענוג?

ווײַס:

טײַנקיו... כ׳וועל אייך שיקן אַ ביל יעדן חודש. (פּויזע) דער אַדרעס איז פון אייער געליבטער?

ג ע וו י ר ץ:

ניין, דאָס איז מיין אַדרעס. מער פעלט מיר נישט, אַז זי זאָל קריגן די

ביכער. זי טענהט שוין אַזוי אויך, אַז מיר קאָן מען אַלץ איינרעדן... אַ גוטן טאָג! (אָפּ)

ווייס

(קוקט אים נאָך צופרידן, קלינגט אָפּ דאָס געלט אין רעדזשיסטער. גאָלד און נפתלי קומען אַריין):

מיסטער גאָלד! (ער לויפט אַנטקעגן גאָלדן, כאַפּט אים אָן מיט ביידע הענט) **מיסטער גאָלד! דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט קומען. אין דער לופט האָב איך געפילט, אַז איר זענט דאָ ערגעץ נאָענט! וואָס־זשע מאַכט איר? לאַנטש, האַ?** (דערזעט נפתלין) **אַנטשולדיקט מיר, כ'וועל אים נאָר אַ פרעג טאָן וואָס ער וויל.**

גאָלד:

ער איז מיט מיר, זייט באַקאַנט, מיסטער זילבער, מיסטער ווייס.

ווייס:

מיסטער זילבער, זייער אַנגענעם. (דריקט אים די האַנט. צו גאָלדן) **וואָס פאַראַ ליין?**

גאָלד:

אַ שרייבער.

ווייס:

(חניפהדיק):

נו, אַוודאי, מיסטער גאָלד וועט ברענגען דעם שפּינער זיין פלאַקס און דעם שיכור זיין שנאַפּס... הע־הע! הע! (פויזע, ענטוזיאַסטיש) **אַ מאָד־נער טאָג היינט, צו וואָס איך ריר זיך צו ווערט גאָלד, און די אידעעס וואָס איך קריג זענען דאָך ווערט אַ פאַרטשון! אדרבה, הערט וואָס מיר איז איינגעפאַלן...** (פלוצלינג צו גאָלדן אַנוויזנדיק אויף נפתלין) **אַ שריי־בער?** (גאָלד באַשטעטיקט) **ער שרייבט ראָמאַנען?**

גאָלד:

ער'ט שרייבן וואָס איר וועט וועלן.

ווייס

(זייער צופרידן):

גוט! פיין! אויסגעצייכנט! איך האָב שוין פאַר אים אַרבעט... איך גיי מאַכן אַ קלוב מיטן נאָמען: „די בוך אָף די מאַנט קלאַב פאַר זיסע חלומות" (צו נפתלין) **איר האָט עפּעס אַ גודנעם ראָמאַן?**

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

וויים

(באַגייסטערט):

דאָס לעבן אין אַמעריקע איז זייער אָנגעשטרענגט, אַ גאַנצן טאָג לויפט מען אַרום, מ׳האַוועט און מ׳שמייעט, אַז ס׳קומט ביינאַכט — איז בעו! מ׳קאָן נישט שלאָפן. וויל איך אַרויסגעבן אַ סעריע ביכער, אַז ווי נאָר מ׳וועט זיך לייגן אין בעט מיט אַזאַ בוך זאָל מען גלייך איינשלאָפן.

נפתלי:

שלאָפלאָזיקייט איז אַן ענין פאַר דאָקטוירים, נישט פאַר דער ליטעראַטור.

וויים:

אויב איר, מיסטער זילבער, מיינט פּילן — בין איך סורפּרייזט! ווייסט איר די רעזולטאַטן פון פּילן? גאַנץ אַמעריקע גייט דאָך אַרום נערוועז! און היינט וויפל זעלבסטמאָרדן די שלאָף־פּילן פאַראורזאַכן? מיסטער גאָלד, איר האָט דאָך מיר געבראַכט אַ שונא פון דער מענטשהייט!

נפתלי:

ליטעראַטור איז קונסט! יום־טוב!

וויים:

איז וואָס זשע אַרט אייך אויב מענטשן וועלן זיך לייגן שלאָפן יום־טובדיק? מ׳האָט דען אַנדערע פאַרגעניגנס היינטיקע צייטן? (פלוצלינג) איר זענט נישט מיסטער זילבער, איר זענט עמעצער אַנדערש! מיסטער גאָלד, ווו האָט איר אים דערטאַפּט? איר ווייסט נישט וויפל בלוט ער האָט מיר פאַרזאַפּט, איך וויל אים נישט קענען!

גאָלד

(צו נפתלין):

איר זעט סאַראַ חורבן איר האָט אָנגעמאַכט מיט אייער לאַנגער צונג?

נפתלי:

איר הערט דאָך וואָס ער וויל.

גאָלד

(שטרענג):

ער וויים וואָס ער וויל! (צו וויסן) ער איז נערוועז, ס׳וועט זיין אָלרייט. (צו נפתלין) גיט אים דעם ראָמאַן! (נפתלי פאָלגט אים)

ווייס:

גערענקט, מיסטער גאָלד, איך נעם דעם ראָמאַן אויף אייער אחריות.

נפתלי

(פאַרצווייפלט, מיט געבעט):

מיסטער ווייס, דריי יאָר האָב איך געאַרבעט אויף דעם ראָמאַן, איך בעט אייך, האָט איינזעעניש.

ווייס:

גוט, כאָטש איר האָט עס אָסור פאַרדינט, אָבער איך וועל עס טאָן, ווייל מיסטער גאָלד האָט זיך מטריח געווען און אייך געבראַכט אַהער. דערפאַר וועט זיך קיינער צו אייער ראָמאַן נישט צורירן. איך אַליין וועל עס לייענען און איך אַליין וועל עס אויסבעסערן.

נפתלי:

אויסבעסערן?

גאָלד:

מיסטער זילבער!

ווייס:

מיסטער גאָלד, ער האָט אָנגערירט אַ פונק און איך בין צופרידן אים ענטפערן. (צו נפתלין) אַ מאָל זאָגט דער שרייבער צופיל, אַ מאָל — צו ווייניק. דאַרף מען מעקן און שרייבן... לאָמיר נעמען אַזאַ קלייניקייט ווי אַ דועל. ווייסט איר די געזעצן פון אַ דועל?

נפתלי:

אין מיינע ווערק זענען קיין דועלן נישטאָ.

ווייס:

טויג עס טאָקע נישט. און די רולס פון אַ פייט ווייסט איר?

נפתלי:

מיינע העלדן שלאָגן זיך נישט.

ווייס:

צדיקים... הע! הע! הע! און ליבעס פירן זיי?

נפתלי:

ווי קאָן זיין אַ ראָמאַן אָן ליבע?

ווייס:

מיט ליידנשאַפט, צי אָן ליידנשאַפט?

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

ווייס

(צו גאָלדן):

ער ווייסט דאָך אַפילו נישט וואָס לײדנשאַפט איז... (צו נפתלין) ווייסט איר, אַז אַמעריקע לעבט אויף דער לײדנשאַפט פון די ביכער? נעמט עס אַוועק, וועלן זיי פאַרוויאַנעט ווערן... דערפאַר דאַרף מען אין גאַנצן נישט פאַרמאַכן די טיר ווען זיי גייען אַריין אין שלאָפצימער. מ'דאַרף נישט אויסלעשן אַלע ליכט, כדי מ'זאָל זען וואָס זיי טוען דאָרטן... דאָס איז מיין אַרבעט, איצט פאַרשטייט איר?

נפתלי:

ניין.

ווייס:

גוט. וואָס ווייניקער איר וועט פאַרשטיין, אַלץ גרעסער וועט זיין דער דערפאָלג.

נפתלי

(צו גאָלדן):

וואָס מיינט ער מיט דעם?

גאָלד:

איך דאַרף נישט אָנגיין וואָס ער מיינט, ער'ט גענומען אייער ראָמאַן? דאטס־אל! איר זענט אַ דערפאָלג!

נפתלי

(פאַרצווייפלט):

איר האָט דאָך געהערט וואָס ער וויל טאָן מיט דעם?

גאָלד:

ער וועט טאָן וואָס מ'דאַרף!

נפתלי:

אויב ער וועט דרוקן מיין ראָמאַן ווי ער וויל, וועל איך זיך שעמען ווייזן מיין פנים פאַר דער וועלט. איך וועל אַנטלויפן ווו מיינע אויגן וועלן מיך טראָגן; איך וועל אַנטלויפן אין מדבר!

ווייס

(אויסער זיך):

ער האָט געזאָגט: „מדבר"?

גאָלד:

יאָ, ער האָט געזאָגט „מדבר" און זאָל ער גיין אַהין! איך קאָן מער מיט אים נישט וואָיעווען!

ווייס:

מיסטער גאָלד, שיקט אים נישט אַוועק, ער איז דאָך אַ דזשינעס! מיט איין וואָרט מדבר האָט ער מיר געגעבן אַן אידעע וואָס איז ווערט אַ פאָרטשון! מדבר! עפּעס אַ קלייניקייט וואָס מ'קאָן אויפטאָן מיט צוויי פאַרליבטע אין אַ מדבר? נישטאָ קיין טיר, קיין פענצטער, קיין טאַטע־מאַמע, קיין קרובים. זיי קאָנען דאָך טאָן וואָס זיי ווילן... וועט איר דאָך זאָגן: ס'איז נישט מאָראַליש, זיי האָבן נישט חתונה געהאַט? איז דאָ אַן עצה... באַווייזט זיך פּלוצלינג אַ וואָלף, צי אַ טיגער, ניין, טאַקע ביידע צוזאַמען... ס'איז דאָך אַ מדבר... דער וואָלף באַפאַלט אים, דער טיגער באַפאַלט איר און מ'האַלט מלחמה ביז טאָג — ביז די הייסע מדבר־זון ניכטערט זיי אויס... (כאַפּט אָפּ דעם אָטעם) מיסטער זילבער, איר זענט געניאַל (צו גאָלדן) ער איז דאָך אָנגעפּאַקט מיט טאַלאַנט! לאָזט אים איבער פאַר מיר, איך וועל שוין מאַכן פון אים אַ לייט.

גאָלד

(צו נפתלין):

בלייבט איר דאָ, צי איר גייט אין מדבר?

ווייס:

אַוודאי בלייבט ער דאָ. אָט לויף איך ברענגען אַ קאָנטראַקט. (אָפּ אין זיין פּריוואַט־אָפיס)

גאָלד:

הערט מיך אויס, פון דאַנען גייען מיר אין טעאַטער — און איר זאָלט מיר מער נישט מאַכן די פוילע שטיק!

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

גאָלד:

אָט דאָס וואָס איר סטראַשעט צו אַנטלויפן אין מדבר געפעלט מיר נישט!

נפתלי:

ווען נישט רבקה...

גאָלד:

אין טעאַטער וויל איך, אַז רבקה זאָל אויך זיין!

נפתלי:

נאָך וואָס דאַרפט איר רבקהן?

גאָלד:

ווייל איר זענט אַ נודניק...

ווייס

(קומט מיטן קאָנטראַקט. צו נפתלין):

אייער ראָמאַן וועט זיין דער ערשטער פון „בוק אָף די מאָנט פאַר זיסע חלומות". גאַנץ אַמעריקע וועט חלומען פון מדבר!

נפתלי:

וואָס פאַרא מדבר?

גאָלד:

דאָס זענען אַלץ זאַכן אויף שפּעטער, איצט שרייבט זיך אונטער. (גיט אים אַ פּען)

נפתלי

(נעמט די פּען):

אָ, רבקה, רבקה, דיינע חלומות וועלן מקוים ווערן... (שרייבט זיך אונטער).

פאָרהאַנג

פינפטע סצענע

אין טעאַטער.

אַ ליידיקע בינע. בלויז אַ טישל מיט שטולן אין מיטן. אויפן טישל — אַן עלעקטרישער לאָמפ וואָס באַלייכט בלויז דאָס טישל און די שטולן אַרום.

אין הינטערגרונט דרייען זיך אַרום עטלעכע סילועטן; אין פאָדערגרונט שפּאַנט מיסטער וועקסלער, דער דירעקטאָר, א נער־וועזער, די שטימונג — שטאַרק אָנגעצויגן.

אין פאָדערגרונט הערן זיך טריט. וועקסלער בלייבט שטיין, בלימל קומט אַרויף אויף דער בינע, וועקסלער בלייבט שטיין אַנטקעגן איר. זיין לינקע האַנט איז אויסגעשטרעקט און מיטן ווייזפינגער פון זיין רעכטער האַנט טייטלט ער אויף זיין האַנט־זייגערל.

בלימל:

איידער איר זאָגט עפּעס, הערט וואָס איך האָב צו זאָגן... איך בין פאַרשפּעטיקט, ווייל איך בין אַריין זען בערטען.

וועקסלער:

פאַרוואָס האָט איר זי נישט מיטגענומען?

בלימל:

פאָלג מיך אַ גאַנג! יענע ליגט ווי אַ שטיין... נעכטן, נאָך דער פאָר־שטעלונג, האָט עס איר ווידער אָנגעכאַפּט.

וועקסלער:

וואָס?

אַלץ... אַטרייטעס, נורייטעס, פּלעבייטעס, ס'איז דען דאָ אַ קרענק וואָס זי האָט, נעבעך, נישט?

ווּעקסלער
(רייסט די האָר פון קאָפּ):
גוואַלד! גוואַלד!

בלימל:
וואָס געוואַלדעוועט איר? באשר, איר זענט אַ גליקלעכער מענטש? כמעט אַלע אין אייער עלטערליידן אויף דעם.

וועקסלער:
ס׳איז דאָך אַ בלוטיקער שפּאַס! (צו די איבעריקע) כ׳פרעג אייך: פאַרוואָס זאָלן מענטשן קומען אין טעאַטער? קוקן אויף דער ליבהאָבערין וואָס הינקט פון רעמאַטעס?

ליבהאָבער:
און דער ליבהאָבער האָט שוין אייניקלעך. זינגט שוין אָפּ דאָס גאַנצע לידל...

וועקסלער:
אַ טרויעריק לידל, אָבער אָן אמתדיקס.

פּאַטער־ראַליסט:
הער דירעקטאָר, ס׳איז גענוג אַז מיר פּילן די אַלטקייט אין די ביינער, איר דאַרפט עס אונדז נישט דערמאָנען...

ליבהאָבער
(באַליידיקט):
מיסטער וועקסלער, אמת טאַקע, איר האָט געשפּילט די ראָלע פון שמשון הגיבור, אָבער מיר ווייסן דאָך, נישט נאָר זענט איר נישט קיין גיבור, נאָר קיין יונגערמאַנטשיק אויך נישט... און איצט הערט מיך אויס: אויב איר ווילט שפּאַסן, שפּאַסט אויף אייער אייגענעם חשבון.

וועקסלער:
זייט נישט אַזוי גדולדיק ביי זיך. מיט די לויבגעזאַנגען, וואָס איר האָט געקריגן פאַר אייער שפּילן, דאַרפט איר, אָסור, זיין אַזוי שטאָלץ...

ליבהאָבער:
איך האָב געשפּילט לויט אייער רעזשי...

וועקסלער:
אַוודאי בין איך דער שעיר־לעזאזל. (סאַרקאַסטיש) איך האָב געהייסן שפּילן יעקב אבינו ווי אַ שניידעריונג...

פּאַטער־ראַליסט:
דאָס זענען אייערע ווערטער, נישט וואָס זיי זאָגן.

וועקסלער

(קוקט אין צייטונג):

אַנטשולדיקט, איר זענט גערעכט. (לייענט פון דער צייטונג) יעקב אבינו האָט געשפּילט ווי אַן ערשטקלאַסיקער קלאַקס־אַפּרייטער. כ׳האָב זיך פאַרגעסן, איר זענט געווען אַן אַמעריקאַנער שניידער, אָבער איין זאַך איז זיכער — ס׳איז נישט געווען מיין רעזשי... און איר, מיסטער יוסף הצדיק, וויפל מאָל האָב איך אייך מתרה געווען איר זאָלט נישט מאַכן די פּוילע שטיק...

ליבהאָבער:

ס׳איז פּוטיפרעס שולד...

וועקסלער:

וואָס גלייכט איר זיך צו פּוטיפרען? זי איז דאָך אַ נקבה! און לאָמיר אייך זאָגן: אַלס אַ נקבה האָט זי גוט געשפּילט— אויף מיר אַזאַ יאָר. אָבער איר זענט דאָך יוסף הצדיק! נישט קיין אַפּאַש!... און איצט קומען מיר צו אונדזער קרוין, די מוטער רחל, אונדזער מוטער רחל, די מאַמע פון אונדזער געשיכטע. אַן אַקטריסע מיט טאַלאַנט וואָלט דאָך פון אַזאַ ראָלע זיך געמאַכט אַ וועלטנאָמען! וואָס איז דער סך־הכל? פון דער מוטער רחל איז געוואָרן אַ באָבע־יאַכנע... און איך בין דער שולדיקער...

פּאָטער־ראַליסט:

(נאַיוו):

זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, מיסטער וועקסלער, די גאַנצע קריטיק איז נאָר וועגן אונדז אַקטיאָרן? וועגן דער פּראָדאַקשן ווערט דאָרטן גאָרנישט דערמאָנט? לחלוטין גאָרנישט?...

וועקסלער:

וואָס וויסן זיי וועגן פּראָדאַקשנס? דאָס ביסל וואָס זיי וויסן האָב איך זיי דאָך אויסגעלערנט. איצט זיצן זיי אין די רעדאַקציעס און רייסן שטיקער!

פּאָטער־ראַליסט:

דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט: אייער הסכמה, אַז די קריטי־קער זענען נישט ערלעך...

וועקסלער:

ס׳איז נישט די קריטיק, ס׳איז די הפקרות וואָס הערשט ביי אונדז... ביי די אומות־העולם איז אַ פּראָדוסער, אַ דירעקטאָר, אַן אַנגעזעענער

מענטש! מ׳רעכנט זיך מיט זיין וואָרט, מיט זיין מיינונג. ביי אונדז איז עס אַ קללה! אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער האָט קיינער נישט אויפגעפירט אַזעלכע פּראָדאַקשנס ווי „שמשון הגיבור״. כ׳האָב דאָך געהאַט אמתע פלישתים! דער לייב אין מיין אויפטריט איז דאָך געווען אַן אמתער לייב! וואָס איז געווען דער סוף? איין וואָך — אַרונטער! שמשון הגיבור איז נישט יידיש גענוג. פרעג איך אייך: וואָס קאָן זיין מער יידיש ווי „דער מוטער רחלס קבר״, איבערהויפּט איצט, ווען מיר האָבן אַן אייגענע מדינה, אַן אייגענע אַרמיי, אַ כנסת, אַ פּרעמיער, אַן אַמבאַסאַדאָר... און טאָמער איז דאָס נאָך אַלץ נישט גענוג, האָב איך נישט געשפּאָרט קיין געלט און געבראַכט אַ שרייבער פון דאָרטן, פון סאַמע קדשי־קדשים. אָבער זיי, די קריטיקער, האָבן געפונען אַ חטא...

פּאָטער־ראַליסט:

לויט ווי די קריטיקער זאָגן האָט איר נישט געשפּילט דאָס וואָס דער ישראל־שרייבער האָט געשריבן...

וועקסלער:

דאָס באַווייזט טאָקע וואָס פאַראַ עמי־הארצים זיי זענען! ווי האָב איך געקאָנט שפּילן וואָס ער האָט דאָרט אָנגעשריבן? וואָס ווייסן זיי דאָרטן פון אַמעריקאַנער לעבן? ביי זיי דאָרטן איז דאָך אַלץ גוט... אָבער דאָ איז דאָך אַמעריקע! און אַ חוץ דעם, קומען דאָך אין מיין טעאַטער גוים אויך, דאַרף מען זיי אויך אין זינען האָבן. איך דאַרף נישט מאַכן קיין נייע אַנטיסעמיטן, מיר האָבן גענוג אַלטע...

פּאָטער־ראַליסט:

נאָך אייערע רייד פאַרשטיי איך: אַז „דער מוטער רחלס קבר״ גייט אַראָפּ.

וועקסלער:

וועלכער משוגענער וועט קומען אין טעאַטער נאָך אַזאַ קריטיק?

פּאָטער־ראַליסט:

וואָס זשע וועט איצט גיין?

וועקסלער:

זאָל איך אַזוי וויסן פון די קריטיקער... ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אַז איך וועל האָבן אַזעלכע צוויי מפּלות, איינע נאָך דער צווייטער? נישט נאָר האָט היטלער, ימח־שמו, חרוב געמאַכט דאָס יידישע פאָלק, ער האָט אויך מיך רואינירט...

פּאָטער־ראָליסט:

איר גיט היטלערן צופיל קרעדיט. וואָס פאַראַ שייכות האָט ער מיט אַ שלעכטער קריטיק וואָס יידישע שרייבער שרייבן?

וועקסלער:

וואָס מ׳האָט געשפּילט — פאַר דעם חורבן־יוראָפּ — איז געווען גוט...

פּאָטער־ראָליסט:

מיסטער וועקסלער, מיטן זיצן און חורבנען וועט איר גאָרנישט אויפטאָן. בעסער פאַרקאַטשעט די אַרבל, ווי אין די גוטע, אַלטע צייטן, און מאַכט עפּעס פּאַרטיק.

וועקסלער:

דאַרף מען דאָך האָבן צייט. כ׳האָב געמיינט: „שמשון הגיבור״ צי „דער מוטער רחלס קבר״ וועט גיין אַ פּאָר וואָכן — וועל איך קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ערשט נאַדיר! כאַטש נעם און פאַרמאַך דאָס טעאַטער.

(אין פאָדערגרונט הערן זיך טריט, אַלע דרייען זיך אויס אין דער ריכטונג, וועקסלער שרייט אויס)

וועער איז דאָרטן?

(גאָלד און נפתלי קלעטערן אַרויף אויף דער בינע, וועקסלער דערקענט אים)

מיסטער גאָלד! מאַכט ליכטיק!

(דער סטיידזש ווערט באַלויכטן, וועקסלער פאַרלאָרן צו די אַקטיאָרן)

וואָס שטייט איר, דערלאַנגט אַ שטול!

(אַלע ברענגען שטולן)

זיצט, מיסטער גאָלד!

(גאָלד נעמט אַרויס אַ ציגאַר פון זיין פושקע. וועקסלער שטייט גרייט מיטן אַן אָנגעצונדן שוועבעלע. גאָלד פאַררייכערט. וועקסלער — נערוועז, זוכט ווערטער)

איר זיצט שוין דאָ לאַנג אין טעאַטער?

גאָלד:

פון אָנהייב אָן.

וועקסלער:

האָט איר דאָך אַלץ געהערט.

גאָלד:

אַלץ.

וועקסלער:

נו, וואָס זאָגט איר אויף מיין אומגליק?

גאָלד:

פון איצט אָן און ווייטער וועט אַלץ זיין גוט... (ווינקט צו אים ער זאָל הייסן די אַקטיאָרן גיין)

וועקסלער:

נו, קינדער, מאָרגן 12 אַזייגער איז פּראָבע.

פּאָטער־ראַליסט:

פּראָבע פון וואָס?

וועקסלער:

אַז מיסטער גאָלד האָט מיר אָנגעטאָן דעם כבוד און איז געקומען צו מיר, וועט שוין זיין פון וואָס צו מאַכן פּראָבע... (גאָלד ווינקט ווידער צו אים ער זאָל זיי הייסן גיין) נו, אויף וואָס נאָך וואַרט איר? גייט! גייט! גייט! (אַלע לאָזן זיך גיין. צו נפתלין) איר אויך, גייט! גייט!

גאָלד:

ער איז מיט מיר.

וועקסלער

(כאַפּט אָן נפתליס האַנט):

אַנטשולדיקט מיר, כ'האָב געמיינט, אַז איר זענט...

גאָלד:

באַקענט זיך: מיסטער זילבער, — מיסטער וועקסלער.

וועקסלער:

מיך פרייט זייער, מיסטער זילבער. (באַטראַכט אים) איך האָב אייך ערגעץ געזען.

נפתלי:

אַוודאי האָט איר מיך געזען, טאַקע דאָ אויף דער בינע...

וועקסלער:

אַזוי, דאָ אויף דער בינע? (צו גאָלדן) איך זאָג אייך, מיסטער גאָלד, כ'האָב אַ זכרון וואָס קיין אַנדערער מענטש אויף דער וועלט האָט נישט. (צו נפתלין) איצט לאָמיר זיך דערמאָנען וואָס דעמאָלט איז פאָרגעקומען... (פּלוצלינג) איך געדענק, אַ לאַנדסמאַן!

נפתלי:

ניין, איר האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון טעאַטער.

וועקסלער

(פאַרלאָרן):

איך? ס׳קאָן נישט זיין.

נפתלי:

טאַקע פון דער בינע...

וועקסלער

(וויל זיך דערמאָנען):

אַ דראַמאַטורג? (נפתלי באַשטעטיקט, וועקסלער פאַרלאָרן) **איך וועל אַרויסוואַרפן אַ דראַמאַטורג? איך, מאָריס וועקסלער? די דראַמאַטורגן זענען דאָך מיינע בעסטע פריינד, איך גיב זיי דאָך פרייע פּעסעס אין טעאַטער...** (פּלוצלינג) **אפשר האָט מען אייך אַרויסגעוואָרפן פון אַן אַנדער טעאַטער...**

נפתלי:

איר אַליין האָט מיך אַרויסגעוואָרפן.

וועקסלער

(לאָזט זיך גיין צו אים מיט פאַרשטייפטע פויסטן, דערמאָנט זיך אָן גאָלדן, בלייבט שטיין):

הערט מיך אויס, מיסטער זילבער, אייער גליק וואָס איר זענט געקומען מיט מיסטער גאָלדן...

נפתלי:

כ׳ווייס, איר וואָלט מיך ווידער אַרויסגעוואָרפן...

וועקסלער

(פאַרלאָרן, צו גאָלדן):

וואָס וויל ער פון מיר?

גאָלד:

מיסטער וועקסלער, וואָס איז מיט אייך, וואָס שרייט איר?

וועקסלער:

זייט מיר מוחל, מיסטער גאָלד, דאָס יידישע פאָלק האָט געמאַכט פון מיר אַ תל, אַ שברי־כלי. דער מאָגן אַרבעט דאָך שוין נישט ביי מיר... איך בין אַזוי נערוועז, אַז איך שריי אויף זיך אַליין...

גאָלד:

אין אַ ביזנעס טאָר מען נישט זיין נערוועז.

וועקסלער:

כ׳ווייס, אָבער גיי זיי נישט נערוועז... אָט האָב איך אַריינגעלייגט מיין גאַנץ פאַרמעגן אין „דער מוטער רחלס קבר" (זיפצנדיק) **אוי, איז דאָס געווען אַ קבר...**

גאָלד:

שוין צייט פאַר איך צו וויסן, אַז טעאַטער איז נישט קיין בית־עולם מיט קברים.

וועקסלער:

קהעו! קהעו! ס׳איז נישט דאָס וואָס איר מיינט. ס׳איז געווען אַ קבר מיט מוזיק... איר האָט דאָך געהערט פון יעקב אבינו? ע ר איז געווען, יוסף הצדיק איז געווען, די מוטער רחל, אַן אַנסאַמבל, דאָקטער הערצל... ענד וואט נאָט... איך בין דאָך דער איינציקער ביי אונדז וואָס גיט פּראָדאַקשנס, ספּעקטאַקלס...

גאָלד:

מילא, וואָס געווען איז געווען, פון איצט אָן וועט זיין אַנדערש.

וועקסלער:

אַז איר האָט מיר אָנגעטאָן דעם כבוד און געקומען צו מיר, פאַרשטיי איך, אַז ס׳וועט זיין אַנדערש... קאָן איך וויסן דעם סוד, מיסטער גאָלד?

גאָלד:

אַ פּיעסע.

וועקסלער

(רייבט די הענט צופרידן):

אַ פּיעסע? (עמאָציאָנעל) **מיסטער גאָלד, איר האָט דאָך מיך געראַ־טעוועט!** (דערמאָנט זיך אָן נפתלין, פילט דעם שייכות צווישן נפתלין און דער פּיעסע) **זיינע?**

גאָלד:

יאָ.

וועקסלער:

(תחנונימדיק, כמעט ביז טרערן):

איר הערט, מיסטער גאָלד, איך שווער איך, איך האָב אים נישט אַרויסגעוואָרפן, זאָל איך בלינד ווערן, אויב איך האָב אים אַמאָל געזען פאַר די אויגן... (ער באַגרייפט וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט, פינטלט מיט די אויגן, דערפילנדיק אַז ער איז נישט בלינד, אָטעמט ער אָפּ) **איר**

ווייסט גאָרנישט ווי מ׳דערגייט מיר די יאָרן. די שוישפּילער פון איין זייט, די קריטיקער פון דער צווייטער זייט... רעכטע, לינקע, ציוניסטן, מיטל־מעסיקע. און דאָס „ווערטע פּובליקום״ זיצט אין דער היים און שפּילט ברידזש... גיי, טו, מאַך! און טאָמער איז דאָס נישט גענוג, טראַכט מען נאָך אויס אויף מיר בילבולים, אַז איך וואַרף אַרויס מענטשן פון מיין טעאַטער...
(וויינט)

גאָלד:

הערט אויף וויינען...

וועקסלער:

איך בעט אייך, לאָזט זיך מיר אויסוויינען... (ער דרייט זיך אָפּ אויף עטלעכע סעקונדן, ווישט אויס די אויגן, און ווי גאָרנישט געווען — דרייט ער זיך אויס צו גאָלדן) אַ פּיעסע, האָט איר געזאָגט? אין וויפל אַקטן?

נפתלי

(וועלכער איז הינטער זיי):

אין פינף.

וועקסלער

(דרייט זיך אויס צו נפתלין):

צו לאַנג!

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

וועקסלער:

וואָס זאָל איך מיינען? דאָס פּובליקום נעכטיקט נישט אין טעאַטער. זיי דאַרפן פאָרן אַהיים, דאָס נעמט צייט. און ווען זיי קומען אַהיים, ווילן זיי אַ גלעזל טיי, דאָס נעמט אויך צייט... ווען ווען ווען זיי זיך אויסשלאָפן? פאַרגעסט נישט, זיי זענען שווערע אַרבעטער... טאָ ווי קאָן מען שפּילן פינף אַקטן?

גאָלד:

גערעכט...

נפתלי

(קוקט אויף גאָלדן פאַרלאָרן):

נו, גוט, פיר אַקטן...

וועקסלער:

דאָס פּובליקום וועט זיך אַלץ נישט אויסשלאָפן...

נפתלי:

אָבער קונסט איז דאָך...

גאָלד

(טופּעט מיטן פוס):

מיסטער זילבער!

נפתלי

(הכנעהדיק):

חטאתי, מיסטער גאָלד...

גאָלד

(כעסיק):

געדענקט, דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס איך בין אייך מוחל! (צו וועקסלער) איר וועט מאַכן וויפל אַקטן מ׳וועט דאַרפן...

וועקסלער:

פון היגן לעבן?

נפתלי

(וואַרט ביז גאָלד דערלויבט אים ענטפערן):

ס׳איז פון היימישן לעבן.

וועקסלער:

איר מיינט יוראָפּ?

נפתלי:

יאָ.

וועקסלער:

ווו האָט איר אַ יוראָפּ? נישטאָ קיין יוראָפּ! יוראָפּ איז חרוב!

נפתלי

(זייער געהיט מיט זיינע רייד):

אָבער דאָס איז נאָך פאַרן חורבן...

גאָלד:

יוראָפּ איז אַלעמאָל געווען אַ חורבן...

נפתלי:

אַז איר זאָגט ווייסט איר דאָך מסתמא...

גאָלד:

אַוודאי ווייס איך. אַלע ווייסן!

וועקסלער:

קאָן איך זען די פּיעסע?

גאָלד:

גיט אים די פּיעסע!

(נפתלי גיט אים דעם מאַנוסקריפּט)

וועקסלער

(נעמט דעם מאַנוסקריפּט, וועגט עס מיט די הענט):

מיסטער גאָלד, כ׳פיל, אַז דאָס איז אַ סוקסעס! (צו נפתלין) ווי זשע רופט איר דעם סוקסעס?

נפתלי:

דאָס ווערק הייסט „נאָך האַלבער נאַכט״.

וועקסלער

(פאַרטראַכט):

נאָך האַלבער נאַכט... נאָך האַלבער נאַכט...

נפתלי:

דער נאָמען געפעלט אייך נישט?

וועקסלער

(ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ טראַנס):

וואָס מיינט איר: דער נאָמען געפעלט מיר נישט? (צו גאָלדן) ער איז דאָך אַ רעגעלער עקטער, ווי געפעלט אייך ווי ער מאַכט זיך תמעוואַטע? (צו נפתלין) איר האָט דען אַ באַגריף וואָס אַזאַ נאָמען איז ווערט? אַ פאַרטשון! ס׳איז דאָך אַ באָמבע!...

נפתלי:

טאַקע?

וועקסלער

(זיין באַגייסטערונג וואַקסט):

מיסטער זילבער, ווו האָט איר דערטאַפּט אַזאַ וואונדערבאַרן נאָמען? (פאַר זיך) נאָך האַלבער נאַכט... יונגוואַרג וועלן דאָך באַלאַגערן דאָס טעאַטער... מען וועט דאָך דאַרפן פּאָליס צו האַלטן די „ליינס״ביים באָקס אָפיס... (צו גאָלדן) איך וועל אַדווערטייזן, אַז פאַר קינדער אונטער 16 יאָר איז נישט דערלויבט...

נפתלי:

פאַרוואָס זאָלן קינדער נישט טאָרן קומען אין טעאַטער?

וועקסלער:

ווייל איך וויל אָנשרייבן אַ סצענקע, צי צוויי, ס'זאָל זיין אין איינקלאַנג מיטן נאָמען... (טראַכט נאָך) כ'וועל אפשר טאַקע מאַכן אַלע דריי אַקטן אַזוי... (צופרידן פון דעם געדאַנק טוט ער נפתלין אַ קלאַפּ אין פּלייצע מעשה גוטער ברודער) מיסטער זילבער, איר זענט געניאַל, סענשיישענאל! און איר זאָגט, אַז איך האָב אייך אַרויסגעוואָרפן?

נפתלי:

יאָ, יאָ, טאַקע מיט דער פּיעסע.

וועקסלער:

אַי, גייט שוין גייט, איר רעדט נאַרישקייטן...

נפתלי:

דעמאָלט איז אייך נישט געפעלן געוואָרן די האַנדלונג.

וועקסלער:

האַנדלונג, שמאַנדלונג, לאָזט עס איבער פאַר מיר. ווי איר קוקט מיך אָן, קען איך אויך אַ קאַץ דעם עק פאַרבינדן...

גאָלד

(צו וועקסלערן):

וואָס האָט איר זיך צערעדט פאַר פייער און וואַסער?

וועקסלער:

איר זענט גערעכט, מיסטער גאָלד. איך בין אַזוי באַגייסטערט פאַרן נאָמען, אַז ס'רעדט זיך אַליין... גוט, איר ווילט אַ קאָנטראַקט?

גאָלד:

איך קען דאָך אייערע קאָנטראַקטן...

וועקסלער:

מיט אייך מאַך איך נישט קיינע קונצן, שרייבט אַליין דעם קאָנטראַקט. איר ווייסט גאָר וואָס, איר וועט קומען אין באָקס אָפיס און איר'ט נעמען וויפל איר וועט וועלן, גוט? איצט ווען איך קאָן נאָך קריגן אַ פּאָר גוטע אַקטיאָרן...

גאָלד:

וואָס איז מיט אייערע אַקטיאָרן?

וועקסלער:

מיינע אַקטיאָרן זענען שוין סאָשיאַל סעקיוריטי קאַנדידאַטן, די ליב־

האָבערין קאָן נישט אַ טראַט טאָן צוליב די רעמאַטעס וואָס באַפאַלט איר.

(רבקה קומט אַריין)

גאָלד:

אָט האָט איר אַ ליבהאָבערין! זייט באַקאַנט: רבקה זילבער — מיסטער וועקסלער.

וועקסלער:

(באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס):

זייער אָנגענעם, מיס רבקה... (צו נפתלין) אייער פרוי? (נפתלי באַשטעטיקט, צו רבקהן) קיין וווּנדער נישט פון וואַנען ס'נעמט זיך צו אים אַזויפיל טאַלאַנט...

רבקה:

אייך איז איצט קלאָר געוואָרן, איך ווייס עס שוין פון לאַנג... (צו גאָלדן) איצט דערקלערט מיר. פאַרוואָס האָט איר מיך גערופן אַהער?

גאָלד:

אין אָנהייב האָב איך אייך גערופן, ווייל ער האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון חרטה. דערנאָך האָב איך איינגעזען, אַז איך קאָן פאַרווירקלעכן אייער חלום אויך.

רבקה:

זיין דערפאָלג איז מיין חלום.

גאָלד:

ס'איז מער ווי דאָס.

רבקה:

וואָס מיינט איר?

גאָלד:

איר ווילט דאָך זיין אַן אַקטריסע...

רבקה:

אַן אַקטריסע? איך בין דאָך קיינמאָל נישט געווען אויף אַ בינע.

וועקסלער:

לאָזט עס איבער פאַר מיר. איר וועט שפּילן די הויפּטראָלע אין זיין פּיעסע.

רבקה:

אָבער, מיסטער וועקסלער...

נפתלי:

רבקה, דו שפּילסט! (פאַרטראַכט) ס'וועט דאָך זיין די גרעסטע סענסאַ־ציע, רבקה זילבער אין נפתלי זילבערס פּיעסע...

רבקה:

נפתלי...

נפתלי:

פון היינט אָן און ווייטער וועל איך שרייבן און דו וועסט שפּילן...

וועקסלער:

נו, וואָס שטייען מיר דאָ? איצט דאַרף מען דאָך שוין צוויי קאָנטראַקטן, איינעם פאַר דער פּיעסע און איינעם פאַר איך.

רבקה:

וואָס דאָ קומט פאַר ווייס איך נאָך אַלץ נישט.

נפתלי:

דו דאַרפסט גאָרנישט וויסן, דו דאַרפסט טאָן וואָס מ'הייסט דיך... איאָ, מיסטער גאָלד?

גאָלד:

יאָ, מיסטער זילבער...

(אַלע אָפּ לינקס).

פאָרהאַנג

זעקסטע סצענע

אַ רייך מעבלירט צימער.

נפתלי שפּרייזט אַרום אין שטעקשיך, אַנגעטאָן אין אַן אונ־טערהעמד און הויזן. אין הינטערגרונט באַווייזט זיך דער פּראָפעסאָר מיטן זאַק און שטעקן. ווען נפתלי קומט אים אַנטקעגן שרייט ער אויס:

ניידור!

נפתלי

(צופרידן מיטן גאַסט):

הער פּראָפעסאָר, וואָס מאַכט איר? קומט אַריין, שטייט נישט ביי דער טיר! (פירט אים צו צו אַ שטול) זיצט!

פּראָפעסאָר

(זעצט זיך):

איר ווייסט נישט וואָס איך בין דורכגעגאַנגען ביז איך האָב זיך דערשלאָגן אַהער... אַ קייסער קומט דאָך נישט אָן אַזוי שווער צו זען, ווי אייך.

נפתלי:

ס׳איז דאָ אַ סך צו רעדן וועגן דעם.

פּראָפעסאָר:

איך האָב געהערט אין וואָס פּאַראַ רחבות איר לעבט, אָבער אַזוינס האָב איך זיך נישט פאַרגעשטעלט... (קוקט זיך אַרום) אוואַ! ס׳איז אַלץ אייערס?

נפתלי:

יאָ.

פּראָפעסאָר:

ווי קומט דאָס צו אייך? אַ ירושה?

נפתלי:

ניין, פֿון שרייבן...

פּראָפעסאָר:

פון שרייבן? גייט שוין, גייט! איר שפּאַסט...

נפתלי

(כעסיק):

איר גלייבט מיר נישט?

פּראָפעסאָר:

כ׳גלייב אייך, נאָר ס׳לייגט זיך מיר נישט אויפן שכל...

נפתלי:

ווען איר האָט שכל, וואָלט איר נישט געבליבן ביים זאַק מיטן שטעקן.

פּראָפעסאָר:

די רייד האָב איך שוין נישט איין מאָל געהערט, אָבער דער חכם בלייב איך אַלע מאָל.

נפתלי:

איר זענט אפשר אַ חכם, אָבער קיין מבין אויף שרייבן זענט איר נישט.

פּראָפעסאָר:

ציט מיך נישט פאַרן צונג... זאָגט מיר בעסער, וואָס מאַכט אייער פרוי, מאַדאַם ניידור?

נפתלי:

איר מיינט — מיס זילבער?

פּראָפעסאָר

(דערשראָקן):

מאַדאַם ניידור איז מער נישטאָ? געשטאָרבן?

נפתלי:

חלילה! וואָס פאַלט אייך איין? זי לעבט, איז געזונט. (שמייכלט) זי איז געוואָרן אַן אַקטריסע, האָב איך געביטן איר נאָמען...

פּראָפעסאָר

(באַרויקט):

אַזוי, אַן אַקטריסע? איך האָב אַלע מאָל געפילט, אַז זי האָט יאָ טאַלאַנט... אָבער פאַרוואָס האָט איר באַדאַרפט בייטן איר נאָמען?

נפתלי:

איך האָב מיין נאָמען אויך געביטן.

פּראָפעסאָר:

אויף זילבער?

נפתלי:

יאָ.

פּראָפעסאָר:

איר האָט עס נישט באַדאַרפט טאָן, ניידור איז זייער אַ שיינער נאָמען.

נפתלי:

נו, נו, לאָמיר נישט אַריינגיין אין דעם... זאָגט מיר בעסער, וואָס מאַכט איר?

פּראָפעסאָר:

נישט גוט. מיינע אַלטע קאַסטימער זענען אַוועק, קיין נייע קומען נישט צו. נישטאָ צו וועמען אַ וואָרט אויסרעדן...

נפתלי:

וואָס מאַכן די טייבעלעך?

פּראָפעסאָר:

אויך נישט גוט. יענער וואָס פלעגט זיי ברענגען עסן קומט שוין אויך נישט מער.

נפתלי:

הונגערן זיי? (דראַמאַטיש) די טייבעלעך טאָרן נישט הונגערן! (נעמט אַרויס אַ פּאַק געלט) נאָט און קויפט פאַר זיי ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

פּראָפעסאָר:

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען? ס'איז צו גוט פאַר זיי... זיי וועלן צעלאָזן ווערן... טייבעלעך זענען ווי פּרויען...

גאלד

(קומט אַריין פון רעכטס):

ווער איז ער?

נפתלי

איר דערקענט אים נישט? ס'איז דאָך דער פּראָפעסאָר, פון פּאַרק...

פּראָפּעסאָר

(דערקענט גאָלדן):

וואָס טוט איר דאָ?

גאָלד

(צום פּראָפּעסאָר):

איר גייט פון וואַנען איר זענט געקומען!

פּראָפּעסאָר

(אָנווייזנדיק אויף נפתלין):

איך קען אים לענגער פון אייך!

גאָלד:

וואָס האָט איר פאַר אים געטאָן די גאַנצע צייט?

פּראָפּעסאָר:

מיך האָט ער נישט געפאָלגט.

נפתלי:

ער האָט דאָך נישט געהאַלטן פון מיין שרייבן...

גאָלד:

אויב אַזוי, איז ער דאָך נישט קיין יאָלד... (צו נפתלין) **און איר? אָט אַזוי גייט מען עס אַרום? מיין גאָט!** (קלינגט אין גלעקל וואָס אויפן דעסק)

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

דינער

(קומט אַריין אָנגעטאָן אין א יוניפאָרמע, פאַרנייגט זיך העפלעך):

יעסער...

גאָלד:

ברענג דעם הער זילבער אין אָרדענונג. פאַרקעם אים, פוץ אָפּ זיינע שיך און זע אומבאַדינגט ער זאָל טראָגן אַ מאַרגנראָק. (צו נפתלין) **אַ פולע שטוב מיט מענטשן וואַרט אויף אייך...** (דינער לויפט אַרויס, קומט צוריק מיט זיין מאַרגנראָק)

נפתלי:

וואָס ווילן זיי?

גאָלד:

עצות, מיינונגען, אייער אויטאָגראַף ווילן זיי! זיי ווילן הערן וואָס פאַראַ שטימע איר האָט... (צום דינער) **זע, ער זאָל אויסקוקן ווי אַ מענטש!**

(צום פראָפעסאָר) **און איר — גייט! גייט!** (נעמט אים אָן פאַרן קאָלנער, פירט אים אַרויס. ביידע אָפּ)

נפתלי

(דינער נעמט זיך אים פאַרקעמען, נפתלי דערקענט זיידמאַנען ווען זיי קומען פנים־אל־פנים):

איר זענט מיר באַקאַנט.

דינער:

אפשר.

נפתלי:

אַ שרייבער?

דינער:

וואָס איז דער אונטערשייד...

נפתלי

(פלוצלינג):

כ'האָב זיך דערמאָנט, איר'ט געלייענט פאַר מיר לידער.

דינער:

יאָ.

נפתלי:

וואָס זשע טוט איר דאָ?

דינער:

איר האָט מיך דעמאָלט געהייסן פאַרברענען די לידער. כ'האָב אייך געפאָלגט, פאַרברענט!

נפתלי:

גוט האָט איר געטאָן...

דינער:

נאָך אַלעמען — ווער זענען אונזערע מבינים? שוסטער־יונגען!

נפתלי:

אַז מ'האָט טאַלאַנט דערשלאָגט מען זיך צו עפעס, נעמט זיך, למשל...

דינער:

נישט אַלע ווילן טאָן וואָס איר האָט געטאָן. איך האָב דאָ געקאַנט זיצן אויף אייער אָרט און איר זאָלט מיך קעמען, צי פוצן די שיך...

נפתלי:

פאַר וואָס זשע האָט איר עס נישט געטאָן?

דינער:

ווייל איך האָב נישט געוואָלט בייטן מיין נאָמען, נישט געוואָלט שרייבן ווי זיי ווילן. אַ קינסטלער טאָר זיך דאָס נישט דערלויבן. די פאָן פון קונסט טראָג איך, נישט איר!

גאָלד

(לויפט אַריין. ווען ער הערט זיי רעדן, צעשרייט ער זיך):

די שיך! פאַרוואָס פוצט איר אים נישט אָפּ די שיך? (לויפט אַרויס)

דינער

(פוצט אים די שיך):

כ׳וויל בעסער פוצן שיך איידער זיך פאַרקויפן!

נפתלי:

איר האָט קיינמאָל נישט געקענט שרייבן!

דינער:

דאָס איז אַן ענין פאַר די היסטאָריקער.

נפתלי:

איך בין דער היסטאָריקער! איך מאַך געשיכטע!

דינער:

נאַרט זיך נישט, איר זענט נישט דער איינציקער אין דער געשיכטע, וואָס האָט זיך פאַרקויפט פאַר אַ טאָפּ לינדזן. איר וועט אויך נישט זיין דער לעצטער.

נפתלי:

איך וועל שרייבן קונסט ווען איך וועל האָבן גענוג געלט.

דינער:

געלט איז אַזאַ חפץ וואָס מ׳האָט קיינמאָל נישט גענוג (גאָלד קומט אַריין) דערפאַר האָבן מיר אַזויפיל פאַרקויפטע נשמות. (דערפילט גאָלדן הינטער זיך) ווי מיינט איר? מיסטער גאָלדן וועט געפעלן ווערן ווי איך האָב אייך אָפּגעפוצט די שיך?

גאָלד:

(כאַפּט אים אַן פאַרן קאָלנער):

אייערע פליכטן זענען: אים אויסטאָן, אָנטאָן, פוצן די שיך, האַלטן דאָס הויז אין אָרדענונג, אָבער קיינע דעבאַטן! (וואַרפט אים אַרויס) און איר — נישט רעדן צו דער דינערשאַפט!

נפתלי:

אַ מענטש פרעגט עפּעס, קאָן מען אים דאָך נישט לאָזן שטיין מיט אָן אָפן מויל...

גאָלד:

ער איז נישט קיין מענטש, ער איז אַ באַדינער. ער האָט געהאַט זיין שאַנס. יעדער מענטש האָט זיין שאַנס, נאָר זיי ווייסן נישט ווי עס אויס־צונוצן... זאָלן זיי פּוצן שיך!... און איצט הערט מיך אויס: איר זענט רייך, אָנערקענט, איבערן גאַנצן לאַנד גרינדן זיך לייען־קרייזן אויף אייער נאָמען, אין מאָנראָוויע בויט מען אַ קולטור־קלוב אויף אייער נאָמען. אין ניו־דזשורזי וועט מען רופן אַ נייעם קעז אויף אייער נאָמען. מ׳האַלט אויך אין פּראָקלאַמירן אַ נפתלי־וואָך איבער אַמעריקע.

נפתלי:

צופיל!

גאָלד:

מען וועט נאָך מאַכן אויטאָמאָבילן אויף אייער נאָמען, סיגאַרעטן, עראָפּלאַנען!

נפתלי:

מיסטער גאָלד, ס׳איז צופיל...

גאָלד:

מ׳דאַרף גיין העכער! העכער! העכער!

נפתלי:

נישט אַזוי הויך, איך בעט אייך...

גאָלד:

איר ווילט דאָך אַרויסגעבן ביכער וועלכע א י ר ווילט? שפּילן טעאַטער ווי א י ר ווילט?

נפתלי:

יאָ, אַוודאי.

גאָלד:

וועט איר דאַרפן טאָן אַלץ וואָס איך הייס אייך!

נפתלי:

איך טו דאָך אַלץ וואָס איר ווילט.

גאָלד:

נישט גענוג!

נפתלי:

וואָס נאָך ווילט איר איך זאָל טאָן?

גאָלד:

אין אַמעריקע זענען דאָ קרוב צו 180 מיליאָן מענטשן...

נפתלי:

איז עס מיין שולד?

גאָלד:

ניין... אָבער אַ העלפט פון זיי ווילן שרייבן.

נפתלי:

זאָל איך זיי נישט לאָזן?

גאָלד:

אויך נישט.

נפתלי:

וואָס זשע דאַרף איך טאָן?

גאָלד:

זיי פאַרקויפן גן־עדן־פּראָדוקטן...

נפתלי

(אומבאַהאָלפן):

אַז מ׳דאַרף וועל איך פאַרקויפן. אָבער ווען? אַלע נאַכט דאַרף איך רעדן אויף מיטינגען, אַ גאַנצן טאָג ברענגט איר מענטשן. ווען וועל איך צייט האָבן פאַרקויפן גן־עדן־פּראָדוקטן?

גאָלד:

אָ, נאָ! איר דאַרפט עס נישט פאַרקויפן, אַלץ וואָס איר דאַרפט איז — געבן אַ דערקלערונג, אַז ווען מ׳עסט גן־עדן־פּראָדוקטן שרייבט זיך גרינגער...

נפתלי:

פאַרוואָס זאָל איך זיי אָפּנאַרן?

גאָלד:

ס׳איז ביזנעס, איינער נאַרט דעם צווייטן. און הערט אויף פרעגן די נאַרישע פראַגן! (קלינגט אין גלעקל, דינער באַווייזט זיך אין טיר) שיק אַריין די הערן פון די גן־עדן־פּראָדוקטן!

(דינער פאַרשווינדט. אין אַ ווײַלע אַרום קומט אַריין מיסטער גוויר ץ. נאָך אים — אַ מאַן מיט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט. הינטער זיי — דער דינער

(זיידמאַן) מיט אַ פּעקל מצה אויף אַ זילבערנער טאַץ. ער שטעלט אַוועק די מצה אויפֿן טיש און גייט אַרויס מיט אַ חוזק־זשעסט)

געווירץ:

היינט איז דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן! מיינע גן־עדן־פּראָדוקטן ווערן אָנערקענט פון דעם וועלט־באַרימטן נפתלי זילבער!

גאָלד

(גיט נפתלין אַ שטיקל מצה):

קייט!

נפתלי

(קייט די מצה, פאַרקרימט זיך):

דאָס איז אַ גן־עדן־פּראָדוקט? ס'איז דאָך מאַנישעוויצעס מצה!

גאָלד:

מ'פרעגט אייך נישט קיין פראַגן און גיט נישט קיין מיינונג (צו געווירצן) **אַן אומגליק מיט די יאָלדן!** (צו נפתלין שטרענג) **שמייכלט!**

נפתלי:

כ'קען נישט...

גאָלד:

(שטרענגער):

שמייכלט!

(נפתלי שמייכלט געצוווּנגענערהייט)

געווירץ:

הע, הע, הע, אַנטשולדיקט מיר, ס'איז נישט קיין שמייכל, אָט אַזוי שמייכלט מען?!

(שמייכלט איבערטריבן, נפתלי מאַכט אים נאָך, געווירץ ווינקט צום מאַן מיטן אַפּאַראַט ער זאָל זיין גרייט. צו נפתלין)

שמייכלט מיט האַרץ, מיט געפיל! מיט... מיט... מיט עוורייטינג!

(נפתלי פרוּווט ווידער שמייכלען, ביז זיי קריגן פון אים אַרויס דעם שמייכל וואָס זיי ווילן. מאַכט דאָס בילד. נפתלי, ווי ער וואָלט אָפּגעטאָן אַ שווער שטיקל אַרבעט, זעצט זיך, אָטעמט שווער)

גאָלד

(גיט אים אַ פּאַפּיר און פען):

שרייבט! גן־עדן־פּראָדוקטן זענען אַ סגולה צום שרייבן...

(נפתלי שרייבט אַן עטלעכע ווערטער)

שרייבט אונטער אייער נאָמען!

(נפתלי טוט עס, גאָלד גיט דאָס אָנגעשריבענע צו געווירצן)

אייער טשעק דאַרף דאָ זיין נישט שפּעטער ווי איבערמאָרגן!

געווירץ:

גוט...

גאָלד

(קלינגט אין גלעקל, דינער באַווייזט זיך):

נעקסט!

(דינער פאַרשווינדט, געווירץ און דער פאָטאָגראַפיער לאָזן זיך גיין, טרעפן ווייסן אַריינקומענדיק. געווירץ דערקענט אים)

געווירץ:

האַלאָ, מיסטער ווייס!

ווייס

(ווי ער וואָלט געווען שטאַרק באַשעפטיקט, קוקט נישט אין זיין זייט):

האַלאָ, גודביי! (לאָזט זיך גיין צו נפתלין)

געווירץ

(גייט אים נאָך):

איך וויל אייך באַדאַנקען אין נאָמען פון מיין געליבטער. שוין אַ וואָך צייט, אַז זי האָט נישט גענומען קיין איין סליפּינג־פּיל...

ווייס

(אָלץ נישט קוקנדיק אין זיין זייט):

אייער געליבטע איז נישט די איינציקע, די גרוסן הער איך פון גאַנץ אַמעריקע... גוט מאָרגן אייך, מיסטער גאָלד! גוט מאָרגן אייך מיסטער זילבער! (רייבט די הענט צופרידן) **איר'ט געלייענט אייער בוך?** (געווירץ פאַרלאָרן אָפּ) **דאָס איז שוין איין מאָל אַ בוך!...**

נפתלי:

וועלכעס בוך?

ווייס:

וואָס הייסט וועלכן בוך? אייער בוך! „פאַרלאָרן אין מדבר"...

נפתלי:

ס'איז מיין בוך?

ווייס:

אַוודאי איז דאָס אייער בוך!

נפתלי:

מיין בוך האָט דאָך געהייסן „די אונטערדריקטע“...

ווייס:

ווער וועט היינטיקע צייטן קויפן אַ בוך מיטן נאָמען „די אונטער־דריקטע?“ מ׳וועט דאָך זאָגן, אַז ס׳איז אַ קאָמוניסטיש בוך!

נפתלי:

זאָלן זיי זאָגן.

גאָלד:

וואָס מיינט איר, זאָלן זיי זאָגן? ווי קאָן מען זיך דערלויבן אַזאַ זאַך אין ביזנעס?

ווייס:

מער פעלט מיר נישט, איך זאָל קריגן אַ נאָמען אַז איך פאַרקויף קאָמוניסטישע ביכער. מ׳וועט דאָך מיך רופן קיין וואַשינגטאָן...

נפתלי:

כ׳האָב וועגן דעם נישט געטראַכט.

ווייס:

אַוודאי, ווען איר טראַכט וועגן דעם וואָלט איר נישט געמאַכט דעם הויפּטהעלד פאַר אַ שרייבער! כ׳פרעג אייך, ווער וויל לייענען היינטיקע צייטן וועגן אַ שרייבער וועלכן מ׳דרוקט נישט? ווער וויל בכלל וויסן וועגן מענטשן וואָס זענען אַ דורכפאַל?

נפתלי:

האָט איר אים געמאַכט פאַר אויס שרייבער?

ווייס:

שור! ער איז ביי מיר אַ לופטפליער! אַן אַוויאַייטער! דאָס איז איצט אין סטייל... די גאַנצע וועלט פליט... אגב ווי קאָן אַ שרייבער, וואָס האָט נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה קומען אין מדבר? אַן אַוויאַייטער קאָן... ער זעט אונטן אַ מדבר, לאָזט ער זיך אַרונטער און ער איז דאָרטן... דאָס איז וואָס מ׳רופט טעכניק אין שרייבן... לייענט טאַקע איבער דאָס בוך, וועט איר זען דעם אונטערשייד פון אייער העלד, ביז דעם העלד. דער איז אַ בחור מיט מוסקולן, די ווייבער זענען פאַר אים די כפרה! נישט ווי ביי אייך — אַ שרייבערל, אַ הונגעריקער, אַן אָפּגעריסענער, אַן אָבגע־דראַניעץ!...

נפתלי:

און וואָס האָט איר געטאָן מיט זיין געליבטער?

ווייס:

אַרויסגעוואָרפן. זי איז דאָך געווען אַ קוואַטש! גערעדט וועגן דער זון, לבנה, שטערן. וועגן דעם האָט מען גערעדט אַמאָל, מיט 30 יאָר צוריק. היינט רעדט מען פון זאַכן וואָס מ׳קאָן אָנטאָפּן מיט די הענט. מ׳גייט נישט אַרום און מ׳חלומט...

נפתלי:

מ׳דאַרף עס טאַקע איבערלייענען.

ווייס:

איך בין זיכער, אַז ס׳וועט אייך געפעלן... (באַגייסטערט) איר ווייסט, איך דרוק שוין די 5טע אויפלאַגע, 4 האָט מען שוין צעכאַפּט! איר ווייסט וואָס נאָך? פון מיינע דריי „בוק אָף די מאַנט קלאַבס״ איז אייערס דאָס דערפאָלגרייכסטע! איך פאַרקויף דאָך דאָס בוך מיט אַ גאַראַנטיע: אויב מ׳שלאָפט נישט איין לייענענדיק אייער בוך איידער מ׳ענדיקט דאָס ערשטע קאַפּיטל — קער איך אום דאָס געלט וואָס זיי האָבן באַצאָלט פאַרן בוך. (נצחונדיק) און ביז איצט האָב איך נאָך קיין איינעם נישט געגעבן דאָס געלט צוריק!

נפתלי:

וואָס זשע ווילט איר איצט?

ווייס:

אַ פאָרזעצונג.

נפתלי

(טראַכט נאָך):

וואָס דאַרפט איר איך זאָל שרייבן? איר שרייבט דאָך איבער סיי ווי...

ווייס:

מיר געפעלט אייער סטיל פון שרייבן. אַן אייגנאַרטיקער סטיל אַזאַ... ווי מ׳לייענט איבער די ערשטע שורה, נעמט אַרום עפּעס אַזאַ וואַרעמקייט. מ׳הייבט גלייך אָן גענעצן. אַלזאָ, קאָן איך, הייסט עס, אַדווערטייזן די פאָרזעצונג פון „פאַרלוירן אין מדבר?״.

גאָלד:

אַוודאי קאָנט איר אַדווערטייזן...

ווייס:

קאָן איך האָבן היינט נאָכמיטאָג עטלעכע טויזנט ווערטער?

גאלד:

איר וועט עס האָבן...

ווייס:

אַ דאַנק אייך, מיסטער גאָלד. גודביי, מיסטער זילבער. (אָפּ)

גאלד

(קוקט אים נאָך):

אַ טייערער געשעפטסמאַן! ווען איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, איז ער געווען אַ פּשוטער שוסטער... ווען נישט איך, וואָלט ער פאַרבליבן ביי שוסטעריי... (קלינגט אין גלעקל, דינער באַוויזט זיך)

נעקסט! (דינער פאַרשווינדט)

רויכוויגט

(קומט אַריין):

האַלאָ! האַלאָ! (קוקט זיך אַרום) ס'איז דאָך אַ רעגעלער פּאַלאַץ... (קלייבט אויס אַ באַקוועמען שטול, זעצט זיך)

גאלד:

ווער זענט איר?

רויכוויגט:

איר דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך דער פון פּאַרק, ווען נישט מיין שניפּס, זייגער און קייטל, וואָלט ער דאָך צו דער גדולה נישט געקומען...

גאלד:

וואָס זשע ווילט איר?

רויכוויגט:

מיין חלק... איך בין דאָך אַ שותף צום געשעפט... דעם אמת געזאָגט, איז ער דאָך אין גאַנצן מיינער. איך האָב אים געזען פאַר אייך, אָבער איך גיי איין אויף שותפות...

גאלד:

גייט בעסער אַרויס פון דאַנען איידער איך וואַרף אייך אַרויס.

רויכוויגט:

נאָר נישט געכעסט זיך! איר ווילט מיך נישט פאַר קיין שותף — איז נישט, אָבער פאַרדינען אַרום אים עטלעכע דאָלאַר בין איך דאָך באַרעכטיקט...

גאָלד:

וואָס, אַ שטייגער, ווילט איר טאָן?

רויכוויגט:

כ׳קאָן ווערן זיין מענעדזשער.

גאָלד:

איך בין זיין מענעדזשער.

רויכוויגט:

אויב נישט קיין שותף און נישט קיין מענעדזשער — האָב איך אַן אַנדער פּראָפּאָזיציע: פאַרוואָס לאָזט איר אַריין מענטשן אומזיסט? רעכנט איינטריט־געלט! פאַרקויפט מיר די קאָנצעסיע. איך וועל שטיין ביי דער טיר און קאַלעקטן...

גאָלד:

זוכט בעסער אַנדערע געשעפטן, און גייט אייך!

רויכוויגט

(ביי דער טיר):

כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, ווען ער האָט גערעדט אין פּאַרק, האָט זיך נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. גיי ריכט זיך, אַז פון אים וועט עפּעס ווערן... (אָפּ)

גאָלד

(קלינגט אין גלעקל, צום דינער אין טיר):

זאָגט די איבעריקע וואָס וואַרטן, אַז זיי זאָלן קומען מאָרגן.

(דינער אָפּ, צו נפתלין):

שוין אַ וואָך צייט, אַז איר האָט גאָרנישט געשריבן.

נפתלי:

כ׳ווייס.

גאָלד:

פאַרוואָס?

נפתלי:

נישט אַלע מאָל קאָן מען שרייבן.

גאָלד:

נאַרישקייטן! איינגערעדטע זאַכן!

נפתלי:

איר האָט אַמאָל געשריבן?

גאלד:

איך טו אַנדערע זאַכן...

טאָ וואָס זשע ווייסט איר וועגן שרייבן?

גאלד:

איך וויל נישט אַריינגיין אין קיין דעבאַטן. הערט מיך אויס. איצט איז פּונקט 11 אַזייגער, האַלב נאָך צוויי דאַרפט איר רעדן אויף אַ לאַנטשען. וועט איר מיר פון איצט ביז האַלב נאָך צוויי געבן 5000 ווערטער.

נפתלי:

ס׳איז נישט מעגלעך.

גאלד:

ס׳איז יאָ מעגלעך. מיסטער ווייס וואַרט אויף דעם. (לאָזט זיך גיין, בלייט שטיין) **און ביים לאַנטשען רעדט וואָס מ׳דאַרף, נישט וואָס איר ווילט!**

(אָפּ. נפתלי קוקט אים נאָך. ער האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער יענער איז שוין אַוועק. ער גייט דורך דאָס צימער עטלעכע מאָל, זעצט זיך ביים טיש, פּרוּווט שרייבן, קען נישט, ס׳פּאַלט אים איין אַ געדאַנק, קלינגט אין גלעקל).

דינער

(באַוויזט זיך אין טיר):

איר האָט געקלונגען?

נפתלי

(לייגט צו דעם פינגער צום מויל):

ששששש...

(ווינקט צו אים מיטן פינגער ער זאָל צוקומען צו אים. ער קומט צו. נפתלי ווייזט אים אָן אויף אַ בענקל, רעדט שטיל)

זעצט זיך.

דינער:

ס׳איז מיר נישט דערלויבט...

נפתלי

(באַפעלט):

זיצט! איך הייס!

דינער

(קווענקלט זיך, זעצט זיך):

וואָס ווילט איר?

נפתלי

(רעדט שטיל, קוקט צו דער טיר):

איר שרייבט נאָך?

דינער

(רעדט אויך שטיל):

ווען קיינער זעט נישט, שרייב איך...

נפתלי:

איר האָט אפשר ביי זיך אַ... אַ... 5000 ווערטער?

דינער:

בלויז 5000? כ'האָב מיליאָנען ווערטער.

נפתלי:

אַנטלייט מיר 5000 ווערטער.

דינער:

פאַר אייך וועט עס נישט טויגן, ס'איז קונסט.

נפתלי:

גיט מיר די 5000 ווערטער. איך וועל עס אייך אָפּגעבן אין אַ טאָג, צוויי.

דינער:

אויף געלט זענט איר בטוח, אָבער נישט אויף קונסט!

נפתלי:

(כעסיק):

איר אַרבעט פאַר מיר! איר דאַרפט טאָן וואָס איך הייס אייך!

דינער:

מיינע הענט האָב איך אייך פאַרקויפט, מיינע פיס, אָבער נישט מיין נשמה!

נפתלי:

שאַ, שאַ, שרייט נישט אַזוי.

דינער

(כמעט מיט טרערן):

איר האָט מיר ווי געטאָן, אָט אַזוי רעדט מען צו אַ קינסטלער?

נפתלי:

איר רעדט ווי אַ נודניק. קונסט, שמונסט! די הויפּטזאַך איז דערפאָלג. און וואָס איז דערפאָלג — אויב נישט געלט?

דינער:

געלט איז נישט אַלץ, מיסטערניידור...

נפתלי:

מיסטער זילבער!

דינער:

יעסער, מיסטער זילבער...

נפתלי:

איר האָט געזען וויפל מענטשן ס'האָבן געוואָרט אויף מיר?

דינער:

ווען איך וואָלט געוואָלט פאַרקויפן מיין נשמה, וואָלטן אויף מיר אויך געוואַרט מענטשן.

נפתלי:

ס'אַ ליגן! איר האָט קיינמאָל נישט געקענט שרייבן!

דינער:

כ'בעט אייך, לאָזט מיך גיין, פאַרליר איך די שטעלע — וועל איך ווידער הונגערן.

נפתלי:

איר וועט די שטעלע נישט פאַרלירן, איך בין דאָ באַלעבאָס.

דינער:

איר טרייסט זיך מיט חלשות־טראָפּנס.

נפתלי:

וואָס מיינט איר?

דינער:

איר זענט דאָ נישט דער באַלעבאָס.

נפתלי:

איר מיינט — מיסטער גאָלד?

דינער:

ניין.

נפתלי:

איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט!

דינער:

און איר ווייסט נישט וואָס ס'טוט זיך הינטער אייערע פּלייצעס!

נפתלי:

וואָס טוט זיך הינטער מיינע פּלייצעס?

דינער:

איר זענט דאָך אַזאַ חכם, געפינט אַליין אויס...

נפתלי

(פלוצלינג):

רבקה!

דינער:

יאָ, רבקה...

נפתלי:

מיט אים? מיט גאָלדן? (דינער באַשטעטיקט, נפתלי כאַפּט אים אַן פאַר די לאַצן טרייסלט אים מיט כעס) פאַרוואָס האָט איר דאָס מיר ביז איצט נישט דערציילט?

דינער:

איך בין אייער דינער, נישט אייער דעטעקטיוו!

גאָלד

(קומט אַריין, דערזעט דעם דינער זיצן, לויפט ער צו צו אים):

וויפל מאָל דאַרף איך דיר זאָגן, אַז דיין אָרט איז דאָרטן!

(ווייזט מיט דער האַנט אויף יענער זייט טיר, דינער לויפט אַרויס אַ דערשראָקענער)

פאַרוואָס שרייבט איר נישט?

נפתלי:

איך שרייב נישט מער!

גאָלד:

מיסטער ווייס וואַרט אויף אייערע 5000 ווערטער.

נפתלי:

איך האָב מער נישט קיין ווערטער פאַר מיסטער ווייס. כ׳וויל זען רבקהן.

גאָלד:

מיסטער זילבער, איך דערקען דאָך אייך נישט.

נפתלי:

נישט מער זילבער! ניידור פון איצט אָן און ווייטער!

גאָלד:

איר זענט אַראָפּ פון זינען?

נפתלי:

מיסטער גאָלד, איך בין געקומען צום זינען!

גאָלד

(פאַרלאָרן, קלינגט אין גלעקל, דינער באַווייזט זיך אין טיר. צום דינער):

וואָס האָט איר דאָ גערעדט?

דינער

(דערשלאָגן):

וועגן קונסט.

גאָלד:

איך האָב אייך אָנגעזאָגט טויזנט מאָל, איר זאָלט וועגן דעם נישט רעדן!

נפתלי:

איך האָב גערעדט וועגן דעם!

גאָלד

(פאַרלאָרן, צום דינער):

פּאַק זיך איין און אַרויס פון דאַנען!

נפתלי:

ער וועט נישט גיין.

גאָלד:

ער וועט יאָ גיין!

רבקה

(באַווייזט זיך אין טיר פאַרפּוצט):

וואָס קומט דאָ פאָר?

נפתלי:

(לויפט צו צו איר, כאַפּט זי אַרום):

רבקה, מיין טייערע, מיין ליבע...

רבקה

(קאַלט, באַפרייט זיך פון אים):

נפתלי, ס'איז אַ שאַנדע פאַר מענטשן...

דינער:

גיי איך יאָ, צי גיי איך נישט?

גאָלד:

גייט צו אַלדי שוואַרץ יאָר! (דינער אָפּ שנעל)

נפתלי:

רבקה, טייערע... רבקה, ראַטעווע מיך!

רבקה:

פון וועמען?

נפתלי

פון אים! (ווייזט אָן אויף גאָלדן)

רבקה:

וואָס פאַראַ שלעכטס האָט ער דיר געטאָן? ער האָט דיר געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ שוך, אַ קלייד, עסן צו זאַט. וואָס ווען האָבן, אַז ער וועט אַוועקגיין?

נפתלי:

איך וויל קיין זאַך נישט, בלויז דיך.

רבקה:

איך בין אַן אַקטריסע, כ׳געהער צו אַלעמען.

נפתלי

(ווייזט אָן אויף גאָלדן):

צו אים אויך?

גאָלד

(צו רבקהן):

זאָג אים, זאָג אים אָפּן!

נפתלי

(פאַרלאָרן, קוקט זיי ביידע אָן):

נו, זאָגט, קומט אַרויס מיט לשון!

גאָלד:

ס׳איז זייער איינפאַך, מיסטער זילבער...

נפתלי:

הערט מיך אויף רופן זילבער! איך בין ניידור!

גאָלד:

זי בלייבט זילבער...

נפתלי:

(לויפט צו צו איר מיט געבעט):

רבקה, ס'איז נישט אמת! לייקן עס אָפּ!

רבקה:

ס'איז יאָ אמת...

נפתלי

(פאַרלאָרן):

אמת? אמת? וואָס איז אמת?

רבקה:

אַלץ וואָס דו טראַכסט...

גאָלד:

יאָ, יאָ, מיסטער ניידור... פאַר איר שטייט אַן אָפענע וועלט...

נפתלי

(מיט געבעט):

רבקה, דו געדענקסט? אין דעם אָרעמען שטיבל זענען מיר געווען גליקלעך, צופרידן. מיר האָבן זיך ליב געהאַט... כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל דיר געבן אַ גרעסערע שטוב מיט דינער, מיט דינסטן, וועסטו מיך מער ליב האָבן... וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

רבקה:

דו ביסט דאָך אַ שרייבער! אַ קענער פון מענטשן, פאַרשטייסטו נישט?

נפתלי:

וואָס האָט דאָס פאַרא שייכות מיט שרייבן? מיט קענען מענטשן?

רבקה:

ס'איז שוין גאָר דאָ אַ שייכות, זיין די פרוי פון אַ באַרימטן שרייבער איז אַ זיסער חלום, אָבער נאָך זיסער איז ווען מ'איז אַליין באַוווּסט און באַרימט...

נפתלי:

ווען נישט איך, וואָלסטו קיין אַקטריסע קיינמאָל נישט געוואָרן.

גאָלד:

ווען נישט איך וואָלט איר קיין שרייבער נישט געוואָרן...

נפתלי:

איך בין געווען אַ שרייבער איידער איך האָב אייך דערקענט.

גאָלד:

אַוודאי האָט איר געשריבן. האָט מען אייך געדרוקט?

וועקסלער

(קומט אַריין):

אַנטשולדיקט מיר, כ'האָב געקלונגען און געקלונגען. ווען קיינער האָט נישט געענטפערט, בין איך אַריין... (רעדט צו אימעצן אויף יענער זייט טיר) ברענג עס אַריין! (אַ מאַן קומט אַריין מיט אַ פּאַק, וועקסלער גיט דעם פּאַק גאָלדן, מאַן אָפּ)

גאָלד:

וואָס איז דאָס?

וועקסלער:

די ראיעלטיס פאַר דער פּיעסע „נאָך האַלבער נאַכט"...

גאָלד:

איר האָט נישט באַדאַרפט זיך מטריח זיין...

וועקסלער:

כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת: ווען איר זענט נעכטן נישט געקומען נאָכן געלט האָב איך נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן. כ'האָב געמיינט, אַז כ'האָב זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט.

גאָלד:

איר זענט אַלרייט, ער, (ווייזט אָן אויף נפתלין) ער האָט זיך פאַר־זינדיקט.

וועקסלער:

ער קאָן זיך נישט פאַרזינדיקן, ער איז אַ קינסטלער. מיר, קינסטלער, זענען אַ פאָלק פון שטימונגען. אַיאָ, מיס זילבער? נעמט מיך צום ביישפּיל: ווען איך בין אין מיטן פון אַ פּראָדאַקשן, שלאָג איך דאָך מענטשן! ווען מיין אייגענער טאַטע קומט דעמאָלט אַריין אין טעאַטער, וואַרף איך אים אַרויס... דאָס הייסט נישט, אַז איך האָב זיך פאַרזינדיקט קעגן אים... ס'איז אַ שטימונג אַזאַ... יאָ, וואָס מער משוגע מיר זענען, אַלץ גרעסערע קינסטלער זענען מיר!

גאָלד:

מיסטער וועקסלער איר זענט אַ פלוידערזאַק.

וועקסלער:

איר זענט גערעכט... אייגנטלעך בין איך געקומען צוליב אַ גאַנץ

אַנדערן ענין: כ'בין געקומען דערמאָנען אַז ס'איז שוין צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ פּיעסע פאַרן נעקסטן סעזאָן? (ווען ער קריגט נישט קיין ענטפער) וועל, מיסטער זילבער, טוט אַ טראַכט וועגן דעם.

נפתלי:

ס'וועט מער נישט זיין קיין פּיעסע!

וועקסלער

(ווען ער באַנעמט זיינע ווערטער):

איר ווייסט דען וואָס איר רעדט? איר טאָרט עס נישט ברענגען פאַר די ליפּן! דאָס יידישע פאָלק שטייט פאַרשמאַכט, הונגעריק, דורשטיק נאָך אייערס אַ פּיעסע, און איר זאָגט: „ס'וועט מער נישט זיין קיין פּיעסע"... איז, ערשטנס, קאָנט איר דאָס נישט זאָגן, ווייל איר באַלאַנגט צום פאָלק און זיי האָבן די דעה איבער אייך, צווייטנס, וואָס האָט איר צו מיר? איר לאָזט דאָך מיך איבער אין מיטן ים.

נפתלי:

ס'וועט מער נישט זיין קיין פּיעסע, קיין ביכער... און רבקה איז אויס אַקטריסע!

וועקסלער

(חניפהדיק):

און איר גייט איין אויף דעם, מיס זילבער?

נפתלי:

זי איז מער נישט מיס זילבער, זי איז מיסעס ניידור.

גאָלד:

זי איז און וועט בלייבן מיס זילבער!

וועקסלער:

אויב אַזוי איז דער פאַרלוסט נישט אַזוי גרויס. (צו גאָלדן) איך האָף, איר וועט געפינען עמעצן וואָס וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ...

גאָלד:

דאָס וועט פאַר מיר זיין די קלענסטע זאָרג, זיי זענען דאָ אין די טויזנטער. (ביידע אָפּ)

נפתלי

(דערשלאָגן, גייט צו צו איר):

רבקה, טייערע רבקה! פאַר דער פּאַפּירענער קרוין וואָס ער האָט אָנגעטאָן אויף דיין קאָפּ האָסטו דיין לעבן פאַרמשכונט... ביסט זיין קנעכט!

רבקה:

זײַ נישט אַזוי טראַגיש. ס׳איז נישט אַזוי שווער צו זײַן זײַן קנעכט...

נפתלי:

אַזוי שנעל ווי דו וועסט מיט אים נישט מסכּים זײַן, וועט ער די פּאַפּירענע קרוין פון דײַן קאָפּ אַרונטערדרײסן.

רבקה:

פאַרוואָס זאָל איך מיט אים נישט מסכּים זײַן? אויב נאָר ס׳איז פון מײַן טובֿה וועגן... און איצט איז פאַר מיר צײַט צו גיין.

נפתלי:

וווּהין?

רבקה:

אַ באַרימטער מענטש דאַרף האַלטן דעם פּולס פון דער וועלט, זײַן אַקטיוו, גיין צו לאַנטשענס, געבן עצות, מיינונגען... ווער נאָך ווייס עס אַזוי גוט ווי דו?

נפתלי

(נאָכגיביק):

נו, גוט. ווילסט גיין צו לאַנטשענס? גיי. ווילסט געבן עצות? גיב. מיינונגען? גיב. אָבער...

(אין טיר באַווײַזט זיך גאָלד מיטן דינער וועלכער איז איצט אָנגעטאָן אין רײַכע ציווילע קליידער. גאָלד פירט אים צו צו נפתלין)

גאָלד:

מיסטער ניידור. דער מיסטער זילבער פאַרנעמט אײַער אָרט. איר האָט אײן ברירה: ווילט איר דאָ בלײַבן, באַדינט אים!

נפתלי:

אים באַדינען? אָט דעם טאַלאַנטלאָזיקייט?

זיידמאַן:

איך באַשטים ווער ס׳האָט טאַלאַנט! מיסטער ניידור, פּוצט מיר אָפּ די שיך!

גאָלד:

פּוצט!

נפתלי:

רבקה, ווי קאָנסטו שטיין אַזוי גלײַכגילטיק און צוזען ווי זיי באַליידיקן

אָן דערנידעריקן מיך? לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען ווו די אויגן וועלן אונדז טראָגן...

רבקה:

גיין גייט דער ווענען ס׳איז ענג... מיר איז דאָ נישט ענג.

נפתלי:

ס׳האַנדלט זיך דאָך נישט וועגן ענגשאַפט. האָסט דאָך מיך ליב? נישט?

רבקה:

אַ קינסטלער דאַרף ליב האָבן די גאַנצע וועלט! (נעמט אַרום גאָלדן) און ער איז דאָך אַ טייל פון דער וועלט, גאָר אַ גרויסער טייל!

נפתלי

(צו גאָלדן):

אַרויס פון מיין הויז!

גאָלד:

דאָס הויז איז מער נישט דיינס.

נפתלי

(ווייס נישט וואָס צו טאָן, שפּרייזט נערוועז איבערן צימער, בלייבט שטיין נעבן רבקהן):

רבקה! ס׳קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז דו ביסט ערנסט. קום מיט מיר, איך וועל דיר אַלץ מוחל זיין.

רבקה:

איך בלייב דאָ.

נפתלי

(לאָזט זיך צו גאָלדן מיט רציחה):

איך וועל אייך אויף צווייען צערייסן!

גאָלד

(שמייכלענדיק):

דאָס זענען פּוסטע רייד. איר וועט מיך נישט קאָנען בייקומען... זעט איר, ווען איר האָט אַ רעוואָלווער, איז עפּעס אַנדערש. אָבער אַזוי ווי איר האָט נישט קיין רעוואָלווער, (נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער, גיט אים) נאָט! קלייבט אויס איינעם פון אונדזביידן און דערשיסט, ס׳איז אַ סך גרינגער ווי איינעם צערייסן אויף צווייען...

(דינער, איצט מיסטער זילבער, לויפט אַרויס דערשראָקן)

נפתלי

(כאַפּט דעם רעוואָלווער, צילט אויף גאָלדן):

דיך!

גאָלד:

מיך וועט קיין קויל נישט נעמען...

נפתלי

(צילט דעם רעוואָלווער אויף רבקהן):

דיך!

גאָלד:

מיסטער ניידור, אין רעוואָלווער האָט איר בלויז איין קויל. איר וועט זי שיסן, וועל איך זי פאַרשטעלן און איר וועט בלייבן מיט אַ ליידיקן רעוואָלווער... באַרעכנט זיך איידער איר שיסט אויס די איינציקע קויל... האָט אין זינען צי אייער לעבן האָט עפּעס אַ ווערט...

נפתלי

(רעדט פאַרטראַכטערהייט):

מיין לעבן איז ווערט געווען אַ סך, גאָר אַ סך... (וואָס ווייטער רעדט ער מער דראַמאַטיש) **איך בין געווען דער האַר איבער זיך אַליין... כ'בין געווען אָפּגעזונדערט פון מענטשן, כ'האָב מורא געהאַט טאָמער וועל איך דיך, אַ פאַרשטעלטן, טרעפן צווישן זיי!** (מיט אַ געבראָכענעם טאָן) **כ'האָב דיך געטראָפן, און דו האָסט צוגענומען מיין ווערט, דעם תוך פון מיין לעבן... איצט איז שוין מיין לעבן גאָרנישט ווערט.** (פּויזע) **איך דאַנק דיר פאַר דער אויפמערקזאַמקייט מכוח דער איינאונאיינציקער קויל... כ'דאַנק דיר...**

(דרייט אויס דעם רעוואָלווער צו זיך, שיסט אויס, פאַלט).

פאָרהאַנג

זיבעטע סצענע

אין פּאַרק, אַ פּאָר שעה שפּעטער. אַרום דער באַנק ווו נפתלי איז געזעסן אין דער צווייטער סצענע שטייט איצט אַ רעדל מענטשן.

ע ר ש ט ע ר

(ציט די אויפמערקזאַמקייט פון איינעם וואָס שטייט אויף די שפּיצפינגער און קוקט אַריבער):

ער אָטעמט?

ד ע ר א יי נ ע ר:

אַזאַ גוטע ראיה האָב איך נישט.

ע ר ש ט ע ר:

כ׳מיין... ער ווייזט סימנים פון לעבן?

ד ע ר א יי נ ע ר:

כ׳בין נישט קיין דאָקטער.

ע ר ש ט ע ר

(צו אַ צווייטן):

אַ מענטש זאָל ענטפערן פּידרעך...

צ ווי י ט ע ר:

מ׳ווייסט ווער ער איז?

ע ר ש ט ע ר:

פון וואַנען זאָל איך וויסן?

צ ווי י ט ע ר:

פאַרוואָס רופט מען נישט קיין אַמבולאַנס?

ע ר ש ט ע ר:

אדרבה, רופט!...

רויכווינט

(קומט צולויפן אַ פּאַרסאַפּעטער):

וואָס פּאַרקויפט מען דאָ?

צווייטער:

מ׳פּאַרקויפט דאָ גאָרנישט, עמעצער חלשט...

רויכווינט:

איך וועל אים אָפּמינטערן...

צווייטער:

איר זענט אַ דאָקטער?

רויכווינט:

קיין דאָקטער בין איך נישט, אָבער איך האָב די רפואה... (נעמט אַרויס אַ פלעשל שנאַפּס) דאָס וועט אַ טויטן לעבעדיק מאַכן... (רייסט זיך אַריין אין רעדל)

צווייטער:

ער וועט אים פאַרסמען... איך זאָג, מ׳דאַרף רופן אַן אַמבולאַנס...

ערשטער:

מיסטער, אפשר וואָלט איר אויפגעהערט נודען? איר ווילט אַן אַמבולאַנס, רופט!

דער איינער

(קומט אַרויס פון אינעווייניק, ציט די אַקסלען):

גאָרנישט מיט גאָרנישט, ער האָט אים געגעבן אַ זופּ שנאַפּס, האָט ער געעפנט די אויגן. (אָפּ)

ערשטער

(צום צווייטן, נצחונדיק):

נו, וואָס פאַראַ פּנים וואָלט איר געהאַט ווען איר רופט אַן אַמבולאַנס?

צווייטער:

אַז ער האָט געעפנט די אויגן באַווייזט עס נאָך גאָרנישט... מ׳חלשט נישט אַוועק סתם אין דער וועלט אַריין.

ערשטער:

מיסטער, איר זענט גערעכט, ער האָט נישט געחלשט סתם אין דער וועלט. ער האָט געחלשט נאָך אַ טרונק בראַנפן... (אַ געלעכטער פון די אַרומיקע)

פראפעסאר

(קומט צולויפן מיט זאַק און שטעקן):

וואָס טוט זיך דאָ? וואָס האָט איר זיך צוזאַמענגעקליבן?

דער איינער:

עמעצער האָט געחלשט...

פראפעסאר:

געחלשט?...

(צעטיילט דאָס רעדל אויף דער העלפט, מ׳זעט נפתלין זיצנדיק אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף דער באַנק, אַרום אים — אָנגע־וואָרפן בלעטער פון זיינע מאַנוסקריפּטן. רויכווינט שטופּט אים דאָס פלעשל אין מויל)

הער אויף, דו גאָרנישט איינער! ווילסט אים פאַרסמען?

רויכווינט

(תמימותדיק):

פאַרסמען? דאָס האָט דאָך אים געראַטעוועט. שיין וואָלט ער אויס־געזען ווען נישט איך.

פראפעסאר

(אויפגעקאָכט, פאָכעט מיטן שטעקן):

אויב דו וועסט נישט אָוועקנעמען דאָס פלעשל פון זיין מויל וועל איך דיר דיין קאָפּ צעשפּאַלטן!

רויכווינט

(טוט געלאָסן אַריין דאָס פלעשל אין קעשענע, שטעלט זיך אויף):

נישט, איז נישט. איר ווילט ער זאָל שטאַרבן? געזונטערהייט... (אָפּ)

פראפעסאר

(גייט צו נאָענט צו נפתלי׳ן, דערקענט אים):

מיסטער ניידור! (טוט אַ ווונק צו איינעם ער זאָל אים העלפן, זיי זעצן אים אַוועק אויפן באַנק, צו די אַרומיקע) **נו, אויס יום־טוב, גייט! גייט! גייט!** (זיי צעגייען זיך) **מיסטער ניידור, וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך?**

נפתלי:

כ׳ווייס נישט...

פראפעסאר:

מענטשן זאָגן איר האָט געחלשט.

נפתלי:

כ'הייב נישט אָן צו געדענקען.

פּראָפּעסאָר:

איך בין דאָ פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע מינוט פריער, זענט איר גאַנץ געשמאַק געשלאָפן. פאַרקראָכן אין די עולמות העליונים? נו, ווי ס'זאָל נישט זיין, קלייבט צוזאַמען אייערע מאַנוסקריפּטן, גייט אַהיים און רוט זיך אויס, איר דאַרפט דאָס זייער נייטיק.

נפתלי:

כ'וועל באַלד גיין.

פּראָפּעסאָר:

געדענקט די מאַנוסקריפּטן, (ווייזט אָן אויף דער ערד) אַנישט וועט עס גיין אויפן פייער...

נפתלי:

איר קאָנט טאָן מיט דעם וואָס איר ווילט.

פּראָפּעסאָר:

(פאַרוואונדערט):

הער ניידור, איך דערקען דאָך אייך נישט...

נפתלי:

(זיפצט):

הער פּראָפּעסאָר, ס'איז אַ פּאַסקודנע וועלט...

פּראָפּעסאָר:

יענע וועלט איז בעסער? פאָלגט מיך, גייט אַהיים, שלאָגט זיך אַרויס דעם טשאַד פון קאָפּ און געדענקט: קיינער בעט אייך נישט איר זאָלט שרייבן, טאָ האָט נישט קיין טענות צו דער וועלט... נאָך אַ זאַך איז כדאי אין זינען האָבן: אַז שרייבן מיינט שאַפן, און שאַפן מיינט זיך שטעלן אויף איין שטופע מיט גאָט.

נפתלי:

איר האָט דאָך אויך אַמאָל געשריבן.

פּראָפּעסאָר:

אמת, אָבער ווען איך בין געקומען צו דעם געדאַנק האָב איך אויפגעהערט שרייבן. כ'האָב זיך פּלוצלינג דערפילט געלייטערט, דערזען זאַכן וואָס כ'האָב ביז איצט נישט געזען.

נפתלי:

וואָס האָט איר געזען?

פראָפעסאָר:

די זעלבע זאַכן וואָס פריער, אָבער אַנדערש, די גרויע הימלען זענען פלוצלינג געוואָרן טיפבלוי, די פאַרנעפּלטע האָריזאָנטן האָבן זיך אויס־געברייטערט ביז עק וועלט; די זון, וואָס איך האָב ביז איצט נישט באַמערקט האָט אָנגעפּילט מיין וועזן מיט אַזויפיל תענוג, אַז דאָס חיות איז מיר אויסגעגאַנגען... אָבער מיין עקסטאַז האָט לאַנג נישט געדויערט, כ׳האָב פלוצלינג דערזען, אַז אונטן איז די וועלט ווייט נישט אַזוי ריין ווי אויבן, ווייל מענטשן האָבן זיך פאַרנומען שאַפן אויסגעטראַכטע וועלטן און פאַרנאַכלעסיקן די אמתע וועלט, אַזוי ווי איך און אַ סך אַנדערע. האָב איך אויף זיך גענומען די אחריות רייניקן די וועלט. כ׳האָב געקויפט אַ זאַק מיט אַ שפּיציקן שטעקן, און מיט יעדן שטיקל פּאַפּיר, וואָס איך הייב אויף פון דער ערד, צאָל איך מיין חוב צו דער ריינקייט פון דער וועלט... איר ווילט זיין גליקלעך?

נפתלי:

יאָ.

פראָפעסאָר:

נאָט אייך מיין זאַק, הייבט אָן מיט אויפראַמען דאָס שמוץ וואָס איר האָט אָנגעוואָרפן. (ווייזט אָן אויף די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן אַרום אים) מאָרגן קריגט איר אַ שפּיציקן שטעקן און מיר ווערן שותפים... (אָפּ)

(נפתלי בלייבט זיצן מיטן זאַק אין האַנט, קוקט נאָך דעם פּראָפעסאָר ביז ער פאַרשווינדט. זיינע אויגן וואַנדערן ביז זיי קומען צו די מאַנוסקריפּטן אויף דער ערד. ער לאָזט זיך אַראָנטער אויף די קני, קלייבט די צעוואָרפענע בלעטלעך, לייענט אַ שורה דאָ, אַ שורה דאָרטן, איידער ער לייגט עס אַריין)

זיידמאַן:

(קומט אָן פון רעכטס, בלייבט שטיין נעבן נפתלין, אַ ווײַלע שפּעטער בייגט ער זיך אַראָפּ צו אים):

מיסטער ניידור, איר ווייסט נישט ווי צופרידן איך בין וואָס איך האָב אייך ענדלעך געפונען.

נפתלי

(דערקענט אים):

וואָס ווילט איר איצט?

זיידמאַן:

ערשטנס, בין איך געקומען זיך אַנטשולדיקן פאַר דער באַמערקונג, וואָס איך האָב פריער געמאַכט אין שייכות מיט דעם וואָס אייער פרוי אַרבעט פאַר איך.

נפתלי:

גייט אַהיים און זייט רואיק, זי וועט שוין מער נישט אַרבעטן.

זיידמאַן:

איך בין נישט געקומען צוליב דעם.

נפתלי:

וואָס דען ווילט איר?

זיידמאַן:

איך בין געקומען אייך גראַטולירן.

נפתלי

(אומגעדולדיק):

יונגערמאַן, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? פאַרוואָס האַלט איר מיך אין איין פאַרפאָלגן?

זיידמאַן

(פאַרלאָרן):

מיסטער ניידור, איר פאַרשטייט מיך נישט, איך בין געקומען אייך גראַטולירן און איר כעסט זיך...

נפתלי:

פון אין דער פרי אָן האָב איך נישט קיין רו צוליב אייך... מיין פרוי און איך זענען געווען גליקלעך און צופרידן, זענט איר געקומען און צעשטערט אונדזער גליק; איצט, אַז איך האָב געפונען מיין תיקון, זענט איר איבער אַ נייס געקומען און ווילט עס צעשטערן. איך בעט אייך, לאָזט מיך צורו, איך האָב מער קיין כוח נישט!

זיידמאַן:

ווען עמעצער קומט צו מיר מיט אַזעלכע גוטע נייעס, וואָלט איך אים באַדאַנקט... אונדזער גאַנצע שטרעבונג איז דאָך אָנערקענט צו ווערן.

נפתלי

(אומגעדולדיק):

איך בעט אייך, גייט אייך! זינט איר האָט אַריבערגעטראָטן מיין שוועל

בין איך שוין אַ צענדליק מאָל דורכגעגאַנגען די מדרגה פון אָנערקענונג. איך וויל וועגן דעם מער נישט הערן...

זיידמאַן

נישט, איז נישט... אָבער איין זאַך וועל איך אייך זאָגן, איידער איך גיי. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס איר האָט מיך אין דער פרי אַזוי טיף באַליידיקט, האָב איך דאָך געפילט פאַר מיין קאָלעגיאַלן חוב אייך צו גראַטולירן וואָס אייער ראָמאַן איז אָנגענומען געוואָרן, כאָטש מיינע לידער זענען צוריקגעוויזן געוואָרן... אַ גוטן טאָג... (אָפּ)

(נפתלי קלייבט צונויף די צעוואָרפענע בלעטער און לייגט זיי אין זאַק)

רבקה

(קומט אָן פון רעכטס, אָנגעטאָן ווי אין דער ערשטער סצענע, אירע בליקן וואַנדערן אין אַלע זייטן, ווען זי זעט נפתלין לויפט זי צו דערשראָקן):

נפתלי, וויי איז מיר, וואָס איז געשען?

נפתלי:

ס׳איז גאָרנישט געשען.

רבקה:

וואָס זשע ליגסטו אויף דער ערד?

נפתלי:

כ׳קלייב עס צוזאַמען.

רבקה

לאָז עס געמאַך, זעץ זיך אויפן באַנק, כ׳האָב פאַר דיר זייער גוטע נייעס...

נפתלי:

כ׳דאַרף עס אַפריער צונויפקלייבן.

רבקה

(העלפט אים, ווען זי לייגט די בלעטער אין זאַק באַטראַכט זי אַ בלעטל):

ס׳איז דאָך דיין האַנטשריפט.

נפתלי:

ס׳איז מיין נייער ראָמאַן.

רבקה:

טאָ וואָס זשע לייגסטו עס אין זאַק?

נפתלי:

פון איצט אָן און ווייטער וועט דאָס זיין מיין אַרבעט.

נפתלי:

וואָס רעדסטו? וואָס פּלאַפּלסטו?

נפתלי

(שטעלט זיך אויף, שטאָלץ):

רבקה, כ׳הייב אָן אַ נייַ לעבן!

רבקה:

וואָס מיינסטו?

נפתלי:

די וועלט איז פאַרפּלייצט מיט שמוץ, מ׳דאַרף זי האַלטן ריין!

רבקה:

איז דאָס אַן אַרבעט פאַר דיר?

נפתלי:

אַז יעדערער וועט טאָן זיין טייל, וועלן מיר האָבן אַ ריינע וועלט...

רבקה:

צו מיינע שונאימס קעפּ, וואָס פאַראַ משוגעת איז דאָס? מ׳האָט דאָך אָנגענומען דיין ראָמאַן, ביסט דאָך אָנערקענט!

נפתלי:

אָנערקענונג, רבקה, איז אַ קללה.

רבקה:

כ׳הייב דיך נישט אָן צו פאַרשטיין. נאַ זע, אַ טשעק אויף הונדערט דאָלער, איז דאָס אַ קללה?

נפתלי:

דער טשעק קאָן חרוב מאַכן אונדזער שלום־בית...

רבקה:

דאָס איז שוין גלאַט געפּלאַפּלט. אויב מיר האָבן געהאַט שלום־בית ווען מיר האָבן געהונגערט, וועט עס חרוב ווערן ווען מיר וועלן האָבן וואָס צו עסן?

נפתלי:

הער מיך אויס, רבקה, איך בין נישט משוגע, און איך רעד נישט פון וועג. איך האָב גאַנץ גוט דורכגעטראַכט דעם ענין, ווי שווער ס׳זאָל נישט זיין דאָס לעבן אין הונגער און נויט, איז אַלץ בעסער ווי צו לעבן אין

עשירות. נויט, דחקות האַלט צוזאַמען; עשירות קאָן ברענגען די גרעסטע אומגליקן...

רבקה:

הונדערט דאָלער איז ביי דיר עשירות?

היינט האָט מען אָנגענומען מיין ראָמאַן, מאָרגן קאָן מען אָננעמען מיינע אַ דראַמע.

רבקה:

וועט דאָס זיין אַן אומגליק?

נפתלי:

וואָס וועט זיין אויב דיר וועט זיך פאַרוועלן שפּילן אין מיין דראַמע?

רבקה:

אויב איך וועל דיר קאָנען אַרויסהעלפן, פאַרוואָס נישט?

נפתלי:

דאָס איז טאַקע וואָס איך מיין. אַז מ'האָט אַ באַרימטן מאַן, וויל מען אויך זיין באַרימט, און אַז מ'איז אַ באַרימטע אַקטריסע — איז איין גאָט ווייסט צו וואָס דאָס קאָן דערפירן...

רבקה:

אָט דאָס אַלץ האָסטו אויסגעטראַכט?

נפתלי:

נישט נאָר אויסגעטראַכט — איבערגעלעבט...

רבקה:

נו, און אַז דער מאַן איז באַרימט?

נפתלי:

ווי באַרימט איך בין געווען, האָב איך דיך אַלץ ליב געהאַט.

רבקה:

אויב אַזוי מעגסטו זיין רואיק. וואָס מער באַרימט דו וועסט זיין, אַלץ מער וועל איך דיך ליב האָבן, און איך פאַרזיכער דיר, אַז קיין אַקטריסע וועל איך קיינמאָל נישט וועלן ווערן...

נפתלי

(נאָך אַ פּויזע):

פון וועמען, זאָגסטו, איז אָנגעקומען אַ טשעק?

רבקה:

פון ניו־יאָרק. (גיט אים אַ בריוו)

נפתלי

(ווען ער לייענט איבער דעם בריוו):

איך האָב שוין פאַרגעסן אַז איך האָב זיך באַטייליקט אין דעם קאָנטעסט...

רבקה:

אפשר איז דאָס אַ גוטער אָנהייב...

נפתלי:

אויב איך וועל קריגן טשעקס פאַר אַלץ וואָס איך האָב אַוועקגעשיקט וועלן מיר ווערן מיליאָנערן...

רבקה:

איך וועל זיין צופרידן אַז ס'וועט זיין ברויט אין שטוב... קום אַהיים!

(לאָזן זיך גיין, ער מיטן זאַק)

פראָפעסאָר

(קומט אָן):

מיסטער ניידור, וווהין גייט איר מיטן זאַק?

נפתלי:

אַהיים.

פראָפעסאָר:

גיט עס מיר, וועל איך עס פאַרברענען...

רבקה:

פאַרברענען? דאָס איז דאָך גאָלד און זילבער... גאָלד... גאָלד...

(ביידע לאָזן זיך גיין גענאַרעמט. ווען זיי גייען פאַרביי דעם מאַן וואָס זיצט מיט דער ציימונג, שטעלן זיי זיך אָפּ. נפתלי גייט צו צו אים, נעמט אַוועק די צייטונג און מ'דערזעט אַ ברודיק פאַרוואַקסן פנים און דער טייל פון זיין קערפּער וואָס די צייטונג האָט פאַרשטעלט איז איינגעוויקלט אין אַ רעקל וואָס איז צעריסן און פול מיט לאַטעס).

פאַרהאַנג

דער דור פון מארגן

באַטייליקטע לויטן סדר פון זייער אויפטריט:

מייק סאַלאַמאַן — אייגנטימער פון „קינג סאַלאַמאַנס דעליקאַטעסן״.

אַשר סאַלאַמאַן — זיין פלימעניק.

ראָזי — מייק סאַלאַמאַנס פרוי.

שוירלי — ראָזיס אַ יוגנט־חברטע.

גוירטרוד — סאַלאַמאַנס טאָכטער.

פיטער טשאַפּמאַן.

ריבעקאַ — זיין פרוי.

סיליע — זייער טאָכטער.

שימעלע סאַלאָווי — רעווערענד, שוחט און חזן.

מילטאָן — סאַלאַמאַנס זון.

טשאַרלי דייווויס — אַ קאָמוניסטישער פירער.

מר. פּאַרבער.

אַ פרוי.

דייוויד קאָהען — אַ רעפּיודזשי.

אַ פרוי.

אַ מאַן.

נאָך אַ פרוי.

מענער און פרויען.

צייט: איצט.

אָרט: אַ פּאַרוואָרפענע געגנט אין ניו־יאָרק.

ערשטער אַקט

אין דער קיך פון די סאַלאָמאָנס, הינטער זייער דעליקאַטעסן־געשעפט. די קיך דינט אויך פאַרן עסצימער. רעכטס אַ טיר וואָס פירט צו די טרעפּ אַרונטער אין סטאָר, לינקס — אַ טיר צו די איבעריקע צימערן, אין הינטערגרונט — אַ טיר צו דער גאַס.

די מעבל אין צימער זענען די נייטיקסטע.

ס'פילט זיך שטאַרק, אַז די באַלעבאַטים זענען נישט שטאַרק מקפּיד אויף ריינקייט, די אומריינע געשיר אויפן טיש און סינק זענען עדות דערויף.

ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף איז מ ײ ק ס אָ ל אָ מ אָ ן אויף דער סצענע, האַלט אַ טעפּל קאַווע, זוכט אַ ריינעם פּלאַץ אויפן טיש ווו עס אַוועקצושטעלן.

אין דער הינטערגרונט־טיר באַווייזט זיך אַ ש ר, זיין פּלימעניק. ער קומט נישט אַריין מיטאַמאָל: אַפריער באַווייזט זיך זיין קאָפּ. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, דערנאָך שאַרט ער זיך אַריין אין גאַנצן אויף דער סצענע.

מייק איז אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע. ווען ער דערפילט די אַנוועזנהייט פון נאָך עמעצן אין צימער, דערשרעקט ער זיך, דרייט זיך פאַרדעכטיק אום. ווען ער זעט אָשרן, זאָגט ער מיט כעס:

מ ײ ק:

פּרא־אדם! ווילסט אַריינקומען? קלאַפּ אָן ווי אַ מענטש!

אָ ש ר:

דו ווייסט פאַרוואָס איך גנבע זיך אַריין.

מ ײ ק:

ראָזי מיינט, אסור, שלעכטס. די טענות וואָס זי האָט צו דיר, איז פון דיין טובה וועגן... (געפינט ענדלעך אַ פּלאַץ, זעצט זיך, ווייזט אָשרן אָן אויף

אַ בענקל) זעץ זיך. (אָשר זעצט זיך) פאַרוואָס ביסטו נעכטן נישט געקומען? כ׳האָב דאָך געוואַרט אויף דיר אַ גאַנצן אָוונט אין סטאָר!

אָשר:

כ׳האָב דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט: כ׳קאָן צו דיר אין סטאָר נישט אַריין! ווי כ׳טו אָן עפן די טיר פון דיין געשעפט און דערזע די אָנגעשניטענע פליישן, ווערט מיר אַ מינוט צום חלשן... ס׳דערמאָנט מיך אָן די צעהרגעטע און צעשאָסענע אויפן מלחמה־פראָנט...

מייק:

ווי קאָנסטו פאַרגלייכן מיינע דעליקאַטעסן מיט די צעהרגעטע אויפן פראָנט? דאָס פלייש וואָס דו זעסט אין מיין סטאָר איז דאָך פון בהמות! (פויזע) ראָזי איז טאָקע גערעכט! די מלחמה האָט לויז געמאַכט אַ שרייפל אין דיין קאָפּ! (פויזע) אַי אָשר, אָשר, וואָס טוט מען מיט דיר? איך אין דיינע יאָרן האָב שוין געהאַט צוויי דערוואַקסענע קינדער...

אָשר:

ס׳איז אַזאַ חכמה האָבן קינדער?

מייק

(נאָך אַ פויזע):

איז וואָס זשע דאַרפסטו מיך אַזוי גייטיק?

אָשר:

ביזנעס!

מייק

וואָס פאַראַ ביזנעס?

אָשר:

די סטאָר וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעליידיקט אונטן, נעבן דיר, וויל איך דינגען.

מייק:

וואָס טויג דיר אַ סטאָר? טויגסט נישט פאַר ביזנעס. (פּלוצלינג) האָסט דאָך שוין געהאַט אַ סטאָר!

אָשר:

דאָרטן איז נישט געווען קיין גוטע געגנט...

מייק:

און דאָ איז בעסער? דו ווייסט פאַרוואָס די סטאָר איז ליידיק? ווייל מיסטער פינקל האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן פון די כוליגאַנעס דאָ

אַרום... ס'איז אים מיאוס געוואָרן מלחמה האַלטן מיט זיי, איז ער אַרויס פון ביזנעס. ווילסטו ווייזן אַז דו ביסט אַ העלד? דער איינציקער וועג צו האַלטן דאָ די פענצטער גאַנץ, איז שטיין טאָג און נאַכט מיט אַ ביקס אין האַנט!

אַשר:

מיט אַ ביקס האָט נאָך קיינער גאָרנישט געוווּנען.

מייק:

מיט דיינע לעקטשורס טוסטו אַ סך אויף?

אַשר:

כל־זמן דער מענטש עסט חיות וועט ער זיין אַ חיה!

מייק

(אומגעדולדיק):

ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. אָט עס איך דאָ די זעלבע שפּייז, די זעלבע דעליקאַטעסן. ברעך איך פענצטער? שלאָג איך מענטשן?

אַשר:

טוסטו, מסתמא, אַנדערע זאַכן וואָס ס'איז נישט שיין... ס'איז דאָך אוממעגלעך דו זאָלסט זיין אַ שיינער מענטש נאָך די אַלע זאַכן וואָס דו פּאַקסט אין זיך אַריין!

מייק:

און דיינע עסנס זענען בעסער? זעסט דאָך אויס ווי אַ מת! אדרבה, קוק מיך אָן און קוק זיך אָן...

אַשר

(מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס):

זאָל מען דאָס זען אויף מיינע שונאים וואָס מ'זעט אויף דיר! אַ בייכל... וועסט אויפעסן נאָך אַ פּאָר בהמות, וועסטו האָבן אַ גרעסער בייכל. מיט וואָס אַ מענטש גרייסט זיך דאָס!

ראָזיס קול

(פון אונטן רעכטס):

מייק! מייק!

מייק

(שרייט אין דער ריכטונג פון ראָזיס קול):

יעס, ראָזי, וואָס? (אָשר איז גרייט אַרויסלויפן, מייק פאַרהאַלט אים)

ראַזיס קול:

דער זייגער איז שוין באַלד 10 און דיין סיינפיינטער איז נאָך אַלץ נישטאָ!

מייק

(האַלט צו אָשרן, רעדט אַריין אין טיר):

ער׳ט באַלד קומען! (צו אָשרן) וואָס רייסטו זיך ווי אַ ווילד פערד? ו׳אַזי וועט דיך נישט אויפעסן...

אָשר:

אַ קשיה אויף איר... וואָס דאַרפסטו אַ סיינפיינטער?

מייק:

אונדזער נייער נאָמען איז שוין לעגאַל, דאַרף מען אים אַרויפשרייבן אויפן פענצטער.

אָשר:

טאַקע סלייטער?

מייק:

יאָ.

אָשר:

כ׳האָב אַלץ געמיינט, אַז דו וועסט עס נישט טאָן... דו ביסט דער לעצטער וואָס טראָגט דעם נאָמען... דיין טאַטע האָט פאַרן נאָמען מיט זיין לעבן באַצאָלט... (פויזע) כ׳געדענק: ער פלעגט זיך באַרימען אַז ער שטאַמט פון שלמה המלך... (פויזע) דערפאַר טאַקע האָט ער דיר אַ נאָמען געגעבן מלך... (פויזע) האָסטו פון מלך געמאַכט „מייק" און איצט האָסטו געפּטרט דעם נאָמען סאַלאָמאָן אויך... (פויזע)) איז ווי וועט דיין געשעפט איצט הייסן? „קינג סלייטערס דעליקאַטעסן"?

מייק:

ניין, בלויז סלייטער. פאַר סאַלאָמאָן האָט זיך געפּאַסט דער „קינג" אָבער נישט פאַר סלייטער...

אָשר

(פאַר זיך):

אַ שאָד, אַ שאָד! ווען איך פלעג פאַרבייגיין דיין געשעפט און זען דעם אויפשריפט אויפן פענצטער „קינג סאַלאָמאָנס דעליקאַטעסן", פלעג איך טראַכטן פון אָנקל. ווען ער וואָלט געקאָנט אויפשטיין פון קבר און זען

דעם אויפשריפט אויף דיין פענצטער, וואָלט עס אים זייער הנאה געטאָן... איז טאַקע גוט וואָס מ׳קאָן נישט אויפשטיין פון קבר און אַ קוק טאָן...

מ ײ ק :

ווען ער זעט, אַז צוליבן נאָמען ברעכט מען פענצטער, וואָלט ער מיך אַליין געהייסן בייטן דעם נאָמען.

אָ ש ר :

נישט דיין טאַטע! (פויזע) ער האָט געקענט יידישע געשיכטע מער ווי דו? ער האָט געוווסט, אַז מ׳הרגעט יידן מיט גוישע נעמען אויך... (פויזע) וואָס מיך פאַרדריסט — וואָס דו לאָזט זיך איבעררעדן פון איר, פון דיין ראָזין...

מ ײ ק :

מ׳קאָן זי אויך נישט באַשולדיקן. מיינסט, אַז איר איז גוט צו לעבן אין אַ שטענדיקער מורא? היינט ברעכט מען פענצטער — וואָס טוט מען, אַז מאָרגן וועט מען ברעכן קעפּ?

אָ ש ר :

און אַז דו האָסט שוין איבערגעביטן דעם נאָמען — וועט שוין די מענטשהייט ווערן גוט און פרום? (פויזע) אַפריער דאַרף מען דערגיין פון וואַנען די רעות נעמט זיך, דערנאָך זוכט מען דאָס מיטל, נישט גלייך כאַפּן און בייטן דעם נאָמען!

מ ײ ק :

אַדרבה, זיי דו דער חכם און געפין אויס פון וואַנען די רשעות נעמט זיך...

אָ ש ר :

איך האָב שוין פון לאַנג אויסגעפונען. ס׳איז פּשוט ווי צוויי און צוויי איז פיר.

מ ײ ק

(איראָניש) :

פלייש...

אָ ש ר :

אַוודאי פלייש! פלייש וואַקסט נישט אויףביימער. אַפריער דאַרף מען הרגענען דעם אָקס כדי צו קאָנען עסן זיין פלייש.

מ ײ ק :

וואָס פאַראַ שייכות האָבן דאָ אָקסן?

אשר:

אַז מ׳געוווינט זיך צו צו הרגענען אָקסן, ווערט שוין דער ענין הרגענען אַ געוווינהייט, פאַרגיסן בלוט — אַ וואָכעדיקע זאַך. העלפט נאָך גאָט, אַז ס׳איז אַ מלחמה, זענען אַלע פאַרנומען מיט הרגענען איינער דעם צווייטן. ווערט אָבער שלום, גייט מען אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט, ברעכט מען שויבן, קעפּ! דאָס אָקסענע בלוט און פלייש אין זייערע סיסטעמען פאַרסמט זייערע מוחות, רייצט זיי צו שנאה־קנאה. (פּויזע) איצט זעסטו שוין דעם שייכות וואָס די אָקסן האָבן?

מייק:

אָרגאַניזיר דיינע אָקסן אין אַ יוניאָן זיי זאָלן זיך נישט לאָזן קוילענען.

אשר:

איך וועל פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן אַלע בוטשערס און דעליקאַטעסן־סטאָרס!

מייק

(סאַרקאַסטיש):

קעגן מיין דעליקאַטעסן־סטאָר אויך?

אשר:

מיט דעם וואָס דו ביסט מיין אָנקל ביסטו אַ קנאַפּער יחסן!

מייק:

וועסט עס קיינמאָל נישט אויספירן! (פּויזע) אָט, למשל, ביסטו געקומען צו מיר איך זאָל פאַרמאַכן מיין דעליקאַטעסן־סטאָר, וועל איך דיך פאָלגן?

אשר:

אַז מ׳וועט איין מאָל, צוויי מאָל, צעברעכן דיינע פענצטער, ווערסטו בעסער ווערן!

מייק:

דו וועסט אויך ברעכן פענצטער?

אשר:

צוליב אַן אידעאַל מעג מען...

ראָזי

(באַווייזט זיך רעכטס. ווען זי זעט זיי שמועסן, ווערט זי אַן אַנגעצונדענע):

איך ווער אויסגעריסן אין סטאָר און ער פאַרברענגט דאָ מיט דעם משוגענעם!

אָשר

(צו מייקן, ווייזנדיק אויף ראָזין):

אָט האָסטו אַ לעבעדיקן ביישפּיל. דו ווייסט פאַרוואָס זי איז אין כעס? די אָקסענע יוכע האָט זיך אין איר צעקאָכט!

מייק

(צו ראָזין):

הער זיך נישט איין וואָס ער רעדט.

ראָזי:

אָבער דיר ווערט נישט מיאוס אים הערן רעדן? (פּויזע) אַז מ'האָט שוין יאָ דערלעבט מ'זאָל מעגן בייטן דעם נאָמען, קאָן מען אין גאַנץ אַמעריקע קיין סיינפּיינטער נישט געפינען.

מייק:

ס'עט זיין אַ סיינפּיינטער, ס'עט זיין!

אָשר:

איך האָב דעם אָנקל געזאָגט: מיטן בייטן דעם נאָמען וועט מען די פראַגע נישט לייזן!

ראָזי:

ערשטנס, פרעגט מען דיך נישט און צווייטנס — איז דען דאָ אַן אַנדער ברירה!

אָשר:

אַוודאי, ווערט וועגעטאַריער!

ראָזי:

וואָס?

אָשר:

וועגעטאַריער. איר זענט שולדיק וואָס מ'ברעכט די פענצטער. איר פאַרסמט זיי די מוחות מיט אייערע דעליקאַטעסן. הערט זיי אויף קאָרמענען מיט סם, וועט איר זען, אַז מ'וועט אויפהערן ברעכן פענצטער, מ'וועט אויפהערן מלחמה האַלטן און ס'וועט זיין שלום אויף דער וועלט!

ראָזי

(איז אים מבטל, צו מייקן):

נו, איז ווען גייסטו אויפגעבן די סטאָר?

מייק:

ער איז געקומען מיט מיר זיך אַן עצה האַלטן, ער וויל דינגען די לײדיקע סטאָר אונטן.

ראָזי:

וואָס דאַרף ער אַ סטאָר?

מייק:

ער וויל גײן אין ביזנעס.

ראָזי:

שוין ווידער אַ מאָל ביזנעס? זאָל ער פריער אויסצאָלן די חובות פון זײנע פריערדיקע ביזנעס!

אָשר:

איך גײ נישט אין ביזנעס צוליב פּראָפיטן. מײן ביזנעס איז אויפקלערן דער מענטשהײט.

ראָזי

(מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס):

איר ווילט אויפקלערן דער מענטשהײט? קלערט פריער זיך אַלײן אויף, ווערט פריער אַלײן אַ מענטש — דערנאָך וועט איר אויפקלערן אַנדערע; (פּויזע, ווי צו זיך) גײט אַרום פּוסט און פּאַס, באַגראָבט יעדן סענט וואָס מ׳לײט אים און האָט טענות צו דער וועלט! (מיטן ווײזפינגער גלײך אים אין פּנים) הערט אויף קײען מערן, קנאַקן ניס. האָט התונה, האָט קינדער, ווערט אויסגעריסן — וועלן אײך נישט ליגן אין קאָפּ די נאַרישקײטן!

אָשר

(שאַרט זיך צו צו דער טיר, נעמט זיך אָן מיט מוט):

ווען איך האָב אײך אויף מײן זײט מיט אײער צינגעלע, וואָלטן מיר בײדע זײער אַ סך געקאָנט אויפטאָן! (לויפט אַרויס)

ראָזי

(קוקט אים נאָך, דרײט זיך האַסטיק אום צו מײקן):

אויב איך וועל אים נאָך אײן מאָל געפינען דאָ אין שטוב, וועסטו בײ מיר גײן מיט אים צוזאַמען!

מייק:

צו וועמען זאָל ער גײן? איך בין דאָך דער אײנציקער שטיקל קרוב וואָס ער פאַרמאָגט.

ראָזי:

זאָל ער גייִן אין אַ משוגעים־הויז!

מייק:

ער איז נישט משוגע. (פּויזע) אָפּזיין דריי יאָר אויפן פראָנט איז נישט קיין קלייניקייט!

ראָזי:

פאַר דער מלחמה איז ער געווען בעסער? פריער האָט ער זיך אָנגעגומען פאַר קאָמוניסטן און איצט נעמט ער זיך אָן פאַר בהמות. (פּויזע) גיי, גיי אין סטאָר! איך דאַרף אויפראַמען. מער פעלט מיר נישט אַז שוירלי זאָל אויפשטיין און דערזען דעם פּאַגראָם דאָ אין קיך...

מייק:

אַז דו האָסט געוואָלט ס'זאָל זיין אויפגעראַמט, האָסטו נישט באַדאַרפט זיצן און רעדן מיט שוירלין ביז פאַרטאָג...

ראָזי:

כ'האָב שוין שוירלין נישט געזען 20 יאָר, האָסטו געוואָלט, אַז ווי זי איז אַריין אין שטוב זאָל איך איר לייגן שלאָפן? (פּויזע) ער שלאָפט ביז האַלבן טאָג און האָט טענות צו מיר! ווען דו קומסט אַרונטער, וואָלט איך געקאָנט אַרויפגיין אויפראַמען.

מייק:

צוויי מענטשן אין סטאָר זענען גענוג, מ'דאַרף נישט האָבן דריי!

ראָזי:

וואָס פאַראַ דריי?

מייק:

דו, גוירטרוד און דייוויד.

ראָזי:

ס'איז שוין אויס דייוויד!

מייק:

ער איז נישט געזונט?

ראָזי:

ער איז געזונט. אַז מ'איז נישט געזונט, ליגן מיידלעך נישט אין זינען!

מייק:

וואָס מיידלעך? וואָס רעדסטו?

ראָזי:

אַ שײנער טאַטע! אַ גאַנצן טאָג אין סטאָר — און װײס נישט װאָס ס׳טוט זיך הינטער זײן נאָז. (פּויזע) אַ גאַנצן טאָג נעמט ער דאָך זײנע אויגן פון גוירטרודן נישט אַראָפּ.

מייק:

האָסטו אים אָװעקגעשיקט?

ראָזי:

װאָדען, כ׳װעל אים האַלטן? די קאַסטימער פלעגן דאָך צעפּלאַצט װערן. זײ שטײען װי אויף שפּילקעס, און ער שטײט װי אַ לײמענער גולם און קוקט אויף איר! און טאָמער האָט ער שוין יאָ עפּעס גענומען אין די הענט, איז אים אַלץ פון די הענט געפאַלן...

מייק:

אַז ער װעט זיך צוגעװױנען צו דער אַרבעט, װעט אים פון די הענט נישט פאַלן.

ראָזי:

איך זאָג אים אײן זאַך, און ער טענהט זײנס! װען ער קוקט אויף װאָס ער טוט, װאָלט אים פון די הענט נישט געפאַלן... ס׳איז דאָך געװען מיט נסים װאָס ער האָט זיך די פינגער נישט אָפּגעשניטן.

מייק:

אַז ער װעט זיך אײן מאָל צעשנײדן, װעט ער זיך היטן.

ראָזי

(אויסער זיך):

איך זאָג אים אַז ער איז פאַרליבט אין גוירטרודן, און ער טענהט אַז ער װעט זיך צעשנײדן, װעט ער זיך היטן!

מייק:

האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר. אַ װעזן זי מאַכט דאָס. אַ מײדל — קוקט ער.

ראָזי:

װי אַזוי זי קוקט אויף אים, געפעלט מיר אויך נישט...

מייק:

איז דאָך נישטאָ װאָס צו רעדן! אַז קײן זאַך געפעלט דיר נישט. (פּויזע) דאַרפסט נישט קײן מורא האָבן. ער איז דאָך אַזאַ שטילער, אַזאַ דערשלאָגענער...

ראָזי:

ערשט פאַר די שטילינקע דאַרף מען זיך היטן!

מייק:

אָבער מ׳קאָן דאָך נישט אַוועקשיקן אַ מענטשן צוליב יעדער קלייניקייט!

ראָזי:

ווער האָט אים באַדאַרפט אין גאַנצן? די גרויסע געשעפטן וואָס מ׳מאַכט?

מייק:

איידער ער איז געקומען אַרבעטן אַהער זענען מיר דאָך געווען ווי אין אַ פּריזן! מ׳האָט דאָך די ליכטיקע וועלט נישט אָנגעזען. אַז ער איז אין סטאָר, קאָנען מיר דאָך אָפּכאַפּן דעם אָטעם. (פּויזע) און גוירטרוד איז נישט אַזאַ נאַר, זי זאָל זיך פאַרליבן אין אים.

ראָזי:

אַז ס׳קומט זיך צו פאַרליבן, פאַרלירט מען דעם שכל.

מייק:

זאָג עס נישט, ראָזי, אַז מ׳פאַרליבט זיך, קומט מען ערשט צום שכל.

ראָזי:

ס׳איז נישט אַזאַ גוואַלדיקע חכמה! גענוג מענטשן האָבן זייערע קעפּ פאַרלאָרן צוליב פינצטערע ליבעס. (פּויזע) איך אַליין אויך!

מייק:

דו האָסט זיך, אָסור, אויף וואָס צו באַקלאָגן. (פּויזע) איך וואָלט דען אַזוי פיל אויסגעשטאַנען פון דיר ווען איך האָב דיך נישט ליב? כ׳האָב דאָך קיינמאָל נישט געטאָן וואָס כ׳האָב געוואָלט, זינט איך קען דיך. איך בין דאָך דיין קנעכט, דיין שקלאַף!

ראָזי:

קיינער האָט דיך נישט געבעטן זאָלסט מיך ליב האָבן.

מייק:

ליבע איז נישט אַזאַ זאַך וואָס מ׳קאָן אויסבעטן... ס׳איז אַ חולאת.

ראָזי:

מיט אַ חולאת גייט מען צו אַ דאָקטער. (פּויזע) ער האָלט מיר אין איין אויפוואָרפן, אַז ער האָט מיך ליב; אַז מ׳האָט ליב אַ מענטשן, וויזט מען עס אַרויס...

מייק

נאָך אַלץ נישט גענוג? (זיפצט) ווען דו ווייסט ווי שווער ס'איז אָפּצו־לעבן אַ לעבן און קיין מאָל נישט טאָן וואָס מ'וויל, נאָר וואָס יענער וויל, וואָלסטו אַזוי נישט גערעדט. (פּויזע) און ס'איז נאָך אַלץ נישט גענוג! אדרבה, זאָג מיר, וואָס נאָך האָב איך געקאָנט טאָן פאַר דיר און נישט געטאָן?

ראָזי

(סאַרקאַסטיש):

האָסט געטאָן אַלצדינג! האָסט דאָך אַפילו חתונה־געהאַט מיט מיר!

מייק:

איז דאָס אויך אַ זינד? כ'האָב דיך ליב געהאַט, האָב איך חתונה־געהאַט מיט דיר...

ראָזי:

אָט דאָס איז דאָך מיין גרעסטער אומגליק! ווען ס'וואָלט דעמאָלט אויף דיר נישט געווען אַזאַ בהלה און מיך נישט געיאָגט חתונה האָבן מיט דיר, וואָלט איך זיך איבערגעבעטן מיט טשאַרלין (זיפצט) און מיין לעבן וואָלט איצטער געווען אַן אַנדערש.

מייק:

אַ גליק וואָלט דיך געטראָפן! אַזוי שיקט מען אים אַליין אַרויס פון אַמעריקע; ווען דו האָסט חתונה מיט אים, וואָלט מען אייך ביידן אַרויסגע־שיקט. (פּלוצלינג) וואָס פלוצלינג טשאַרלי?

ראָזי:

ס'איז נישט פּלוצלינג... און פריי זיך נישט אַזוי שטאַרק, מ'שיקט אים נאָך נישט אַרויס פון אַמעריקע. און אַז דו ווילסט, וועל איך דיר פאַרטרויען אַ סוד: ער איז איצט דאָ, און די צווייטע וואָך וועט ער רעדן אין מעדיסאָן סקווער־גאַרדן.

מייק:

פון וואַנען ווייסטו?

ראָזי:

כ'וויס.

מייק

(פּלוצלינג):

וואָס נאָך האָט דיר שוירלי דערציילט?

ראָזי:

שוירלי דאַרף מיר נישט דערציילן, איך ווייס אַליין...

מייק

(שטרענג):

איך וויל דאָ שוירלין נישט האָבן!

ראָזי:

מיט שוירלין האָט עס נישט צו טאָן!

מייק

(ווי פאַר זיך):

טאָמער איז אַוועק אַ שטיקל צייט און מ׳האָט זיך אויפגעהערט רייסן פאַר די האָר, די וואונד האָט זיך שוין אָנגעהויבן היילן — קומט זי און צעיאָטרעט ווידער די וואונד...

ראָזי:

וואָס האָסטו זיך צערעדט? וואָס ווילסטו?

מייק:

מיין צרהדיק לעבן רעדט. מיר האָבן דען געהאַט אַ גליקלעכע מינוט זינט מיר זענען צוזאַמען? דו האָסט דאָך קיינמאָל נישט אַ שמייכל געטאָן צו מיר, קיינמאָל נישט געזאָגט: שד, טייוול, גוט־מאָרגן. אַלע מאָל — קולות, געוואַלדן, מלחמה. און אַלץ צוליב אים. און אַז גאָט האָט געהאָלפן, מ׳האָט אים אַריינגעזעצט אין פּריזן, און איך האָב פריי אָפּגעאָטעמט, קומט זי און ברענגט דיר די נייעס, אַז ער איז ווידער פריי! (פּויזע) איך וויל איר דאָ נישט האָבן!

ראָזי

(צעטומלט, זוכט ווערטער):

וואָס מיינסטו, ווילסט איר נישט? וווהין זאָל זי גיין? יענע איז אַ דערשלאָגענע, אַ וויסטע, פינצטערע אלמנה, קען קיין צוויי ווערטער נישט אויסרעדן זי זאָל זיך נישט צעוויינען, וועט ער זי אַרויסוואַרפן אין גאַס. (פּויזע) אין וואַשינגטאָן זיצט מען טעג און מ׳מאַכט געזעצן מ׳זאָל נישט קאָנען אַרויסוואַרפן פון אַ דירה, און ביי אים איז רעכט נעמען און אַרויס־וואַרפן. (פּויזע) איך האָב אָבער אַלע מאָל געפילט, אַז הינטער דיינע גלאַטע רײדעלעך ליגט באַהאַלטן אַ מערדער, אַ גזלן. (פּויזע) דו האָסט טענות פאַרוואָס איך האָב דיך נישט ליב, איצט האָסטו דעם ענטפער!

מייק

(שולדיק):

ווי וואָלסטו געהאַנדלט אויף מיין אָרט?

ראָזי:

נישט אַזוי געמיין ווי דו!

מייק:

(אין זעלבן טאָן):

אַלע יאָרן איז ער דאָך געהאַנגען ווי אַ בייטש איבער מיין קאָפּ. וואָס עפּעס, — איז באַלד טשאַרלי; אַפּילו אַן אייזל וואָלט דאָך אַרויס פון געדולד. (אַ לאַנג שווייגן, ראָזי פּאַרעט זיך מיט די דישעס. מייק גייט לאַנגזאַם צו צו איר) דו וועסט אים גיין זען?

ראָזי:

וועמען?

מייק:

וואָס הייטס וועמען? מיין אומגליק, טשאַרלין.

ראָזי:

אַז כ'וועל וועלן, וועל איך אים זען.

מייק

(ווי אַ פּאַרמשפּטער, מיט געבעט):

ראָזי, שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ. פּאַרשטייסט? איך דאַרף ליידן, איך דאַרף אויסגעריסן ווערן, איך בין דיין מאַן... אָבער די קינדער? (זי ענטפערט נישט, וואַרפט נערוועז מיט די דישעס) טשאַרלי איז פּאַררעכנט פּאַר דעם ערגסטן שונא וואָס דאָס לאַנד פּאַרמאָגט, פּאַר דעם גרעסטן קאָמוניסט. שטעלסט זיך פּאָר וואָס ס'וועט זיין, אַז מ'עט דיך זען צוזאַמען מיט אים? כ'רעד שוין נישט פון אונדז, וואָס מ'וועט אונדז באַיקאָטירן. אָבער אונדזער מילטאָן? ער וועט דאָך זיין דאָס ערשטע כפּרה־הינדל. מ'וועט דאָך אים גלייך אַרויסוואַרפן פון מעדיקל־סקול. ס'איז דאָרט אַזוי אויך נישט פויגלדיק. און גוירטרודן, מיינסטו, וועט דאָס אָפּגיין גלאַטיק? וואָס פאַראַ שידוך וועט זי קאָנען טאָן?

ראָזי:

וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט קלאָגן? גיי אין סטאָר! גוירטרוד איז דאָרטן אַליין.

מייק:

די סטאַר וועט נישט אַנטלויפן, אָט דאָס וואָס איך רעד איז אַ סך וויכטיקער ווי די סטאַר. (פויזע) וועסטו אים זען?

ראָזי:

אַז כ׳וועל וועלן, וועל איך אים זען...

מייק:

מיר־נישט, דיר־נישט, זעצט מען איינעם נישט אַריין אין פריזן, פאַר שרייבן תפילין שיקט מען נישט אַרויס פון לאַנד...

(דער טעלעפאָן קלינגט,ביידע קוקן זיך איבער, דערנאָך טוען זיך ביידע אַ לאָז צום אַפּאַראַט, ראָזי באַוויזט פריער צו קומען צום טעלעפאָן)

ראָזי:

(אין טעלעפאָן):

האַלאָ! ווער? אָ, יעס... יעס... יאָ, איך וועל זיין אין דער היים. יאָ... יאָ... איך וועל וואַרטן... גודבאַי! (הענגט אויף דאָס טרייבל)

מייק

(אומגעדולדיק):

ווער איז דאָס געווען?

ראָזי:

די טשאַפּמאַנס.

מייק:

די טשאַפּמאַנס? וואָס ווילן זיי?

ראָזי:

זיי קומען.

מייק:

נאָך וואָס?

ראָזי:

וואָס ווייס איך?

מייק

(נאָך אַ פויזע):

ס׳איז צוליב מילטאָנען... מסתמא האָבן זיי זיך שוין אויך דערוווּסט וואָס דאָרטן קומט פאָר. כ׳האָב אַ פאַרדאַכט, אַז דאָרטן איז פיל ערגער ווי ער האָט געשריבן... און דיר ליגן אין זינען נאַרישקייטן, נעכטיקע טעג...

שוירלי
(קומט אַריין פון לינקס. זי איז פאַרשלאָפן, אָנגעטאָן אין אַ מאָרגן־ראָק):
גוט־מאָרגן!

ראָזי
(נישט דערוואַרטנדיק זי):
אָ, גוט מאָרגן, שוירלי! וואָס האָסטו זיך געאיילט אויפצושטיין? (זוכט ווערטער) **ווערסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן.**

שוירלי:
כ'שלאָף קיינמאָל נישט שפּעט. אין דער היים, ווי כ'עפן די אויגן, טו איך זיך אָן — און היידאַ!

ראָזי:
אַי, ווען מ'לאָזט מיך שלאָפן אין דער פרי!

שוירלי
(גייט צו צו מייקן, באַטראַכט אים):
דער זעלבער מייק, זיך אויף אַ האָר נישט געביטן! (פּויזע) **ביי אייך דאָ עלטערט מען זיך נישט אַזוי ווי ביי אונדז אין שיקאַגאָ...**

ראָזי
(רייסט איבער):
אַנטשולדיק אים איצט. גוירטרוד איז אַליין אין סטאָר, איר וועט רעדן שפּעטער. (צו מייקן מיט געמאַכטער אויפגעלייגטקייט) **נו, גיי, גיי! שוירלי פאָרט דאָך נאָך נישט אַוועק.**

מייק
(פאַרלאָרן, צו שוירלין):
אַז איר וועט דאָ זיין לאַנג גענוג, וועט איר זען אַז מ'עלטערט זיך דאָ פונקט ווי אין שיקאַגאָ... (אָפּ)

שוירלי:
ער האָט זיך זייער געביטן. ווען איך זע אים נישט נעכטן, וואָלט איך אים, אָסור, דערקענט...

ראָזי:
ער איז היינט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט...

שוירלי:
עפּעס דער מער מיט די ביזנעס?

ר אָ ז י:

נײַן. (מאַכט פּלאַץ בײַם טיש) זעץ זיך! (שירלי זעצט זיך) וואָס ווילסטו עסן?

ש י ר ל י:

מער ווי קאַפע טרינק איך נישט אין דער פרי.

ר אָ ז י:

האָסט מורא אַז וועסט ווערן פעט? (גייט צו צום אויוון טאַפּט דאָס טעפּל) די קאַפע איז נאָך הייס. (גיסט אָן קאַפע) און איך האָב געטראַכט דיר צו מאַכן קאָרנביף מיט אייער, צי סאַלאַמי מיט אייער... (ברענגט די קאַפע)

ש י ר ל י:

זינט מ׳האָט אַרויסגענומען מיין גאַל־בלאַדער עס איך נישט די זאַכן.

ר אָ ז י:

זעסטו, דאָס בין איך דיר מקנא. איך האָב אויך צרות מיט מיין גאַל־בלאַדער. כ׳האָב מורא, אַז אַן אָפּעראַציע וועל איך זיך נישט אויסדרייען.

ש י ר ל י:

אויב דו האָסט בלאַדער טראָבל איז די בעסטע זאַך אויסשניידן — און פאַרטיק. אוי, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען ביז איך בין פּטור געוואָרן פון אים. (טרינקט) וואָס שטייסטו? פאַרוואָס זעצסטו זיך נישט?

ר אָ ז י

(זעצט זיך):

ביסט כאָטש גוט געשלאָפן?

ש י ר ל י:

נאָך אַזאַ רייזע האָסטו געוואָלט איך זאָל נישט שלאָפן?

ר אָ ז י:

אַזוי איז דאָ אַלע מאָל שטיל. אויב עמעצער קומט, איז דאָס אונטן, אין סטאָר. אָבער גראָד היינט דאַרף זיך טרעפן אַלץ אויף אַ מאָל. מייק האָט אַ פלימעניק, עפּעס אַ צעדרייטער, זעט מען אים פאַר די אויגן נישט אָן. האָט זיך אים פּונקט היינט פאַרוואָלט אָפּשטאַטן אַ וויזיט — האָסטו נומער איינס. נומער צוויי: שוין יאָרן, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו בייטן אונדזער נאָמען, איז פּונקט היינט אָנגעקומען אַ בריוו פון לאָיער, אַז דער נאָמען איז שוין געביטן. נומער דריי...

שוירלי:

(רייסט איבער):

האָסט געביטן דעם נאָמען? ווי הייסטו איצט?

ראָזי:

סלייטער...

שוירלי:

איז טאַקע גוט וואָס איך בין געקומען נעכטן. ווען איך קום מאָרגן, וואָלט איך דיך נישט געקאָנט געפינען.

ראָזי:

פאַרפאַלן וואָלסטו נישט געוואָרן. ווען דו וואָלסט געפרעגט אויף די סאָלאָמאָנס, וואָלט דיך געבראַכט אַהער... אַלע קענען אונדז... מיר וווינען דאָך דאָ שוין באַלד 15 יאָר...

שוירלי:

איז ווען וווילסטו אָפּנאַרן מיט דעם וואָס דו האָסט געביטן דיין נאָמען?

ראָזי:

כ׳זאָל זיי לאָזן ברעכן די פענצטער און שווייגן?

שוירלי:

אָבער דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז סלייטער איז סאָלאָמאָן. זיי ווייסן אַלע וועגן דעם, אַז סלייטער איז סאָלאָמאָן.

ראָזי:

דעם אמת געזאָגט איז מיר סאָלאָמאָן קיינמאָל נישט געווען צום האַרצן. ווען מיר וווינען אין פאַלעסטיין — איז אַנדערש. אָבער דאָ? אין שול גייען מיר נישט, העם און בייקען פאַרקויפן מיר, און מיר עסן עס אַליין אויך. טאָ וואָסזשע זאָל זיך נאָכשלעפּן אַ יידישער נאָמען? גויים זאָלן אונדז פיינט האָבן?

שוירלי:

און מיטן נייעם נאָמען מיינסטו, וועלן זיי דיך ליב האָבן?

ראָזי:

ס׳איז דאָ נאָך אַ טעם דערביי: מילטאָן וועט באַלד גראַדואירן אויף דאָקטער.

שוירלי:

נו, איז וואָס?

ראַזי:

אַ שיין פּנים וועט ער האָבן, אַז ער וועט הייסן סאָלאָמאָן...

שוירלי:

ווייל ס׳קלינגט יידיש?

ראַזי:

אַבי דו פאַרשטייסט.

שוירלי:

אָט איז דאָך פּראָפעסאָר איינשטיין אַ ייד מיט אַ יידישן נאָמען, און גלייב מיר, ער האָט שוין גאָר אַ שיין פּנים...

ראַזי:

ווען פּראָפעסאָר איינשטיין וואָלט געווען אַ גוי, וואָלט ער געווען אַ סך גרעסער ווי ער איז. (פּויזע) פאַרוואָס נעמסטו זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן וואָס מיר בייטן דעם נאָמען?

שוירלי:

ווייל אין שיקאַגאָ זענען אויך געווען אַזעלכע חכמים. געביטן די נעמען, זיך אַפילו דערקלערט פאַר גויים. ס׳האָט זיי אָבער גאָרנישט געהאָלפן. כל־זמן ס׳איז דאָ אָרעמקייט, אומוויסנקייט, פּריווילעגירטע קלאַסן, וועט מען אלע מאָל געפינען תירוצים פיינט צו האָבן איינער דעם צווייטן...

ראַזי:

זע נאָר. זע! ביסט דאָך געוואָרן אַ גאַנצע קאָמוניסטקע!

שוירלי:

דאָס איז אַ סך אַ בעסער מיטל אָפּצושאַפן קנאה־שנאה, ווי בייטן דעם נאָמען.

ראַזי:

מילא. צו מיר קאָנסטו רעדן ווי דו ווילסט, אָבער זאָלסט זיך, חלילה, נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט פאַר מייקן. ער איז דער טשערמאַן דאָ אין בלאָק.

שוירלי:

טשערמאַן פון וואָס?

ראַזי:

עפּעס אַ סאָסייעטי קעגן קאָמוניסטן.

שוירלי:

און ביי דעם אַלעמען ברעכט מען נאָך אַלץ דיינע פענצטער און דו מוזט נאָך אַלץ בייטן דעם נאָמען?

ראַזי:

אָן דעם וואָלט געווען נאָך ערגער.

שוירלי

(נאָך אַ פּויזע):

ראָזי, דו האָסט זיך אויף אַ האָר נישט געביטן אין די לעצטע 25 יאָר. (פּויזע) היינט איז אין גאַנצן אַן אַנדערע וועלט! וואָס דעמאָלט איז געווען גוט, טויג היינט נישט! אַמאָל, אַז מ׳האָט דיך נישט ליב געהאַט, האָט נישט אויסגעמאַכט. היינט, אַז מ׳האָט דיך פיינט, איז מען מיטן לעבן נישט זיכער! אַמאָל, אַז ס׳איז געווען ענג, האָט מען געקאָנט אַנטלויפן, היינט איז נישטאָ ווו צו לויפן... (פּויזע) דאָך בין איך דיך מקנא וואָס דו ביסט נישט דורכגעגאַנגען דעם בייט מיט דער וועלט. דיר איז אַ סך בעסער ווי מיר.

ראָזי:

מיר איז נישט אַזוי גוט ווי דו מיינסט.

שוירלי

(פאַרוווּנדערט):

וואָס מיינסטו? ביי אונדז אין שיקאַגאָ זענט איר דאָך פאַררעכנט פאַר דעם איינציקן פאָרפאָלק וואָס לעבט גליקלעך... (פּויזע) מייק איז דאָך אַ דימענט!

ראָזי

(סאַרקאַסטיש):

אַ דימענט! כאַטש נעם און שנייד גלאָז מיט אים...

שוירלי:

כ׳וואָלט זיך, אָסור, געריכט אויף אים... וואָס וויל ער? וואָס דריקט אים?

ראָזי:

אים דאַרף דריקן? ער דאַרף נאָך עפּעס וועלן? איך בין די אומגליק־לעכע, איך האָב מיין לעבן אַוועקגעגעבן דעם שוואַרץ יאָר.

שוירלי:

וואָס מיינסטו?

ראָזי:

איך דאַרף דאָך וועגן און מעסטן איטלעכס וואָרט וואָס איך רעד אַרויס!

שוירלי

(קאָן זיך נישט אָפּוווּנדערן):

אַזוי?

ראָזי:

כ'האָב דערמאָנט טשאַרליס נאָמען — איז ער געוואָרן אָן אַנגעצונדענער!

שוירלי:

ווייל ער איז אַ קאָמוניסט?

ראָזי:

ניין! דאָס איז שוין ביי אים אַן אַלטע קרענק. ס'איז נאָך פון אַמאָל, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען מיט טשאַרלין. ווען ער איז געזעסן אין פּריזן, איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה, אָבער ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ער איז פריי, איז אַקוראַט ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן.

שוירלי:

אַ ביסל גערעכט איז ער. אויף וויפל איך געדענק, האָט אים טשאַרלי גענוג צרות פאַרשאַפט.

ראָזי:

טאָר איך זיין נאָמען נישט דערמאָנען? ס'איז ביי מיר פאָרט אַ שמחה, אַז ער איז פריי. (פּויזע) איז אויב ער איז מיך אַזוי באַפאַלן ווען איך האָב בלויז דערמאָנט זיין נאָמען — ווי וועט שוין זיין, אַז איך וועל אים זען...

שוירלי:

נאָך וואָס דאַרפסטו אים זען?

ראָזי

(פאַרוווּנדערט):

וואָס הייסט? האָסט דאָך געזאָגט, אַז ער וויל מיך זען...

שוירלי:

ס'איז געקומען צורייד ניו־יאָרק, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אַ סך פריינד אין ניו־יאָרק?

ראָזי:

וואָס האָסטו געוואָלט ער זאָל זאָגן? אַז ער וויל מיך זען? פאַרגעס נישט, אַז איך בין אים נענטער ווי אַלע באַקאַנטע. עס האָט דאָך געפעלט אַ האָר, אַז מיר זאָלן חתונה האָבן.

שוירלי:

דאָס איז דאָך געווען מיט 25 יאָר צוריק.

ראָזי:

אַזאַ זאַך פאַרגעסט מען נישט...

שוירלי:

פון דעסטוועגן גלייב איך, אַז ס׳איז גלייכער דו זאָלסט אים נישט זען.

ראָזי:

פאַרוואָס?

שוירלי:

אין דיינע יאָרן לעבט מען נישט מיט מיידלשע חלומות, מ׳לעבט מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיט תכלית. ביסט נישט אַליין, האָסט אַ מאַן, קינדער.

ראָזי:

אויב דו ביסט געקומען אַזש פון שיקאַגאָ מיך מוסרן, איז אַרויסגע־וואָרפן דיין אַרבעט. (פּלוצלינג) אויב דו ווילסט האָבן טשאַרלין פאַר זיך —

שוירלי:

ראָזי, ווי קאָן דיר גאָר איינפאַלן אַזאַ געדאַנק?

ראָזי:

אַלע יאָרן ביסטו געווען אין שיקאַגאָ, איצט אַז ער איז דאָ, ביסטו אויך דאָ.

שוירלי:

איך בין נישט די איינציקע וואָס איז געקומען אַהער פון שיקאַגאָ צוליב טשאַרלין. די טריין איז געווען געפּאַקט מיט חברים, אָבער קיינער פון אונדז האָט נישט קיין פּערזענלעכע אַמביציעס. דו פאַרשטייסט נישט סאַראַ ערנסטע צייט ס׳איז איצט אויף דער וועלט. ווי קאָנען ליגן אין זינען אייגענע אינטערעסן, ווען די וועלט שטייט אויף דער שוועל פון אונטער־גאַנג? וואָס וועט מען טאָן, אַז עס וועט זיך זיי וועלן אַ שפּיל טאָן מיט דער אַטאָמישער באָמבע, צי מיט דער „אייטש"־באָמבע?

ראָזי:

און דו מיט דיינע חברים פון שיקאַגאָ וועלן דאָס נישט דערלאָזן?

שוירלי:

מ׳קאָן דאָך אָבער נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיי לאָזן פירן די וועלט!

ראזי:

מיר לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז דו און טשאַרלי זאָלן עפּעס קאָנען אויפטאָן.

שוירלי:

מיר בײדע טאָקע נישט, אָבער ווען אַלע טוען זיך אַ נעם, וואָלט מען שוין גאָר אויפגעטאָן!

(גוירטרוד קומט האַסטיק אַריין פון רעכטס, ווען זי זעט, אַז ראָזי איז נישט אַליין, ווערט איר האַסטיקייט אָפּגעשטעלט. זי איז אַ יאָר 20, טראָגט אַ ווייסן כאַלאַט)

ראזי

(נישט דערוואַרטנדיק איר, אין אַ פאַרלעגנהייט):

ווילסט שוין עסן? (גוירטרוד שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין) **דאַרפסט ערגעץ גיין?** (גוירטרוד שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין) **וואָס זשע ביסטו שטיין געבליבן ביי דער טיר?** (גוירטרוד קומט צו מיט געצײלטע טריט, ראָזי צו שוירלין) **האָסט איר נעכטן רעכט נישט אָנגעקוקט. די מיזינקע... וואָס זאָגסטו? אַ מויד?**

שוירלי:

שווערן, אַז זי איז דיין טאָכטער, דאַרפסטו נישט, — אין גאַנצן געראָטן אין דיר. (צו גוירטרודן) **איך האָב געקענט דיין מאַמע ווען זי איז געווען אין דיינע יאָרן.**

ראזי

(אומבאַקוועם פון גוירטרודס שוויגן):

מיר האָבן זיך נישט געזען אַריבער 20 יאָר, זיצן מיר און מיר פּלאַפּלען... (צו גוירטרודן) **וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט און שוויגסט?** (מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל) **שוירלי וועט דאָך מיינען, אַז דו קענסט נישט רעדן...** (פּויזע) **גיי בעסער אַרונטער אין סטאָר, וועט דער טאַטע קאָנען צוגיין צום סיינפּיינטער...**

גוירטרוד:

דער טאַטע איז אַוועק צום סיינפּיינטער...

ראזי

(צופרידן וואָס ענדלעך רעדט זי):

אַז מ'האָט שוין יאָ דערלעבט מ'זאָל קאָנען בייטן דעם נאָמען, איז

אַ ניי אומגליק, קאָן מען קיין סיינפיינטער נישט קריגן... (פּלוצלינג) **דער טאַטע איז אַוועק, זאָגסטו? (גוירטרוד באַשטעטיקט) טאָ ווער איז אין סטאָר?**

גוירטרוד:

דייוויד.

ראָזי

(געטראָפן):

דייוויד? (באַהערשט זיך מיט אַלע כוחות, צו שוירלין) **ס'איז דער רעפּיודזשי, וועגן וועמען איך האָב דיר נעכטן דערציילט.** (צו גוירטרודן, מיט אַ פרומער מינע) **ער איז שוין געזונט?**

גוירטרוד:

ער איז נישט געווען קראַנק!

ראָזי

(אין זעלבן טאָן):

טאָ פאַרוואָס זשע איז ער נישט געקומען אין דער פרי?

גוירטרוד

(קאַלט און אַנטשלאָסן):

ווייל דו האָסט אים נעכטן נישט געהייסן קומען!

ראָזי:

איך האָב אים נישט געהייסן? (פּויזע) **כ'האָב אים געזאָגט, אַז ווען ער שניידט פליייש זאָל ער קוקן אויפן פליייש, נישט אין אַלדי שוואַרץ יאָר. מער פעלט מיר נישט, ער זאָל נאָך אָפּשניידן אַ פינגער...**

גוירטרוד:

מאַמע, דו האָסט אים געזאָגט עפּעס אַנדערש!

ראָזי:

וואָס איך האָב אים געזאָגט איז געווען פאַר ד יי ן און ז יי ן טובה וועגן...

שוירלי

(פילט זיך אומבאַקוועם, שטעלט זיך אויף):

איך גיי זיך אָנטאָן.

ראָזי:

דאַרפסט נישט אַוועקגיין, ביי אונדז איז נישטאָ קיין סודות...

שוירלי:

כ'וועל זיך אָנטאָן און אַרויסגיין זען וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט.

(אָפּ)

ראָזי:

מער פעלט מיר נישט, נאָר זי זאָל דערציילן אין שיקאַגאָ וואָס פאַראַ קינדער איך האָב...

גוירטרוד:

פאַרוואָס האָסטו אים אַוועקגעשיקט?

ראָזי:

ס'איז פון דיין טובה וועגן...

גוירטרוד:

איך וויל נישט אַזעלכע טובות!

ראָזי:

זאָל מיר אַסור זיין אויב דו ווייסט וואָס דו ווילסט... איך, אין דיינע יאָרן, האָב אויך געמיינט, אַז איך בין קליגער פון דער גאַנצער וועלט. כ'בין אַנטלאָפֿן הענדום־פענדום און חתונה געהאַט. הלוואי וואָלט איך דעמאָלט געהאַט עמעצן וועער ס'זאָל מיך אָפּהאַלטן, וואָלט איך נישט באַדאַרפט דאָס גאַנצע לעבן פּינצטערן...

גוירטרוד:

דו מיינסט דאָס, וואָס דו האָסט חתונה געהאַט מיטן טאַטן?

ראָזי:

אַבי דו פאַרשטייסט...

גוירטרוד:

אויב עמעצער פון אייך ביידן האָט זיך אויף וואָס צו באַקלאָגן, איז דאָס דער טאַטע, נישט דו!

ראָזי:

דו ביסט שוין אויך קעגן מיר?

גוירטרוד:

איר לעבט דאָך ווי צוויי קעץ אין איין זאַק.

ראָזי:

אָט פון דעם טאַקע וויל איך דיך אויסהיטן. אָט אַזאַ לעבן לעבט מען, ווען מ'האָט חתונה נישט מיטן ריכטיקן מענטשן.

גוירטרוד:

אויב ער איז נישט געווען דער ריכטיקער מענטש, פאַרוואָס האָסטו זיך נישט געגט? פאַרוואָס האָסטו געבראַכט קינדער אויף דער וועלט זיי זאָלן זיין אין אַ שטענדיקן גיהנום, אין אַ שטענדיקער מלחמה?

ראַזי:

דו מיינסט ס׳איז אַ מאכל זיך צו גטן? (פויזע) כ׳האָב אַלץ געמיינט — טאָמער, אפשר...

גוירטרוד:

אויב דו האָסט זיך נישט געגט, האָט באַדאַרפט זיין שלום.

ראַזי:

דו לערנסט מיך ווי אַזוי צו לעבן?

גוירטרוד:

אַז מ׳ווייס אַליין נישט ווי צו לעבן, לערנט מען נישט יענעם. (פויזע) הער זיך איין, מאַמע, אַט די קונצן וואָס דו פּראָוועסט צווישן מיר און דייווידן וועלן זיך דיר נישט איינגעבן. איך האָב אים ליב...

ראַזי:

וואָס האָסטו דערזען אין אים? אַ רעפּיודזשי! ער קען דאָך אפילו קיין ענגליש נישט!

גוירטרוד:

ענגליש קאָן מען זיך אויסלערנען.

ראַזי:

און זיין יידיש פאַרשטיי איך אויך נישט.

גוירטרוד:

איך — פאַרשטיי...

ראַזי:

אַלרייט, ענגליש וועט ער זיך אויסלערנען, זיין יידיש — פאַרשטייסטו, אָבער בעסער וועט ער דאָך נישט ווערן.

גוירטרוד:

וואָס מיינסטו?

ראַזי:

דו מיינסט מיר צו זאָגן, אַז אַזוי האַנדלט אַ שיינער מענטש? מען האָט אים אַריינגענומען ער זאָל אַרבעטן, זאָל ער זיך פאַרליבן אין דיר?

גוירטרוד:

איך האָב זיך פאַרליבט אין אים.

ראַזי:

אויב אַזוי, ווייס איך טאַקע נישט וואָס איך האָב צו אַ פרעמדן. אַז

מיין אייגענע טאָכטער האָט קיין שכל נישט... (פויזע) דו ווייסט פאַרוואָס מיר האָבן געביטן דעם נאָמען?

גוירטרוד:

צוליב מיר האָט איר אייער נאָמען נישט באַדאַרפט בייטן. אַז איך וועל חתונה האָבן, וועל איך סייווי בייטן דעם נאָמען...

ראָזי:

דו פאַרשטייסט נישט... אָט דאָס וואָס דו וועסט בייטן דעם נאָמען נאָך דער חתונה, איז איין זאַך, אָבער כדי צו קריגן עפּעס אַ לייטישן נאָמען אויף וואָס צו בייטן, דאַרף מען האָבן אַזאַ נאָמען ווי סליטער, נישט סאָלאָמאָן! ווייל מיטן נאָמען סאָלאָמאָן וועסטו קריגן אַן אַנדערן סאָלאָמאָן, צי אַ האָראָוויץ, אַ גאָלדבערג, אַ... אַ... קאָהען... אָבער מיטן נאָמען סלייטער האָסטו דאָך אַן אָפענע וועלט!

דיר געפעלט נישט דייוויד, ווייל זיין צווייטער נאָמען איז קאָהען?

ראָזי:

אָבי דו פאַרשטייסט..

גוירטרוד:

הער זיך איין, מאַמע, דו האָסט מיך געלערנט פיינט צו האָבן די קאָהענס, די גאָלדבערגס, די האָראָוויצעס. אָבער זינט איך קען דייווידן, איז אין גאַנצן אַנדערש!

ראָזי:

זאָלן זיי זיין געזונט, ווער האָט עפּעס צו זיי? אָבער קריכן אין פייער דאַרף מען נישט...

מייק

(באַווייזט זיך אין הינטערגרונט. ווען ער זעט גוירטרודן ווערט אים דער ענין קשה):

ווער איז אין סטאָר?

ראָזי:

דיין רעפּיודזשי! איך האָב געוווּסט, אַז מיר וועלן קייען פון אים די ערד! אַן אַמעריקאַנער, אַז מ'הייסט אים נישט קומען, קומט ער נישט. און ער? רעד צו דער וואַנט! ער מיינט, אַז ס'איז אים יוראָפּ!

מייק:

גוט, וואָס ער איז געקומען, וועט מען קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם...

ראָזי:

זער נאָר ווי ס'טוט אים הנאה! (פויזע) דו ווייסט פאַרוואָס ער איז געקומען?

גוירטרוד:

איך האָב אים געהייסן קומען.

מייק:

וואָס זשע ווילסטו פון אים? מען האָט אים געהייסן קומען — איז ער געקומען. (פויזע) איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז סתם אין דער וועלט וועט ער נישט קומען. ער איז דאָך אַזאַ איידעלער...

ראָזי.

(פּלוצלינג):

ער איז דאָך פאַרליבט אין איר!

מייק:

נו, האָט ער זיך פאַרליבט. אַז ער האָט קיין שכל נישט — זענען מיר שולדיק? גוירטרוד איז נישט קיין עופעלע. זאָל זי אים דערקלערן, אַז זי האָט אים נישט ליב, און פּטור!

ראָזי:

נו, אדרבה, רעד מיט איר!

מייק:

וואָס איז דאָ צו רעדן מיט איר? אַוודאי דאַרף זי אים דערקלערן! ווען ער פאַרליבט זיך אין מיר, אין דיר, וואָלט איך אים באַדאַרפט זאָגן, דו וואָלסט אים באַדאַרפט זאָגן, אָבער אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, דאַרף זי אים זאָגן...

גוירטרוד:

איך האָב אים שוין געזאָגט, טאַטע...

מייק

(צו ראָזין):

איז וואָס זשע קאָכסטו זיך?

ראָזי:

פאַרוואָס פרעגסטו איר נישט וואָס זי האָט אים געזאָגט?

מייק

(טוט איר צוליב, צו גוירטרודן):

וואָס האָסטו אים געזאָגט?

ג ו י ר ט ר ו ד :

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב אים אויך ליב...

מ יי ק

(ווען ער באַנעמט אירע ווערטער):

דו אים — אויך ?...

ג ו י ר ט ר ו ד

(כמעט מיט טרערן):

יאָ. (פויזע) ביי איך איז ער אַ קלוירק, אַן אַנגעשטעלטער, אַ רעפּיו־דזשי! איר ווייסט נישט סאַראַ גוטער מענטש ער איז...

מ יי ק :

ווער זאָגט, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש? (זוכט ווערטער) דו פאַרשטייסט נישט וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך. מיר מאַכן פּלענער, דרייען זיך די קעפּ ווי אַרויסקריכן פון צרות, נעמסטו און קריכסט אַריין אין אַזאַ אומגליק...

ר אָ ז י :

איך האָב איר געזאָגט די זעלבע ווערטער.

ג ו י ר ט ר ו ד :

וואָס פאַראַ אומגליק?

מ יי ק :

וואָס קאָן דיך דערוואַרטן אַז דו וועסט חתונה האָבן מיט דייווידן?

ג ו י ר ט ר ו ד :

אַזוי ווייט האָב איך נאָך נישט געטראַכט... כ'ווייס נאָר, אַז איך האָב אים ליב און ער האָט מיך ליב.

ר אָ ז י

(סאַרקאַסטיש):

אַוודאי האָט ער דיך ליב, ס'קאָסט אים טייער? פאַר אים איז דאָך דאָס פּשוט אַ גליק! געקומען אַ גרינער, אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשלי־סענער און אַריינגעפאַלן אין אַ גאָלד־מאַין. אָבער דו, גוירטרוד? דו קריכסט דאָך אין פייער! זעסט דאָך שוין וואָס דאָ טוט זיך? מ'האָט אונדז פיינט? מ'ברעכט פענצטער! ווי לאַנג וועט דויערן ביז מ'וועט ברעכן קעפּ? (פויזע) זעסטו, פאַר פּאַלעסטיין איז ער גוט, אָבער נישט פאַר אַמעריקע.

ג ו י ר ט ר ו ד :

אַז מען וועט דאַרפן, וועלן מיר פאָרן קיין פּאַלעסטיין...

ר אָ ז י

(היסטעריש):

מייק, וואָס שטייסטו? דו האָסט געהערט וואָס זי האָט געזאָגט? (פויזע) ווי איז מיר! דאָס אומגליק איז דאָך אַ סך גרעסער ווי איך האָב געמיינט! (אַנטשלאָסן) ג ײ ז אָ ג ד ײ װ י ד ן ע ר ז אָ ל ג ײ ן!

ג ו י ר ט ר ו ד:

אויב ער גייט, גיי איך מיט אים!

(אַ קלאַפּ אין טיר)

ר אָ ז י:

אַריין!

(מ ר. און מ ר ס. ט ש אַ פּ מ אַ ן קומען אַריין. גוירטרוד אַפּ רעכטס)

מ ר. א ו ן מ ר ס. ט ש אַ פּ מ אַ ן

(צוזאַמען):

האַלאָ מייק! האַלאָ ראָזי!

ר אָ ז י א ו ן מ ײ ק

(צוזאַמען):

האַלאָ ריבעקאַ! האַלאָ פּיטער!

פּ י ט ע ר

(קוקט זיך אַרום):

דוכט זיך, אַז איך האָב געזען גוירטרודן?

ר אָ ז י:

זי איז אַראָפּ אין סטאָר.

פּ י ט ע ר:

פאַרוואָס איז זי אַנטלאָפן?

ר אָ ז י:

מיר האָבן טראָבל מיטן רעפּיודזשי...

פּ י ט ע ר:

דער רעפּיודזשי איז מיר נישט געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער מינוט...

מ ײ ק:

וואָס האָט איר צו אים?

פּ י ט ע ר:

נישט בלויז ער, אַלע רעפּיודזשיס געפעלן מיר נישט. נאָר זיי קאָמפּ־

ליינען! פּונקט ווי איך וואָלט געווען שולדיק, אַז היטלער האָט זיי „געטאָרטשורט״!

מייק:

וואָס אמת, איז אמת — זיי האָבן זיך געגוג אָנגעליטן אין יוראָפּ...

פּיטער:

אויף מיר איז אַ גרעסערער רחמנות. אַמאָליקע יאָרן איז אַ באַלעבאָס געווען אַ באַלעבאָס. ווינטער פלעגט מען זיך קאָנען צוכאַפּן אין פלאָרידע, זומער אין די בערג. היינט ליג איך דאָך דאָ ווי אַ צוגעשמידטער!

ראָזי:

קיינער האַלט אייך דא נישט.

פּיטער:

אַזוי מיינט איר? (כאַפּט אַרויס אַ קאָנווערט פון בוזים־קעשענע) אָט האָב איך רעזאַרוואַציעס, קאָן איך פאָרן?

ריבעקאַ:

וועסט נאָכגעבן דעם שטרייק, וועסטו קאָנען פאָרן ווו דו וועסט ווען.

פּיטער:

אַז איך וועל זיי היינט נאָכגעבן, וועלן זיי מאָרגן ווידער שטרייקן! (פּויזע) ביי לייטן אין די שעפּער איז דאָ איין קאָמוניסט, צוויי קאָמוניסטן. ביי מיר זענען אַלע קאָמוניסטן! זיי זיצן אַ גאַנצן טאָג און בונטעווען זיך! (פּויזע) כ׳האָב געמיינט, אַז איך וועל אַריינגעמען אַ פּאָר גרינע, רעפיוּ־דזשיס, וועט זיין ווי אַמאָל. לאָזט זיך אויס, אַז די גרינע זענען נאָך ערגערע קאָמוניסטן ווי די היגע...

ריבעקאַ:

צאָל זיי וויפל דו צאָלסט די היגע, וועלן זיי זיך נישט בונטעווען.

פּיטער

(קוקט אויף איר בייז, צו ראָזין און מייקן):

נו, וואָס פאַראַ טענות קאָן איך האָבן צו פרעמדע, אַז מיין אייגן ווייב איז נישט בעסער פון זיי... (צו ריבעקאָן) כ׳זאָל זיי צאָלן? פאַרוואָס פרעגסטו נישט ווו איך וועל נעמען? דו מיינסט, אַז דיינע „פּאַר־קאָוטס און דזשועלערי״ וואַקסן אויף ביימער? (פּויזע) בין איך אין שאָפּ, הער איך נאָר איין וואָרט: גיב! קום איך אַ היים, איז ווידער דאָס זעלבע: גיב! און מ׳האָט נאָך טענות צו מיר!

ריבעקאַ:

וואָס האָסטו זיך צעטענהט?

פּיטער:

אַט אַזוי ווי איר זעט: אין שאַפּ הערט מען מיך נישט, אין דער יוניאָן לאָזט מען מיך נישט ריידן, אין דער היים טאָר איך דאָס מויל נישט עפענען, צו מיטינגען האָב איך קיין צייט נישט צו גיין, מיט מיין שותף בין איך צעקריגט. כ׳וועל דאָך פאַרגעסן ווי מ׳רעדט!

ריבעקאַ:

ביסט דאָך געקומען אַהער צוליב עפּעס אַנדערש...

פּיטער:

און אַז איך בין געקומען צוליב עפּעס אַנדערש, טאָר איך נישט זאָגן וואָס ס׳דריקט מיר אויפן האַרצן? כ׳אַרבעט פון שטיק? הערט איר, ווען זיי (ווייזט אויף ריבעקאַן) וואָלטן געווען באַלעבאַטים, וואָלט דער אַרבעטער ערשט געלעגן אין דער ערד. נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן? (פּויזע) אייער נאָמען „סלייטער" איז שוין לעגאַל?

ראָזי:

יאָ, דער לאָיער האָט אונדז אָפּגערופן.

פּיטער:

טאָ פאַרוואָס האָט איר מורא אים אַרויפשטעלן אויפן פענצטער?

ראָזי

(ווייזט אָן אויף מייקן):

פרעגט אים.

מייק:

דער סיינפּיינטער איז געווען פאַרנומען.

פּיטער:

ער איז דער איינציקער סיינפּיינטער אין אַמעריקע? (קוקט אים אָן מיט חשד) האָט איר אַמאָל נישט חרטה אויפן גאַנצן עסק?

מייק:

ניין, אדרבה, דאָס קום איך איצט פון אים, ער קומט באַלד... (פּויזע) דעם אמת געזאָגט, בין איך אַ ביסל נערוועז, כ׳האָב מורא, אַז ווען מ׳וועט מיך רופן „סלייטער", וועל איך נישט וויסן וועמען מ׳רופט...

פּיטער:

נאַרישקייטן! איך האָב שוין צוויי מאָל געביטן מיין נאָמען. ניין, טאָקע

גאַנצע דריי מאָל: פון „פיניע אויף פיליפ", פון „פיליפ אויף פיטער" און פון „קאַפּלאַן אויף טשאַפּמאַן", און גלייבט מיר, ווען מ'האָט מיך גערופן, האָב איך געוווסט ווען מ'רופט. מ'לעבט אין אַזאַ וועלט ווו מ'מוז זיך צופּאַסן. זעט איר, פאַר אַ רב, אַ חזן, אַ מוהל איז סאַלאָמאָן אַ שיינער נאָמען, אָבער נישט פאַר אַ דאָקטער.(פויזע) יאָ, איך בין געקומען וועגן נאָך עפּעס: מילטאָן האָט אייך געשריבן, אַז דאָרטן, אין קאַלעדזש, איז עפּעס נישט גלאַטיק?

מייק:

ער האָט עפּעס יאָ דערמאָנט, ס'איז אָבער גאָרנישט...

פיטער:

מאַכט עס נישט אַוועק מיט דער האַנט. מיין סיליע מיינט, אַז ס'איז זייער ערנסט. ער מישט זיך דאָרטן צופיל. מען וועט אים אַרויסוואַרפן איינס און צוויי. ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד...

מייק

(מאַכט עס צו קליינגעלט):

מען וועט נישט אַרויסוואַרפן, ער איז דאָך איינער פון די בעסטע סטודענטן.

פיטער:

דאָס איז אויך נישט אַזוי גוט. אַ גוטער סטודענט דאַרף זיין גוט פאַר זיך, נישט צופיל אַרויסווייזן. זיי ווערן איפּערזיכטיק, אַז אַ ייד איז צו פעיק...

ראָזי:

איך מיין, אַז פון דעם נעמען זיך אַלע צרות...

פיטער:

דאָס און נאָך עפּעס: ער איז צו פריי. מ'דאַרף אים אָנהענגען אַ יאָך אויפן האַלדז..

ראָזי

(דערשראָקן):

וואָס מיינט איר?

פיטער:

איך אין זיינע יאָרן האָב שוין געהאַט אַ פאַמיליע אויף מיינע פּלייצעס. האָב איך טאַקע געאַרבעט טאָג און נאַכט, ביז איך האָב זיך אַרויפגעאַרבעט. ווען איך וואָלט געווען אַליין, וואָלט איך זיך געבונטעוועט, ווי די איבעריקע. אַז סיליע וועט דאָרטן זיין וועט זי אים קאָנען איינהאַלטן. (טוט אַ פּינטל

מיטן אויג מעשה גוטער ברודער) **פאַרלאָזט זיך אויף מיין סיליען!** (אַ לאַנגע פויזע, מייק און ראָזי קוקן זיך איבער)

ראָזי:

מ׳דאַרף זיך דאָך ביי אים אָנפרעגן...

פיטער:

אַז עס וועט זיך אָנהייבן אַן עסק מיט בריוו אַהער, בריוו אַהין, וועט מען קיינמאָל צו קיין טאָלק נישט קומען... דאַרף מען עפּעס טאָן, נעמט מען און מ׳טוט! (פלוצלינג) **מ׳דאַרף אָננעמען דעם אָקס ביי די הערנער.**

מייק:

איר מיינט מילטאָנען?

פיטער:

אַוודאי מיין איך אים! איר ווייסט אַ סך וואָס ער טוט דאָרטן?

ראָזי:

מיר ווייסן, ער שטודירט. אַזוי שנעל, מיינט איר, ווערט מען אַ דאָקטער?

פיטער:

אַז מ׳וויל עפּעס טאָן געפינט מען שוין צייט.

ראָזי:

וואָס רעדט איר? איר קענט נישט מילטאָנען?

פיטער:

נישטאָ קיין צדיקים. איך בין אַמאָל אויך געווען אַ בחור. מ׳דאַרף זיי חתונה מאַכן.

ראָזי:

און סיליע? וואָס טראַכט סיליע?

ריבעקאַ

(תמימותדיק):

דאָס איז טאַקע סיליעס פּלאַן. (פויזע) **ס׳איז דען אַ לעבן? זי דאָ און ער דאָרטן...**

פיטער:

דאָס איז זייער שטאַנדפּונקט. מיין שטאַנדפּונקט איז אין גאַנצן אַן אַנדערער. מיט וואָס בין איך זיכער, אַז ער וועט דאָרטן נישט ווערן אַ קאָמוניסט?

ראָזי:

זאָל אייך דאָס זיין די לעצטע דאגה! (פויזע) יענער איז אַזוי פאַרטאָן אין די ביכער, אַז ער ווייסט אַפילו נישט אַז סאיז דאָ אַזאַ זאַך ווי קאָמוניזם.

פּיטער:

מ׳ווערט דען אַ קאָמוניסט ווייל מ׳וויל? צי ווייל מ׳האָט צייט? מ׳ווערט אַריינגעשלעפּט. וואָס דאַרפט איר מער? איך אַליין, ווען איך הער זיי רעדן, ווער איך דאָך צעמישט. אַזעלכע גלאַטע צינגעלעך! אויף אַלץ האָבן זיי דאָך אַן ענטפער. (פויזע) איז טאַקע אַ פּלאַן זיי חתונה מאַכן — און אַ סוף!

(אַ קלאַפּ אין טיר)

ראָזי:

אַריין!

סיליע

(קומט אַריין אַ פאַרפוצטע, אַ פאַרפלאָמטע):

האַלאָ! (ווען זי זעט די געדריקטע שטימונג) וואָס איז דער מער? וואָס איז געשען?

ריבעקאַ:

גאָרנישט.

סיליע:

איר האָט נאָך עפּעס געהערט פון מילטאָנען? (ראָזי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין)

פּיטער:

מיר האָבן זיי געזאָגט, וואָס מיר האָבן באַשלאָסן: איר זאָלט חתונה האָבן...

סיליע:

זענען זיי קעגן?

ראָזי:

מ׳האָט דאָך באַשלאָסן ער זאָל פריער ענדיקן...

סיליע:

אויב ס׳וועט אַזוי ווייטער אָנגיין, וועט ער נישט ענדיקן!

ראָזי

וואָס רעדסטו? פון וואַנען ווייסטו?

סיליע:

ער האָט איך נישט געשריבן? ס׳איז דאָך דאָרטן אַ גאַנצע רעוואָלוציע!

מייק:

ס׳איז נישט אַזוי געפערלעך. ס׳זענען דאָרטן דאָ אַ פּאָר גױים, לעבן זיי נישט בשלום מיט די יידן — איז עס ביי איר אַ רעוואָלוציע... זינט ער איז אין קאַלעדזש איז אַלע מאָל עפּעס...

סיליע:

היינט איז ערגער ווי אַלע מאָל!

מייק:

פון וואַנען ווייסטו?

סיליע:

איך האָב געהערט פון עמעצן אַנדערש, אַז ס׳איז דאָרטן אַ סך ערנסטער ווי ער שרייבט!

ראָזי:

וואָס האָסטו געהערט?

סיליע:

אַז איר ציט מיך פאַרן צונג, וועל איך אייך זאָגן. (נעמט אַרויס אַ בריוו) זיינער אַ פריינד, פון דאָרטן, האָט מיר געשריבן, אַז איך זאָל קומען וואָס שנעלער...

(מייק נעמט דעם בריוו, לייענט):

ראָזי

(נערוועז):

וואָס שרייבט ער?

מייק:

איך גלייב עס נישט! מילטאָן, שרייבט ער, האָט זיך געשטעלט קעגן די קריסטלעכע סטודענטן... ס׳קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט...

ראָזי

(רייסט אַרויס דעם בריוו, לייענט):

אין אונדזער בריוו דערמאָנט ער גאָרנישט וועגן דעם... וואָס טוט מען איצט?

סיליע:

איר קאָנט זיך טאָן וואָס איר ווילט. איך פאָר אַהין!

ראָזי:

ווען פאָרסטו?

סיליע:

מאָרגן.

ראָזי:

מייק, איך פאָר אויך!

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

(ערשטע סצענע)

אויף מאָרגן אין דער פרי.

דער דרויסן פון „קינג סאָלאָמאָנס דעליקאַטעסן". אַ ציגלנע וואַנט פאַרנעמט די גאַנצע סצענע, די וואַנט ציט זיך עטלעכע שטאָק אַרויף. אויבן וווינונגען, אונטן צוויי געשעפטן. די צווייטע אַ ליידיקע סטאָר, וווּ אָשר גרייט זיך איינשטעלן זיין געשעפט.

רעכטס, אויפן סאַמע ראָג, אַ באַנק פאַר באַז־פּאַסאַזשירן.

ס'איז אַרום 10 אַזייגער אין דער פרי, אין דרויסן איז זומערדיק. ווען־נישט־ווען גייען דורך מענטשן, אייניקע גייען אַריין אין דעלי־קאַטעסן־געשעפט, אַנדערע פאַרשווינדן — ווער רעכטס און ווער לינקס.

נעבן פענצטער פון דעליקאַטעסן־געשעפט, אַרבעט מר. פאַרבער, דער סיינפּיינטער. ער פאַרענדיקט אַ קאַרטל מיטן אויפשריפט: „סלייטערס דעליקאַטעסן", משמעות, אַז ער וועט אַרויפקלעפּן דאָרטן ווו ס'שרייבט זיך „קינג סאָלאָמאָנס דעליקאַטעסן".

אָשר איז שטאַרק פאַרטאָן בויענדיק עפּעס פאַר זיין געשעפט. קיין גוואַלדיקער בעל־מלאכה איז ער נישט, רק עס פאַלט אים פון די הענט. אַ פרוי שטעלט זיך אָפּ, באַטראַכט ווי ער אַרבעט. ווען אָשר באַמערקט זי, גריסט ער זי.

אָשר:

גוט מאָרגן!

פרוי

(באַדויערט):

מיסטער! אויב איר וועט אַזוי שלאָגן טשוועקעס, וועט איר אָפּהאַקן די פינגער!

אָשר

(באַליידיקט):

איר קענט בעסער?

פרוי:

איך דאַרף נישט קענען, מיין מאַן איז אַ סטאָליער.

אָשר

(אומבאַמאָלפן):

איז איך גוט!

פרוי:

אַ סטאָליער וועט עס מאַכן אין איין שעה וואָס איך וועט נעמען אַ יאָר.

אָשר

(אַלץ אומבאַהאָלפן):

איר ווייסט דאָך נישט וואָס איך וויל מאַכן.

פרוי:

וואָס אירווילט, וועט מיין מאַן מאַכן פאַר אייך. ער איז אַ גאָלדענער אַרבעטער, דער בעסטער אין שטאָט. איצט גייט ער נעבעך אַרום ליידיק.

אָשר

(נאָך אַ פויזע, מיט שטאָלץ):

דאָ, (ווייזט אָן אויפן ליידיקן פענצטער) **וועט זיין אַ טעמפל...**

פרוי:

איר מיינט אַ שול?

אָשר:

נייך, מיסעס, אַ טעמפל, נישט קיין שול!

פרוי:

ווו מ׳דאַווענט אָן היטלען?

אָשר:

מ׳וועט דאָ נישט דאַווענען. דאָ וועלן מיר לערנען די רעליגיע פון עסן...

פרוי

(מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס):

מיסטער! עסן דאַרף מען, אָסור, עמעצן לערנען, זאָל נאָר זיין וואָס, וועט מען שוין עסן.

אַשר
(שטעלט זיך אויף מעשה אָראַטאָר):

דאָ, מיין פריינד, האָט איר אַ טעות! עסן איז אַ קונסט, אַ וויסנשאַפט און גלייבט מיר, ס'איז אַ גרעסערע קונסט ווי קלאַפּן טשוועקעס!

פרוי:

איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, מיסטער? ווי איר קלאַפּט טשוועקעס — האָב איך שוין געזען, און נאָך אייער אויסזען בין איך זיכער, אַז איר ווייסט נישט ווי צו עסן אויך... איר זעט דאָך אויס ווי איר וואָלט נאָר וואָס געקומען פון יענער וועלט!

אַשר:

אָט דאָ, מיסעס, האָט איר אַ טעות! אַ געזונטן גייסט וועט איר נאָר געפינען אין אַ געזונטן קערפּער. און דער פאַקט, אַז איך האָב אַ געזונטן גייסט, איז אַ באַווייז, אַז איך האָב אַ געזונטן קערפּער (נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט).

פרוי:

איך גלייב נישט אַ וואָרט וואָס איר זאָגט. (פּויזע) איר פאָלגט מיך: נעמט אַ פּאָר וואָכן וואַקאַציע איידער איר עפנט אייער טעמפּל... (אָפּ)

איינער

(וואָס איז געשטאַנען פון דער ווייטנס):

איך האָב געהערט, אַז איר האָט געזאָגט, איר גייט עפענען אַ טעמפּל, איז עס אמת?

אַשר:

יאָ.

דער איינער:

אויב אַזוי — נאַט אייך שלום! (גיט אים די האַנט, אַשר שטרעקט אויס זיין האַנט) מיין נאָמען איז שימעלע סאָלאָוויי. ווי רופט מען אייך?

אַשר:

אַשר, אַשר סאָלאָמאָן...

סאָלאָוויי:

מיך פרייט זייער אייך צו קענען. (פּויזע) ווער איז אייער פּרעזידענט פון טעמפּל?

אַשר

(ווייזט אָן אויף זיך):

איך...

סאָלאָוויי:

אַ רעווערענד האָט איר שוין?

אשר:

איך דאַרף נישט קיין רעווערענדס!

סאָלאָוויי:

איר זענט דער רעווערענד אויך?

אשר:

ניין.

סאָלאָוויי:

וואָס זשע פאַראַ טעמפּל איז עס אָן אַ רעווערענד?

אשר:

ס׳איז אַ טעמפּל פאַרן קערפּער, נישט פאַר דער נשמה!

סאָלאָוויי:

וואָס פאַראַ טעמפּל איז דאָס?

אשר:

דאָ וועט מען פאַרקויפן געזונטע שפּייז צו עסן, נישט ווי דאָרטן.

(ווייזט אָן אויף דעם דעליקאַטעסן־סטאָר)

סאָלאָוויי

(קוקנדיק אַהין):

זייער גוט! זייער גוט! איר ווייסט, זיי פאַרקויפן דאָך טרפה זאַכן. מ׳דאַרף טאַקע האָבן אַ כשרע סטאָר אין דער געגנט. אויב אַזוי איז דאָך טאַקע ווידער אַ מאָל גוט, איך בין אַ שוחט אויך...

אשר:

וואָס זענט איר?

סאָלאָוויי:

אַ שוחט, איך קוילע עופות — הינער, קאַטשקעס, גענדז, און אַז מ׳דאַרף קוילע איך אַ בהמה אויך...

אשר:

ווי, זאָגט איר, רופט מען אייך?

סאָלאָוויי:

אויב פאַר אַ מוהל און חזן — איז שימעלע סאָלאָוויי... נאָר אויב פאַר אַ שוחט — הייס איך רב שמעון סאָלאָוויי...

אָשר

(פּלוצלינג):

איר זענט אַ מערדער! אַ גזלן! אַ גאָרגלשניידער!

אָשר

(פאַרוווּנדערט):

איך בין אַ מערדער? ווייל כ׳שעכט כדין וכדת? אַראָפּדרייען דאָס קעפּל פון אַן עוף איז בעסער? דער יידישער דין פון איבערשניידן דאָס העלדזל איז דער געזינטסטער און דער בעסטער. איר ווייסט? דער חלף טאָר קיין פּגימה נישט האָבן, כדי ער זאָל איבערשניידן דאָס העלדזל איינס־צוויי...

אָשר

(מיט שוידער):

רעדט נישט צו מיר!

סאָלאָוויי:

איר ווייסט ווי גוים הרגענען אַן עוף? זיי שטופּן אַריין אַ שפּיז דורכן מויל אין קאָפּ אַריין... אין די געהירן... איז דאָס מענטשלעך? אָבער לויטן יידישן דין שניידט מען איבער דאָס העלדזל — און פאַרטיק...

אָשר

(קאָן זיך שוין מער נישט באַהערשן):

וואָס האָט אייך דאָס אָרעמע הינדל געטאָן? פאַרוואָס שניידט איר עס איבער דעם האַלדז?

סאָלאָוויי:

אַז מ׳וועט זי אָפּבראָטן אַ לעבעדיקע, וועט זיין בעסער?

אָשר:

פאַרוואָס זאָלט איר זי בראָטן?

סאָלאָוויי:

ווי קאָן מען עסן אַן עוף רויערהייט?

אָשר:

אַן עוף האָט אַ רעכט צו לעבן פּונקט ווי איר. (זוכט ווערטער) איר וואָלט געוואָלט מ׳זאָל אייך קוילענען?

סאָלאָוויי

(קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט):

איר׳ט מיר מוחל זיין, ס׳איז אַ נאַרישע פראַגע. ווי קאָנט איר מיך

צוגלייכן צו אַן עוף? עופות, בהמות זענען דאָך באַשאַפן געוואָרן מ׳זאָל זיי קוילענען...

אָשר:

ווען עופות און בהמות וואָלטן באַשאַפן געוואָרן מ׳זאָל זיי קוילענען, וואָלטן זיי באַשאַפן געוואָרן געקוילעטע.

סאָלאָוויי:

איר רעדט ווי אַ קינד. ווי וואָלטן זיי געקאָנט לעבן געקוילעטערהייט? (פויזע, מיט פאַרדאַכט) איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? איר האָט צייט? כאַפּט זיך אַריין צו אַ דאָקטער! (אָפּ איילנדיק)

(אָשר קוקט אים נאָך, קוועטשט מיט די אַקסלען, הייבט אָן אַריינטראָגן די זאַכן אינעווייניק. ראָזי קומט אַרויס פון איר געשעפט, זי קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, צו אָשרן)

ראָזי:

אָשר, איר האָט דאָ אפשר געזען גוירטרודן?

אָשר:

אוודאי האָב איך זי געזען, זי איז אַוועקגעפאָרן, מיטן באָז...

ראָזי:

שוין לאַנג אַז זי איז אַוועקגעפאָרן?

אָשר

(טראַכט נאָך):

שוין לאַנג, העכער אַ שעה.

ראָזי

(רעדט אַריין אין טיר אויפגערעגט):

נו, מייק, וואָס זאָגסטו דערצו? זי איז דאָך אַוועקגעפאָרן!

מייק

(באַווייזט זיך אין טיר):

ווער איז אַוועקגעפאָרן?

ראָזי:

דיין טעכטערל!

מייק:

ווו האָט זי צו פאָרן?

ראָזי:

דאָס איז מיר אויף צו־להכעיס, איך זאָל נישט קאָנען פאָרן צו מילטאָנען.

מ ײ ק :

וואָס דיר קאָן אײנפאַלן...

ר אָ ז י :

אַדרבה, װוּ איז זי? אָשר האָט געזען ווי זי איז אַרײַן אין באָז און אַוועקגעפאָרן.

אָ ש ר :

יאָ, יאָ!

מ ײ ק

(פאַרדעכטיקט) :

האָסט געהאַט מיט איר אַן איבעררייד?

ר אָ ז י :

איך? (פויזע) מ׳קאָן דען צו איר רעדן, אַז מ׳דערמאָנט איר אַ וואָרט וועגן רעפּיודזשי, ווערט זי דאָך אַן אָנגעצונדענע!

מ ײ ק :

ביסטו זיכער, אַז דו האָסט איר גאָרנישט געזאָגט?

ר אָ ז י :

אים האָב איך געזאָגט, אָבער נישט איר!

מ ײ ק :

וואָס האָסטו אים געזאָגט?

ר אָ ז י :

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אים די הענט מיט די פיס צעברעכן אויב ער וועט מײַן שוועל אַריבערטרעטן!

מ ײ ק :

וואָס זשע פאַרשטייסטו דאָ נישט? האָט ער איר דאָס מסתמא דערציילט.

ר אָ ז י :

ער האָט עס איר נישט באַדאַרפט דערציילן... איך האָב עס אים געזאָגט גענוג הויך, זי זאָל אויך הערן...

מ ײ ק :

איז וואָס זשע וווּנדערסטו זיך וואָס זי איז דאָ נישטאָ?

ר אָ ז י :

נו, אַוודאי, גיב איר גערעכט! גיב איר גערעכט!...

מ ײ ק:

ווען דו האָסט אָבער שכל, וואָלסטו אים גאָר נישט געזאָגט ביז דו וואָלסט געקומען צוריק... ער איז דאָ געווען אַזוי לאַנג, וואָלט ער געווען נאָך עטלעכע טעג.

ר אָ ז י:

אַזוי?... כ׳האָב זי נישט געקאָנט איינהיטן ווען איך בין דאָ געווען — ווי וועט שוין זיין, אַז איך וועל דאָ נישט זיין?

מ ײ ק:

איך בין דאָך דאָ.

ר אָ ז י:

ווייסט אַ סך וואָס ביי דיר אונטערן נאָז קומט פאָר...

מ ײ ק

(נאָך אַ פּויזע):

אפשר איז פאָרט אַ פּלאַן א י ך זאָל פאָרן צו מילטאָנען? מילטאָן איז שוין אַרויס פון די וויקעלעך, ער איז שוין אַ מאַן!

ר אָ ז י:

הער אויף טענהן, גיי בעסער געפין דיין טעכטערל! דאַרפסט דאָך מיך באַלד נעמען צו דער טריין...

מ ײ ק:

ביז דו וועסט דאַרפן פאָרן וועט זי קומען.

ר אָ ז י:

מייק! מייק! זע נאָר וואָס ער טוט!

מ ײ ק

(קומט צו, באַטראַכט):

דאָס איז דאָך מר. פאַרבער, דער סיינפּיינטער. דאָס שטעלט ער אַרויף אונדזער נייעם נאָמען אויפן פעצנטער. אָנשטאָט „קינג סאָלאָמאָנס דעליקאַ־טעסן" וועט ער אַרויפשטעלן „סלייטערס דעליקאַטעסן".

ר אָ ז י:

מ׳דאַרף דאָך האָבן 10 פאָר אויגן ביז מ׳דערזעט אַז ס׳איז „סלייטערס דעליקאַטעסן".

מ ײ ק

(צו פאַרבערן):

זי איז גערעכט, „סלייטערס דעליקאַטעסן" דאַרף זיין מיט גרעסערע אותיות.

פאַרבער

(גייט אָן מיט דער אַרבעט):

ס׳איז גענוג גרויס...

מייק:

איר פאַרשטייט? ס׳איז אַ נייער נאָמען, דאַרף ער זיך מער אָנזען. ס׳דאַרף זיך וואַרפן מער אין די אויגן...

פאַרבער:

ס׳וואַרפט זיך גענוג אין די אויגן.

מייק

(צו ראָזין):

ער איז ערשט נישט לאַנג אין לאַנד... אַ רעפּיודזשי...

ראָזי

(ווערט אָן אָנגעצונדענע ווען זי דערהערט „רעפּיודזשי״):

וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר מיט דיינע רעפּיודזשיס? ווער דאַרף זיי דאָ אין גאַנצן? (קאָן נישט געפינען קיין ווערטער) מיסטער! איר׳ט מאַכן די ווערטער ווי מיר ווילן, נישט ווי איר ווילט!...

פאַרבער

(ווייזט אָן אויף מייקן):

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל אין גאַנצן נישט די אַרבעט...

ראָזי

(סאַרקאַסטיש):

וואָס פאַראַ אַרבעט ווילט איר?

פאַרבער:

שמדן יידן איז אַן עסק פאַר אַ גלח!

ראָזי

(צו מייקן):

וואָס רעדט ער? וואָס באַלבעט ער?

מייק:

ס׳געפעלט אים נישט וואָס מיר בייטן דעם נאָמען.

ראָזי:

ביי אים דאַרף מען זיך אויך אָנפרעגן? (צו פאַרבערן) מיסטער! דאָ, אַז מ׳גיט אייך עפּעס צו טאָן, דאַרפט איר טאָן ווי מ׳הייסט אייך, ס׳איז אַמעריקע, נישט יוראָפּ!

(אַ פאַרבייגייער שטעלט זיך אָפּ)

פאַרבער

(ליגט אַוועק די געצייג, שטעלט זיך אויף, רעדט מיט אַ טאָן פון אַ נביא):

איר וואָלט זיך באַדאַרפט אַראָפּנעמען אַ מוסטער פון יוראָפּ! זיי האָבן אויך, פּונקט ווי איר, אַלץ נאָכגעגעבן, אויסגעקליבן דעם לייכטסטן וועג — האָט עס זיי געקאָסט זעקס מיליאָן קברים... (פּויזע) איך קום פון דייטשלאַנד.

ראָזי:

איר קאָנט גיין צוריק אַהין!

פאַרבער:

איר דאַרפט גיין אַהין! איר וואָלט באַדאַרפט זען די ענוים פון די געפּייניקטע, הערן דעם וויגעשריי פון די פאַראורטיילטע, פילן דעם עפּוש פון די פאַרברענטע. איך האָב דאָס אַלץ געזען, געהערט און געפילט...

ראָזי

(דערשראָקן, טוליעט זיך צו מייקן):

וואָס וויל ער פון מיר, דער משוגענער?

פאַרבער:

משוגע זענט איר! איר זענט בלינד, טויב. איר זעט נישט וואָס ס׳טוט זיך אונטער אייערע נעז! אַ וואָלקן רוקט זיך אויף אייך, אַ שוואַרצער, בייזער וואָלקן, אַ פלאַמפייערדיקער וואָלקן, וואָס ברענט סאַלאַמאַנס פּונקט ווי סלייטערס!

(פאַר דער צייט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ היפּש רעדל מענטשן, אָשר אויך צווישן זיי. ווען פאַרבער רעדט אָפּ, אַפּלאָדירן זיי)

ראָזי:

מייק, זאָל ער גיין! זע סאַראַ רעדל ס׳האָט זיך דאָ אָנגעקליבן...

פאַרבער

(נעמט צוזאַמען זיינע מטלטלים):

זיי מעגן דאָס אויך הערן! צווישן זיי געפינען זיך אויך אַזעלכע חכמים ווי איר, וואָס וויסן אפשר נישט, אַז אויב סאַלאַמאַן איז אַ פלעק, קאָן מען עס בלויז מיט פייער אָפּווישן, אָבער נישט מיט פאַרב. אַ גוטן טאָג!

(ער גייט האַסטיק אַוועק, די פאַרזאַמלטע קוקן אים נאָך)

ראָזי

(צו די פאַרזאַמלטע):

וואָס האָט איר זיך דאָ צונויפֿגעקליבן? גייט אייך! מאַרש!
(פּירט מייקן אַריין אין סטאָר קעגן זיין ווילן)

אײנער
(וואָס איז נאָר וואָס צוגעקומען):
וואָס האָט פּאַסירט?

אַ צווייטער
(פֿון רעדל):
גאָרנישט, אַ ייִדן האָט זיך פֿאַרוואָלט בייטן דעם נאָמען...

דער איינער:
איז ווער לאָזט אים נישט?

אַ דריטער:
האָט ער גראָד אָנגעטראָפֿן אויף איינעם וואָס קומט פֿון די קאָנצענ־טריישן קעמפּס — האָט ער אים דערציילט די מעשה...

דער איינער:
וואָס פֿאַראַ מעשה?

אַ פערטער
(איריטירט):
מיסטער, איר ווייסט גאָרנישט וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען אין דייטשלאַנד?

דער איינער:
וואָס האָט דייטשלאַנד צו טאָן מיטן בייטן דעם נאָמען אין אַמעריקע?

דער פערטער:
דאָרטן האָבן ייִדן אין אָנהייב אויך געביטן זייערע נעמען און אַנטלאָפֿן פֿון ייִדישקייט.

דער איינער:
ווי קאָנט איר פֿאַרגלייכן יוראָפּ מיט אַמעריקע?

אַ פינפטער
(שפּרינגט אַרויס פֿון דער זייט):
מיסטער, ס'איז אַז אָך און ווי צו אייער אַמעריקע! דאָ פּאַסירן שוין זאַכן פּונקט ווי אין פֿאַשיסטישן דייטשלאַנד...

דער איינער:
אויב ס'געפֿעלט אייך נישט, קאָנט איר גיין פֿון וואַנען איר זענט געקומען!

פינפטער:

ווער האָט אייך געמאַכט פאַר אַ היטער פון אַמעריקע?

דער איינער:

מ׳האָט אייך אַריינגעלאָזן אַהער? מ׳לאָזט אייך אַרבעטן? זייט צופרידן! שטופּט נישט אייערע נעז ווו מ׳דאַרף נישט!

אַ זעקסטער

(שטופּט זיך אַריין צווישן די צוויי וועלכע שטייען ווי צוויי הענער, גרייט זיך צו וואַרפן איינער אויפן צווייטן):

זאָל שוין זיין גענוג!

פינפטער:

ער׳ט מוסרן זיין אייגענע מאַמע!

דער איינער:

(רייסט זיך צו אים):

נאָך איין וואָרט און איך צעפּאַלמעס דיך!

זעקסטער:

אַז איר וועט נישט אויפהערן וועל איך אייךביידן צעפּאַלמעסן!

פינפטער

(אַוועקגייענדיק):

אַזאַ פאַשיסט!

אַ זיבעטער:

מ׳האָט טענות פאַרוואָס גוים האָבן אונדז פיינט... ס׳איז דאָך רעכט, אַז איין ייד זאָל דעם צווייטן אין אַ לעפל וואַסער דערטרינקען...

דער איינער

(טייטלט מיטן פינגער צום פינפטן):

אַזעלכע יידן ווי איר ברענגען אַלע צרות!

אשר:

(צו דעם איינעם):

און איר זענט אַזאַ צדיק? איר האַנדלט דאָך ערגער ווי ווילדע חיות! אַ ווילדע חיה וועט קיינמאָל נישט באַפאַלן איר אייגענעם מין, און איר זענט גרייט דורס צו זיין איינער דעם צווייטן. (פויזע) ס׳איז קיין וווּנדער נישט, אייערע מוחות זענען טעמפּ, ווייל אין אייערע אָדערן פליסט נישט קיין בלוט, נאָר סם!

זיבעטער:

אַ נייער משוגענער!

אשר:

מ׳זאָגט אייך דעם אמת, מאַכט איר פּאַר משוגע!

זעקסטער:

וואָס באַלבעט איר? קוים האָט מען זיי איינגעשטילט, הייבט א י ר אָן...

אשר:

עס וועט קיין מאָל נישט זיין שטיל. כל־זמן איר פּרעסט לעבעדיקע באַשעפענישן, וועט קיין שלום נישט הערשן צווישן אייך.

(די פאַרזאַמלטע קוקן זיך איבער, קוועטשן מיט די אַקסלען, הייבן אָן זיך פונאַנדערגיין, ער שרייט זיי נאָך)

איר זענט אָנגעשטאָפּט מיט שנאה, און איר וווּנדערט זיך פאַרוואָס מ׳האָט זיך פיינט. איר זענט מערדער, און האָט טענות פאַרוואָס מ׳מאַרדעט!

(ווען ער בלייבט אַליין אויף דער סצענע, גייט ער צו אַ כעסיקער צו זיין טיר, פאַרמאַכט זי׳ האַסטיק מיט אַן אויסגעשריי)

קאַניבאַלן!

(אַ ווײַלע איז שטיל. פון רעכטס דערטראָגט זיך אַ טומל. ס׳באַווייזן זיך גוירטרוד און דייוויד. זיי טראָגן פּלאַקאַטן מיטן אויפשריפט: „פאַטראָניזירט נישט דעם געשעפט! דעליקאַטעסן־יוניאָן לאָקל 555 א.פ.אָף ל.״.

דייוויד גייט איבערגוואַלד, ווען ער קומט נאָענט צום דעליקאַטעסן־געשעפט, בלייבט ער שטיין)

גוירטרוד:

פאַרוואָס ביסטו שטיין געבליבן?

דייוויד:

לאָמיר אויפגעבן דעם שטרייק.

גוירטרוד:

האָסט שוין ווידער חרטה?

דייוויד:

כ׳קאָן נישט שטרייקן קעגן דיין טאַטע־מאַמע.

גוירטרוד

(אַנטוישט):

און איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט מיך ליב.

דייוויד:

ס׳האָט נישט צו טאָן מיט ליב האָבן.

גוירטרוד:

מיט וואָס דען האָט עס צו טאָן? די מאַמע וועט דיך אין שטוב נישט אַריינלאָזן... וועסטו מיך נישט קאָנען זען...

דייוויד:

מ׳וועט דאַרפן געפינען אַן אַנדער מיטל.

גוירטרוד:

ביי מיין מאַמען וועסטו מיט גוטן גאָרנישט קאָנען אויספירן. (פויזע) ווילסט נישט שטרייקן, איז נישט... גיי אין דער יוניאָן און זאָג, אַז דו ציסט זיך צוריק. (פויזע) אויב דו האָסט אַזוי געהאַנדלט אין יוראָפּ, ווייס איך נישט ווי דו ביסט דאָרט געווען אַזאַ העלד.

דייוויד:

אין יוראָפּ איז געווען אַנדערש.

גוירטרוד:

וועסט מיר נישט איינרעדן, אַז פאַר די דייטשן האָסטו קיין מורא נישט געהאַט און פאַר מיין מאַמע האָסטו יאָ מורא. גלייב מיר, מיין מאַמע איז נישט אַזוי שלעכט, ווי זי מאַכט דעם אָנשטעל.

דייוויד:

קיין מאַמע איז נישט שלעכט, אפילו די ערגסטע...

גוירטרוד:

אָבער וואָס פּאַראַ רעדן איצט, ווען דער שטרייק איז דערקלערט? (פּלוצלינג) דו ביסט דאָך אַליין געגאַנגען אין יוניאָן.

דייוויד:

ס׳האָט מיך פאַרדראָסן, בין איך געגאַנגען. (פויזע) כ׳האָב געמיינט, אַז זיי וועלן קומען און רעדן מיט איר, אפשר וועט מען זיך אויסגלייכן. אָבער ווי זיי האָבן באַשלאָסן אַ שטרייק, האָב איך געקראָגן עפּעס אַ מאָדנע געפיל. (פויזע) איינער וואָס האָט אַ מאַמע, איז די מאַמע נישט אַזוי וויכטיק... אַ מענטש... אָבער פאַר איינעם וואָס האָט געזען ווי מ׳האָט זיין מאַמע דער־שאָסן... איז אַ מאַמע, אַ מאַמע — אַ הייליק וועזן... קיינער גיט נישט אַוועק זיין לעבן פאַר אַ צווייטן, אַ מאַמע פאַר איר קינד — יאָ. מיין מאַמע האָט עס געטאָן, דיין מאַמע וועט עס טאָן. איז ווי קאָן איך שטרייקן קעגן אַ מאַמע?

גוירטרוד:

מיין מאַמע איז אַנדערש.

דייוויד:

אַלע מאַמעס זענען איין מאַמע...

גוירטרוד:

אַ מאַמע דאַרף אין זינען האָבן דאָס גליק פון אירע קינדער, ניין?

דייוויד:

האָט זי זיך באַנאַרישט.

גוירטרוד:

וועסט זען, אויף מאָרגן נאָכן שטרייק וועט זיין אין גאַנצן אַנדערש, איך קען זי!

(פון רעכטס קומען אָן נאָך מענער און פרויען וואָס טראָגן פּלאַקאַטן מיטן זעלבן אויפשריפט. זיי פאָרמירן אַ סירקל און דרייען זיך אַרום דער טיר פון דעל־קאַטעסן־געשעפט)

ראָזי:

(באַווייזט זיך אין טיר, ווען זי זעט דעם עולם שרייט זי אויס)

מייק! זע נאָר וואָס דאָ טוט זיך!

מייק

(באַווייזט זיך אין טיר):

ערגעץ מוז פאָרקומען אַ שטרייק. (לייענט איבער דעם אויפשריפט אויף אַ פּלאַקאַט) **דאָ שטרייקט מען דאָך ביי אונדז! אָט איז גוירטרוד!**

ראָזי

(דערזעט גוירטרודן מיט דייווידן):

זעסט מיט וועמען זי גייט אַרום? מיטן רעפּיודזשי! איך האָב דיר געזאָגט: ער וועט זי אויפן פייער אַרויספירן! (לויפט צו צו איר) **גוירטרוד! גוירטרוד! וואָס איז דאָס?** (גוירטרוד ענטפערט איר נישט, האַלט אָן איר גאַנג, ראָזי גייט איר נאָך) **פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט.** (פויזע) **מייק! מייק!** (ער קומט צו) **נעם זי אָן פאַר די האָר און שלעפּ זי אַריין אין שטוב!** (ביידע גייען איר נאָך)

מייק:

וואָס פאַראַ שטרייקן אין מיטן דרינען?

גוירטרוד

(ווייזט אָן אויף ראָזין):

זי ווייסט פאַרוואָס...

ראָזי:

זאָל מיר אָסור זיין אויב כ׳ווייס.

גוירטרוד

(צו מייקן):

זי האָט אַוועקגעשיקט דייווידן...

ראָזי:

אַוודאי האָב איך אים אַוועקגעשיקט! איך וויל אים נישט!

גוירטרוד:

ווען מיר שטרייקן ביז דו וועסט אים וועלן.

ראָזי:

איך האָב אָבער געוווּסט, אַז טרוקן וועלן מיר פון אים נישט אָפּשניידן!

(גייט אַריבער אויף דייווידס זייט) וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף אונדז?

(ראָזי אויף דייווידס זייט, מייק אויף גוירטרודס. יעדער צד רעדט פאַר זיך, מאַרשירנדיק)

מייק

(צו גוירטרודן):

הער זיך אויף מאַכן נאַריש!

ראָזי

(צו דייווידן):

מיר האָבן גענוג גענגסטער אין אַמעריקע אָן דיר!

מייק

(צו גוירטרודן):

די מאַמע דאַרף באַלד אַוועקפאָרן.

ראָזי:

(צו דייווידן):

איך וועל דיך פון לאַנד אַרויסשיקן!

מייק

(צו גוירטרודן):

מיט מילטאָנען האַלט זייער שמאָל אין קאלעדזש, מ׳וועט אים פון דאָרטן אַרויסוואַרפן אויב די מאַמע וועט נישט פאָרן.

גוירטרוד:

זאָל זי פאָרן!

מייק:

ווי קאָן זי פאָרן, אַז דיר האָט זיך פאַרוואָלט שטרייקן?

גוירטרוד:

זאָל זי אים נעמען צוריק.

מייק:

מיט גוואַלד וועסטו גאָרנישט אויספירן.

גוירטרוד:

מיר וועלן זען...

ראָזי

(צו דייווידן):

וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף אונדז? ווילסט אונדז רואינירן?

דייוויד:

ניין...

ראָזי:

פאַרוואָס דרייסטו זיך דאָ אַרום?

דייוויד:

גוירטרוד האָט מיך ליב און איך האָב זי ליב.

ראָזי:

גוירטרוד וועט זיך באַגיין אָן דיר.

דייוויד:

איר זענט דאָך מסתמא אַמאָל אויך געווען פאַרליבט?

ראָזי:

איך האָב נישט געקערט וועלטן אַזוי ווי דו. איך האָב נישט געריסן מיט גוואַלד. דו ביסט דאָך אַן אמתער כוליגאַן!

דייוויד:

איר האָט אַ טעות, מיסעס סאָלאָמאָן.

ראָזי:

איך בין מער נישט מיסעס סאָלאָמאָן!

דייוויד:

איר קאָנט זיך זיין וואָס איר ווילט, איך בין נישט קיין כוליגאַן!

אַ פרוי

(קומט צו צו ראָזין):

וואָס טוט איר דאָ? קומט, איך דאַרף אַ סך זאַכן אין סטאָר...

ראָזי

(צו מייקן, אָנווייזנדיק אויף דער פרוי):

מייק, אַ קאַסטימער! גיב איר וואָס זי דאַרף...

גוירטרוד:

מיסעס, מ׳שטרייקט דאָ!

פרוי

(צו ראָזין):

דוכט זיך, אייער טאָכטער, נישט?

ראָזי:

אָט אַזוי ווי איר זעט, אייגענע קינדער... (פויזע) **מייק, גיב איר וואָס זי דאַרף!**

פרוי:

אויב מ׳שטרייקט ביי אייך, וועל איך גיין ערגעץ אַנדערש. (גייט אַוועק)

ראָזי:

איך וועל דאָך דאָס נישט אויסהאַלטן! (רופט) **מיסעס! מיסעס!** (צו מייקן) **זיי וועלן דאָך מאַכן אַ תל פון די ביזנעס...**

(פּיטער און ריבעקאַ קומען אָן פון רעכטס)

פּיטער

(פאַרוואונדערט):

זע נאָר, וואָס דאָ טוט זיך? (צו ראָזין) **דאָס שטרייקט מען ביי אייך?**

ראָזי:

אָט אַזוי ווי איר זעט. איך שטיי אין סטאָר, איך הער אַ טומל, כ׳גיי אַרויס — זיי שטייען ביי דער טיר און לאָזן קיין קאַסטימער נישט אַריין...

פּיטער:

וואָס פאַראַ חטא זענט איר באַגאַנגען?

ראָזי

(ווייזט אָן אויף דייווידן):

זאָל איך אַזוי וויסן פון אים!

פּיטער

(צו ריבעקאַן):

איצט זעסטו שוין, אַז איך בין נישט דער איינציקער ביי וועמען מ׳שטרייקט? (צו ראָזין) **דאָס איז דאָך אייער רעפּיודזשי, נישט? ער איז מיר גלייך נישט געפעלן געוואָרן...**

ראָזי:

מייק האָט אויף אַלעמען רחמנות!

מייק:

ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק? ער האָט אויסגעזען גאַנץ לייטיש, און די יוניאָן האָט זיך געלייגט אין דער לענג און ברייט איך זאָל אים נעמען.

ראָזי:

זאָל אים די יוניאָן נעמען צוריק, איך דאַרף אים נישט!

פּיטער:

און זיי דאַרפן אים?

ראָזי:

איך וועל גיין אין דער יוניאָן און זיי דאַרטן די פענצטער צעברעכן!

פּיטער:

ס׳וועט אייך גאָרנישט העלפן. איך בין אויך געווען אַזאַ חכם, צום סוף האָב איך געדאַרפט באַצאָלן פאַר די פענצטער...

ריבעקאַ

צו מילטאָנען פּאַרט איר נישט?

ראָזי:

זיי האָבן מיר אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז איך ווייס נישט אויף וואָסער וועלט איך בין.

ריבעקאַ:

סיליע קומט דאָך באַלד נאָך אייך.

מייק

(צו ראָזין):

דו גיי, איך וועל שוין מיט זיי דורכקומען...

ריבעקאַ:

טאָ גייט נעמט אייערע זאַכן. (סיליע באַווייזט זיך רעכטס) אָט איז סיליע!

סיליע

(קומט צו):

וואָס קומט דאָ פאָר?

פּיטער:

מ׳שטרייקט ביי זיי.

ראָזי:

(כאַפּט אָן גוירטרודן פאַרן האַנט ווען זי גייט פאַרביי, שטעלט זי אָפּ מיט גוואַלד)

גוירטרוד, סיליע איז מיך געקומען נעמען צו מילטאַנען.

גוירטרוד:

גיי!

ראָזי:

ווי אַזוי קאָן איך גיין?

גוירטרוד:

גיי נישט... (באַפרייט זיך פון איר)

ראָזי

(פאַרלאָרן, פאַרשעמט):

קאָן מען פון זיי אויסהאַלטן?

סיליע

(צו ראָזין):

איך מיין, ס׳וועט טאַקע זיין גלייכער, אַז איר וועט נישט פאָרן. ער דאַרף נישט דער מאַמעס פאַרטעך...

ראָזי:

און דו ווייסט שוין אַלץ?

פּיטער:

אויף מיין סיליען קאָנט איר זיך פאַרלאָזן...

ראָזי:

אַ סך קאָן מען זיך אויף אייך פאַרלאָזן! אָט האָט איר אַ לעבעדיקן ביישפּיל.

סיליע:

איר ווייסט גאָר וואָס? איך וועל קומען אַהין, וועל איך זען. אויב מ׳דאַרף אייך, וועל איך אייך שרייבן.

ראָזי:

איך פאָר, איך גיי נאָך די זאַכן. און אַז איך וועל קומען צוריק וועל איך זיך ערשט נעמען צו איר! (אָפּ האַסטיק)

פּיטער

(נאָך אַ פּויזע, צו מייקן):

איר ווילט מיך פאָלגן? גייט אין יוניאָן און גיט זיי אַלץ נאָך. דערנאָך

אַז ער וועט זיך שטעלן אַרבעטן, דערגייט אים די יאָרן, וועט ער אַליין אַוועק... (סודותדיק) אַזוי טו איך, און עס גייט...

מייק:

דאָ איז אָבער אַן אַנדערע צרה...

(פון רעכטס קומט אַן מילטאָן, טראָגט צוויי טשעמאָדאַנעס. סיליע איז די ערשטע וואָס דערזעט אים, שרייט אויס: „מילטאָן!" און לויפט אים אַנט־קעגן. איר אויסגעשריי האָט אַלעמען פאַרגליווערט).

מייק

(לויפט צו צו דער טיר פון געשעפט און שרייט אויס):

ראָזי! ראָזי! מילטאָן איז דאָ!

(לויפט צו מילטאָנען, נעמט ביי אים די טשעמאָדאַנעס. סיליע איז זייער פריינדלעך צו אים, אָבער ער איז צו איר פרעמד. אין טיר באַווייזט זיך ראָזי).

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

(צווייטע סצענע)

די זעלבע סצענע ווי אין ערשטן אַקט. עטלעכע מינוט שפּעטער. פון רעכטס קומען אַריין מילטאָן און סיליע, נאָך זיי — פּיטער און ריבעקאַ.

ראַזיס קול
(פון הינטער זיי):

זעצט זיך אַוועק און זייט ווי ביי זיך אין דער היים, מיר קומען גלייך אַרויף!

(מילטאָן וויל זיך נישט זעצן, רייסט זיך צו זיך אין צימער, וואָס איז לינקס, סיליע גייט אים נאָך. פּיטער און ריבעקאַ זעצן זיך ביים טיש מיטן פּנים צו דער טיר, ווו מילטאָן און סיליע זענען אַריין)

פּיטער
(זיגרייך):

מיר האָט די גאַנצע צייט געזאָגט דאָס האַרץ, אַז מיט אים וועט קיין גוטער סוף נישט זיין.

ריבעקאַ:

דו מיט דיין האַרץ. ביסט דאָך ערגער ווי אַ יידענע!

פּיטער:

אָט האָסטו דאָך שוואַרץ אויף ווייס.

ריבעקאַ:

וואָס ווילסטו? וואָס קריכסטו אויף גלייכע ווענט? וואָס שוואַרץ? וואָס ווייס?

פּיטער:

פּאַר שרייבן תפילין וואַרפט מען פון קאָלעדזש נישט אַרויס.

ריבעקאַ:

פון וואַנען ווייסטו, אַז מ׳האָט אים אַרויסגעוואָרפן?

פּיטער:

וואָס דען טוט ער דאָ אין מיטן דרינען מיט צוויי טשעמאָדאַנעס?

ריבעקאַ:

צוויי טשעמאָדאַנעס, דריי טשעמאָדאַנעס! וואָס אַרט דיך וויפל טשעמאָדאַנעס ער האָט?

פּיטער:

נאַרעלע, זעסט דאָך, אַז ער איז געקומען אויף צו בלייבן. (פּויזע) ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס ער קומט אַהיים. אַלע מאָל פלעגט ער קומען אַ פריילעכער, אַ מונטערער, איצט איז ער דאָך שוואַרץ ווי די ערד! ער האָט דאָך אונדז אין די אויגן נישט געקאָנט קוקן. ווי אַ גנב איז ער דאָך אַריינגעלאָפן אַהין. (ווייזט אָן אויף דער טיר וווּהין ער איז אַריין)

ריבעקאַ:

אפשר איז ער פאַרמאַטערט? נישט געזונט? ער איז דאָך מער נישט ווי אַ מענטש.

פּיטער:

אַז מ׳איז נישט געזונט, זאָגט מען. מיר זענען דאָך נישט קיין פרעמדע. (פּויזע) דו וועסט באַדאַי אים מאַכן פאַר אַ צדיק, אַבי מיך פאַר אַ טייוול.

ריבעקאַ:

דיר גייט אָן נאַר איין זאַך: ווייזן דער וועלט, אַז דו ביסט גערעכט.

פּיטער:

אפשר נישט? ווי איך האָב אים דערזען האָב איך געזאָגט, אַז ער איז אַ פויליאַק. ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין גוט קעפל. אָבער צו ווערן אַ דאָקטער דאַרף מען האָבן מער ווי אַ קאָפּ, מ׳דאַרף האָבן אַ גוט געזעס. (פּויזע) געדענקסט וויפל איך בין זיך אויסגעשטאַנען ביז איך האָב זיך אַרויפגעאַרבעט?

ריבעקאַ:

וואָס גלייכסטו זיך צו אים?

פּיטער:

זיין אַ מאַניופעקטשורער היינטיקע צייטן איז אַ סך שווערער ווי צו זיין אַ דאָקטער. זיי לערנט מען דאָך יעדע קליניקייט, און צום סוף ווייסן זיי גאָרנישט. ביי זיי, אַז ס׳באַווייזט זיך אַ נייע חולאת, ווערן זיי גליך

צעטומלט — מיר דאַרפן אַלע סיזאָן מאַכן נייע סטיילס. און זיי האָבן נישט קיין יוניאָן איבער זייערע קעפּ.

רִיבְקָאַ:

ווער אויך אַ דאָקטער.

פּיטער:

איך בין צופרידן וואָס איך בין... הלוואי וואָלסטו זיך נישט אַריינגענומען אין קאָפּ אַ דאָקטער פאַר אַן איידעם, וואָלט מען צו דעם אומגליק נישט געקומען! סיליע וואָלט שוין לאַנג חתונה געהאַט.

רִיבְקָאַ:

סיליע איז נאָך נישט אַזאַ אַלטע מויד.

פּיטער:

מיט דיין פּירעכץ וועט זי בלייבן אַן אַלטע מויד. (פּויזע) נו, גוט, האָסט געוואָלט דווקא פאַר איר אַ דאָקטער? נעמט מען אַן אויסגעשטודירטן, אַ פּאַרטיקן, קאָסט נאָך אַ פּאָר טויזנט דאָלער.

רִיבְקָאַ

(אויסער זיך):

איך האָב געוואָלט אַ דאָקטער? אַז סיליע איז געבוירן געוואָרן האָסטו דאָך מיר נישט געקאָנט מוחל זיין. האָסט געוואָלט נאָר אַ יינגל — ר׳זאָל קענען זיין אַ דאָקטער...

פּיטער:

אַוודאי האָב איך געוואָלט. קומט מיר עפּעס? וועלכער טאַטע וויל נישט אַ זון אַ דאָקטער?

רִיבְקָאַ:

טאָ וואָס זשע האָסטו טענות צו מיר? (פּלוצלינג) ביי דיר איז דאָך אפילו רעכט געווען זי זאָל שטודירן אויף דאָקטער. וויפל מ׳האָט דיר נישט געזאָגט, אַז איר קאָפּ איז נישט דערביי, האָסטו געטענהט דיינס.

פּיטער:

ווען סיליע איז געראָטן אין מיר וואָלט געווען אין גאַנצן אַנדערש!

רִיבְקָאַ:

וואָס איז אַזוי די מציאה מיט דיר? שוין 30 יאָר אין אַמעריקע און דו קענסט דאָך נישט אַפילו קיין ענגליש.

פּיטער:

פאַר מיינע ביזנעס קען איך גענוג ענגליש, נאָך צופיל! (פּויזע) זעסטו,

איך ווי איך, אָבער דו? דו ביסט דאָך אין אַמעריקע לענגער ווי איך, ביסט דאָך דאָ געבוירן געוואָרן, און דיין ענגליש — אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט...

ריבעקאַ:

דו האָסט געמאַכט אַ תל פון מיר... פון מיין ענגליש... פון אַלץ...

פיטער:

האָסט זיך טאַקע אויף וואָס צו באַקלאָגן. מיסעס טאָמפּסאָן לעבט בעסער פון דיר? מיסטער טאָמפּסאָן רעדט דאָך שוין אַ גוטן ענגליש, אַ פּראָפעסאָר. פון דעסטוועגן ווען נישט איך, וואָלטן זיי איצט געהאַט אַ הויז? מיט מיין שלעכטן ענגליש...

ריבעקאַ:

באַשר ס'האָט דיר אָפּגעגליקט, האָסט געהאַט מזל.

פיטער:

מזל אַליין איז נישט גענוג, מ'דאַרף האָבן אַ קאָפּ אויך, מ'דאַרף זען אַ ביסל ווייטער פון דער נאָז... איך האָב געזען, אַז מיר קריכן אין אַ צרה...

ריבעקאַ:

וואָס ווילסטו פון מיר? קינדער האָבן זיך פאַרליבט, האָסטו געוואָלט איך זאָל שטערן? מ'קאָן טאַקע מיט דיין סיליען אַ סך אויספירן! זי איז דאָך דו מיט די ביינער! נעמט זי זיך עפּעס אַריין אין קאָפּ, איז נישט אַנדערש — האַק איר אָפּ דעם קאָפּ.

ראָזי

(קומט אַריין רעדנדיק):

אַז איך וועל נישט משוגע ווערן וועל איך זיין שטאַרקער פון אייזן! איר ווייסט וואָס איך האָב זיך דערוווּסט? דער רעפּיודזשי איז דאָך גאָרנישט שולדיק וואָס מ'שטרייקט, ס'איז אַלץ מיין גוירטרוד! (קוקט זיך אַרום) ווו איז מילטאָן?

ריבעקאַ:

ביי אים אין רום, סיליע אויך.

ראָזי:

ער האָט עפּעס גערעדט, געזאָגט?

ריבעקאַ:

ניין.

ראזי

(נאָך אַ פויזע):

נו, וואָס זאָגט איר צו מיינע צרות?

ריבעקאַ:

דאָס זענען אונדזערע צרות אויך...

פיטער:

איר האָט דאָך אונדז נישט געגלייבט, אַז אין קאלעדזש קומט עפּעס פאָר.

ראזי:

ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס ער שרייבט, אַז דאָרט, אין קאַלעדזש, איז נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ווען ער האָט געקריגן סקאלער־שיפּ. זיי פאַרגינען אים נישט.

פיטער:

ווער?

ראזי:

אַלע דאָרטן.

פיטער:

דאָס זאָגט ער אייך!

ראזי:

אייך האָט ער געזאָגט עפּעס אַנדערש?

פיטער:

מיר דאַרף מען נישט זאָגן, איך פאַרשטיי.

ראזי:

וואָס פאַרשטייט איר?

פיטער:

מילטאָן און גוירטרוד זענען פון איין טייג געקנאָטן, איין שטיק סחורה. זי בונטעוועט זיך דאָ און ער — דאָרט!

ראזי:

איר קריכט שוין גאָר אויף גלייכע ווענט. איר ווייסט דען וואָס איר רעדט? ער איז דאָך געווען דער בעסטער סטודענט. מ׳קאָן דאָך אים פון די ביכער נישט אַוועקרייסן... שטודירט טאָג און נאַכט... זאָגט ער — ער בונטעוועט זיך...

ריבעקאַ
(צו פּיטערן):
אפשר וואָלסטו שטום געוואָרן אויף אַ מינוט? באַלבעט...

ראָזי:
ס׳וואָלט געפּאַסט, איר זענט אַ פרעמדער... קענט נישט מילטאָנען...

פּיטער:
איך בין אין קאָלעדזש קיינמאָל נישט געגאַנגען. כ׳ווייס אָבער, אַז פון זיצן טאָג און נאַכט איבער ביכער וואַרפט מען פון דאָרטן נישט אַרויס...

ראָזי
(אויסער זיך):
פון וואַנען ווייסט איר, אַז מ׳האָט אים אַרויסגעוואָרפן?

פּיטער:
וואָס זשע טוט ער דאָ אין מיטן מיטוואָך?
(מייק קומט אַריין פון רעכטס מיט די טשעמאָדאַנעס)

ראָזי:
מייק, ווי געפעלט דיר דיין מחותן? הערסט וואָס ער זאָגט? אַז מ׳האָט מילטאָנען אַרויסגעוואָרפן פון קאָלעדזש...

מייק:
(אויסער זיך, ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט די טשעמאָדאַנעס, שטעלט זיי ענדלעך אַוועק, גייט צו צו פּיטערן):
אַרויסגעוואָרפן? (פּיטער באַשטעטיקט) פון וואַנען ווייסט איר?

פּיטער:
וואָס זשע איז ער געקומען אין מיטן דרינען?

מייק:
ער דאַרף זיך ביי קיינעם נישט פרעגן ווען ער וויל קומען. (אָטעמט אָפּ) אַיאָ, ראָזי?

ראָזי:
אַוודאי... ער קומט דאָך נישט צו פרעמדע, ער קומט דאָך צו זיך אַהיים...

פּיטער:
ווען מיין סיליע איז אין דעם נישט פאַרמישט, וואָלט מיר, אָסור, געאַרט ווען ער קומט...

ראָזי:
די קינדער וועלן שוין צווישן זיך אַדורכקומען...

ר י ב ע ק אַ :

זי איז גערעכט. מיר דאַרפן זיך נישט מישן.

פ י ט ע ר :

איך מיש זיך נישט, אָבער איך האָב דאָך אַ רעכט צו פרעגן וואָס וועט איצט זיין ?

ר י ב ע ק אַ :

לאָמיר פריער הערן וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען.

פ י ט ע ר :

מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן... איך ווייס וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען. ער מעג שוין באַצייטנס קומען אין מיין שאָפּ אַרבעטן, קיין דאָקטאָר וועט ער שוין נישט זיין...

מ י י ק

(מיט כעס) :

אייך אויף צו להכעיס וועט ער זיין אַ דאָקטער !

פ י ט ע ר

(ציט מיט די אַקסלען) :

הלוואי !

ר אָ ז י

(מיט אַ וויינענדיק קול) :

ווי האָט איר אַ האַרץ אַזוי צו רעדן ? איר ווייסט וויפל געזונט און געלט ער האָט אונדז אָפּגעקאָסט ?

פ י ט ע ר :

מיך האָט ער אויך פלענטי געלט געקאָסט !

מ י י ק

(אויסער זיך) :

ווען האָט ער אייך געקאָסט ? וואָס האָט ער אייך געקאָסט ?

פ י ט ע ר :

ווען ער האָט געדאַרפט ביכער איז סיליע געקומען צו לויפן צו מיר...

מ י י ק :

איך וועל אייך אָפּגעבן ביז אַ סענט !

ר י ב ע ק אַ

(צו פיטערן) :

זע וואָס פאַראַ קאַשע דו האָסט פאַרקאָכט ! דו מיט דיין צונג !

פּיטער

(צו ריבעקאַן):

זאָלן זיי וויסן און דו אויך!

ריבעקאַ:

וואָס ווילסטו שוין פון מיר?

פּיטער:

איך האָב די גאַנצע צייט געטענהט, אַז ס׳וועט האַלטן ביי אַן אָפּיס וועט געלט קיין מניעה נישט זיין, אָבער פריער — אַ סענט נישט! ס׳זענען דאָ גענוג געענדיקטע דאָקטוירים, איך דאַרף זיי נישט שיקן אין חדר, האָב איך גערעדט, צעפּלאַצט געוואָרן, און דו האָסט זיך געטאָן דיינס!

ריבעקאַ:

נאָך דיינע רייד קומט אויס, אַז סיליע איז מיר אַ שטיפקינד?

פּיטער:

איר פירט די גרענדע? פירט!

(סיליע באַווייזט זיך אין דער טיר לינקס, ריבעקאַ און פּיטער לויפן איר אַנטקעגן)

ריבעקאַ:

נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

(סיליע פאַלט איר אויפן האַלדז, וויינט)

פּיטער

(צו מייקן און ראָזין):

נו, וועמענס אומגליק איז עס? (צו סיליען) **וועסט שפּעטער וויינען. וואָס האָט ער דיר געזאָגט?**

סיליע

(וויינט):

איך קאָן מיט אים נישט רעדן.

ריבעקאַ:

נו, שאַ, שאַ, מיין קינד... באַרואיק זיך...

פּיטער:

ביסט דאָך דאָרט נישט געזעסן און געשוויגן די גאַנצע צייט? וואָס האָט ער פאָרט געזאָגט?

ריבעקאַ:

הער אויף מאַטערן דאָס קינד!

(מילטאָן באַווייזט זיך אין טיר. אַ טויטע שטילקייט. אַלעמענס אויגן זענען געצילט אויף אים)

מ ײ ק

(נעמט זיך אָן מיט מוט, גייט צו צו אים, אָנווייזנדיק אויף פּיטערן, שטאַמלט) :

ער זאָגט, אַז מ׳האָט דיך אַרויסגעוואָרפן פון קאָלעדזש. (פויזע) **איז דאָס אמת ?**

(מילטאָן באַשטעטיקט)

פ י ט ע ר

(זיגרייך) :

נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט ?

מ ײ ק :

(דערשלאָגן) :

ווי קומט עס ?... וואָס אַזוי פּלוצלינג ?...

פ י ט ע ר :

א י ך וועל אייך זאָגן : קיין דאגות פרנסה איז נישטאָ — בונטעוועט מען זיך ! מ׳וויל איבערמאַכן די וועלט...

מ י ל ט אָ ן

(צו פּיטערן) :

אייך געפעלט די וועלט ?

פ י ט ע ר

(פאַרלאָרן) :

אַזאַ יאָר אויף מיר סאַראַ וועלט מיר האָבן...

מ י ל ט אָ ן :

זאָל פאַרברענט ווערן אַזאַ וועלט מיט אַלעמען צוזאַמען ! (אַלע פאַר־וווּנדערט)

מ ײ ק

(פאַרלאָרן) :

ער האָט גאָרנישט געמיינט... (צו פּיטערן) **איר האָט אים אַרייגעבּרענגט אין כעס...**

פ י ט ע ר :

ריבעקאַ, סיליע, קומט !

מ ײ ק:

(לויפט צו צו מילטאָנען):

מילטאָן, אַנטשולדיק זיך!

מ י ל ט אָ ן

(אין דער זעלבער פּאָזע):

אַנטשולדיקן דאַרפט איר זיך פֿאַר מ י ר! איר זענט אַלע שקלאַפֿן און איר האָט אויפגעבראַכט אַ דור פֿון שקלאַפֿן! איך קאָן קיין שקלאַף נישט זײַן!

פּ י ט ע ר

(דערשראָקן, רוקט זיך אין אַ ווינקל):

ער האָט זיך פֿון זינען געריסט!

ר אָ ז י

(לויפט צו צו מילטאָנען):

מײַן קינד!

מ י ל ט אָ ן

(צילנדיק מיטן פֿינגער צו אַלעמען):

איר ווילט וויסן פֿאַרוואָס איך בין געקומען? זיי האָבן מיך דאָרטן נישט געוואָלט — ווײַל איך בין אַ ייִד!

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אַקט

(ערשטע סצענע)

די זעלבע סצענע עטלעכע שעה שפּעטער. די סצענע איז ליידיק. דער טעלעפאָן קלינגט. נאָך עטלעכע מאָל קלינגען באַווייזט זיך ראָזי רעכטס, ענטפערט דעם טעלעפאָן, לינקס באַווייזט זיך שוירלי.

ראָזי

(אין טעלעפאָן):

האַלאָ! האַלאָ! האַלאָ, סיליע!... ניין... יאָ, ער שלאָפט נאָך... פון פריער אָן... יאָ... יאָ... ווי ער וועט אויפשטיין וועל איך אים זאָגן... ער... ער וועט דאָך אייביק נישט שלאָפן... יאָ, גוט... אויב ער וועט שלאָפן ווען דו וועסט קומען, וועל איך אים אויפוועקן... יאָ... יאָ... זיכער... ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער רעדט... זיכער... דיין טאַטע האָט אויך נישט געדאַרפט זאָגן וואָס ער האָט געזאָגט... נו, גוט... וועסטו דאָ באַלד זיין?... כ׳בין זיכער, ער וועט זיך אויסשלאָפן, וועט זיין אין גאַנצן אַנדערש... יאָ... יאָ... גודבאַי, סיליע... (הענגט אויף דאָס טרייבל, צו שוירלין) שוין דאָס דריטע מאָל, אַז זי רופט... ווי ער האָט זיך פריער באַנומען צו איר איז ער איר, אָסור, ווערט...

שוירלי:

ווען זי האָט שכל און וואַרט, וואָלט ער בעסער געוואָרן.

ראָזי:

ער איז געקומען פון קאַלעדזש אַן איבערגעקערטער. איך האָב אים פריער קיינמאָל נישט געהערט אַזוי שרייען, אַזוי ליאַרעמען. ער איז אַלע מאָל געווען שטיל ווי אַ טויב. ס׳האָט אים דאַרטן געמוזט טרעפן אַ גרויסער אומגליק. (פּויזע) מעגסט זיך זאָגן וואָס דו ווילסט, מיר לייגט זיך פאַרט נישט אויפן שכל, אַז זיי ווילן אים דאַרטן נישט, ווייל ער איז אַ ייד... ס׳מוז זיין עפּעס אַנדערש... מיר זענען דאָך אין אַמעריקע!

שוירלי:

דיך וויל מען דאָך אויך נישט.

ראַזי

(מעסט איר אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס):

פון וואַנען ווייסטו?

שוירלי:

דיינע פענצטער, וואָס זיי ברעכן, מיינסטו איז אַ שפּיל אַזאַ?

ראַזי:

די וואָס ברעכן די פענצטער ווייסן אַ סך. זיי זענען דאָך קינדער, פון דער ערד נישט אויפגעוואַקסן.

שוירלי:

אַמאָל טוען קינדער וואָס גרויסע הייסן זיי.

ראַזי:

נו, אַז מ׳הייסט זיי? וועל איך צוליב דעם כאַפּן און אַנטלויפן?

שוירלי:

דו ווייסט נישט, ראַזי, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט! די פינצטערע כוחות בושעווען, זיי פאַרשפּרייטן האַס און שנאה, זיי רייצן איינעם אויפן צווייטן. און אין דער מהומה טוען זיי וואָס זיי ווילן...

ראַזי:

ביסט דאָך שוין באַלד ווי מייקס פלימעניק, ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז מ׳וועט אויפהערן עסן פלייש, וועט קומען די גאולה.

שוירלי:

כ׳ווייס נישט אויב נישט עסן פלייש וועט העלפן, אָבער אַז ס׳איז נישט זייער פריילעך — איז אַ זיכערע זאַך... זיי האָבן פאַראורטיילט היטלערן פאַר די זעלבע שיינע מעשים וואָס זיי אַליין טוען דאָ... ס׳איז זייער נישט גוט... (פּויזע) כ׳גיי זיך פּאַקן...

ראַזי:

דו דאַרפסט אין ערגעץ נישט גיין, קאָנסט זיין דאָ.

שוירלי:

איצט, אַז מילטאָן איז דאָ, דאַרף ער דאָך דאָס צימער.

ראַזי:

מיר וועלן זיך אַן עצה געבן. (פּויזע) אפשר וועט מילטאָן פאָרן צוריק... טאָמער נישט, ווייס איך נישט צו וואָס איך דאַרף לעבן אויף דער וועלט.

(פויזע) ווייסט נישט, שוירלי, ווי גליקלעך דו ביסט וואָס דו האָסט נישט קיין קינדער.

שוירלי:

מ׳האָט נחת פון זיי, מ׳האָט צרות פון זיי. אָן זיי איז אָבער אַ פּוסט לעבן.

ראָזי

(נאָך אַ פּויזע):

טשאַרלין האָסטו עפּעס דערציילט פון מיינע צרות?

שוירלי:

יאָ.

ראָזי:

וואָס זאָגט ער צו מיין אומגליק?

שוירלי:

ער איז נישט פון די וואָס זענען גרינג אויפן וואָרט.

ראָזי:

אויף דעם אומגליק מיט מילטאָנען האָב איך זיך גאָרנישט געריכט. (פויזע) איך האָב זיך דאָך געקליבן גיין הערן טשאַרלין אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. איצט ווייס איך נישט...

שוירלי:

ביסט דאָך קעגן זיין רעדן, וואָס דאַרפסטו אים הערן?

ראָזי:

אָבער איך בין דאָך נישט קעגן אים... דו ווייסט נישט ווי מיין האַרץ גייט מיר אויס נאָך אים... כ׳וויל זען ווי ער זעט אויס... מיר דוכט זיך, אַז איך וועל אים זען, וועל איך קריגן כוחות אַריבערצוטראָגן מיין אומגליק. איך בין זיכער, אַז ער וויל מיך אויך זען. פרעג אים, אַדרבה, וועסטו הערן וואָס ער וועט דיר זאָגן.

מייק

(באַווייזט זיך רעכטס):

מילטאָן איז שוין אויפגעשטאַנען?

ראָזי

(פאַרדעכטיקט, אַז ער האָט זיך אונטערגעהערט):

וואָס גייסטו מיר נאָך ווי אַ שאָטן.

מייק

(אונטערטעניק):

אפשר זאָל מען אים אויפוועקן?

ראָזי:

אַז ער וועט אויפשטיין, וועט זיין בעסער? (פּלוצלינג) גיי, גיי אין סטאָר! זיך געמאַכט אַ מאָדע, לאָזט איבער די סטאָר אויף הפקר!

מייק:

מיינסט, אַז איך קאָן דאָרטן איינשטיין? מיין מוח הייבט זיך מיר!

ראָזי

(צו שוירלין):

ווייסט וואָס מיין טעכטערל האָט אָפּגעטאָן? ער איז אַרויס אויף אַ מינוט פון סטאָר, האָט זי זיי אַלעמען אַריינגענומען אינעווייניק און געטיילט עסן אומזיסט!

מייק:

פון אַלץ מאַכסטו אַ וועזן... האָט זיי געגעבן אַ פּאָר סענדוויטשעס... דאָס פלייש וועט סיווי קאַליע ווערן... אַז מ'וועט עס אַרויסוואַרפן, וועט זיין בעסער?

ראָזי:

גיב זיי די שליסלען און זאָלן זיי זיין די באַלעבאַטים!

מייק:

מיינסט, אַז ס'איז אַ מאכל זיך אַרומדרייען אַ גאַנצן טאָג אין אַ רעדל? כ'ווייס נישט ווי ס'פּאָרדרייט זיך זיי נישט די קעפּ...

ראָזי:

זאָלן זיי גיין אַהיים!

מייק:

דער שטרייק איז איצט אין גאַנצן אַן איבעריקע זאַך.

ראָזי:

דו ווילסט דעם רעפּיודזשי? האַלט אים, איך וויל אים נישט! (צו שוירלין) אָט אַזוי ווי דו זעסט: איך זאָג טאָג — זאָגט ער נאַכט.

מייק:

ס'איז דאָך בעסער אידער מיר זאָלן אין גאַנצן רואינירט ווערן?

ראָזי:

איך האָב שוין נישט וואָס צו פאַרלירן.

מייק:

לאָמיר גאָר פרעגן שוירלין? איאָ, שוירלי, ס'וועט זיין געזינטער סעטלען דעם שטרייק?

שוירלי
(תמימותדיק):

וואָס ווייס איך? כ׳ווייס נאָר, אַז אַ שטרייק פּאַסט פאַר קאַפּיטאַליסטן, נישט פאַר אונדזערע מענטשן. דאָס איבעריקע טוט ווי איר פאַרשטייט. (אָפּ)

מייק:

פאָלג מיך, גיי צו אין דער יוניאָן און רעד זיך דורך מיט זיי. דערקלער זיי דעם גאַנצן ענין... אַז דו האָסט גאָרנישט צו דייווידן, צו זיין אַרבעט, נאָר דאָס, וואָס ער לאָזט גוירטרודן נישט צו רו... אַ ביסל יושר האָבן זיי דאָך... פאָלג מיך...

ראָזי:

כ׳האָב דיך שוין איין מאָל געפאָלגט און גערעדט מיט זיי דורכן טעלעפאָן, האָסטו דאָך געהערט וואָס זיי האָבן מיר געענטפערט.

מייק:

דו האָסט נישט גערעדט מיט אים, האָסט געשריען אויף אים... דער אין דער יוניאָן, פאַרשטייסטו מיך, איז נישט מייק, דיין מאַן. דאָרט העלפן נישט קיין קולות...

(ראָזי וויל אים ענטפערן, ווען אין טיר לינקס באַווייזט זיך מילטאָן, בלייבט זי מיט אָן אָפן מויל. מייק בלייבט פאַרגליווערט אין דער זעלבער פּאָזיציע וואָס ער האָט זיך געפונען בעת מילטאָן האָט זיך באַוויזן)

מילטאָן

(קומט צו מיט נישט זיכערע טריט, ציט די ביינער, זעצט זיך ביים טיש, קוקט פאַרדעכטיק אויף זיי):

פאַוואָס זענט איר אַנטשוויגן געוואָרן?

מייק:

דאָס האָבן מיר גערעדט וועגן שטרייק, איך זאָג, אַז מ׳דאַרף סעטלען...

מילטאָן:

און וואָס זאָגסטו, מאַמע?

ראָזי:

סיליע האָט דיך שוין דריי מאָל גערופן...

מילטאָן:

וואָס האָסטו איר געזאָגט?

ראָזי:

זי וועט דאָ באַלד זיין.

מילטאָן:

איך וויל זי נישט זען!

ראָזי:

פאַרוואָס?

מילטאָן:

כ'האָב קיין צייט נישט פאַר איר!

מייק

(ציט מיט די אַקסלען):

האָסט קיין צייט נישט? מיט וואָס ביסטו דאָס אַזוי שטאַרק פאַרנומען?

ראָזי

(צו מייקן):

וואָס האָסטו זיך געשטעלט אויסטענהן מיט אים? (צו מילטאָנען) נישט געננג וואָס דו ביסט געקומען אַהיים אין מיטן סימעסטער, מאַכסטו נאָך פוילע שטיק: דעם וועסטו יאָ זען, דעם וועסטו נישט זען...

מילטאָן:

מאַמע, דו דאַרפסט זיך אַוודאי נישט כעסן... יאָ, איך בין געקומען אין מיטן סימעסטער, אָבער אויב ס'וועט אַזוי אָנגיין, נעם איך די זאַכן און גיי...

מייק:

אויב די מאַמע רעדט אַזוי, איז עס, אָסור, פון נחת. גיי אַריין אין איר לאַגע. דו ווייסט נישט וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט זינט מיר האָבן דער־האַלטן דיין לעצטן בריוו. זי איז דאָך שוין געווען פאַרפאַקט, גרייט פאָרן צו דיר... האָט זיך אָנגעהויבן אַן עסק מיטן שטרייק... און אין מיטן ביסטו געקומען... ס'איז עפּעס אַ קלייניקייט?

מילטאָן:

איך בין נישט געקומען צוליב אַ קאַפּריז... ס'האָט געדויערט דריי יאָר ביז ס'איז געקומען צו דעם איבערברוך. (פויזע) היינט הייב איך אָן אַ נײַ לעבן...

ראָזי:

אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט סיליען?

מילטאָן:

ס'האָט צו טאָן מיט אייך אַלעמען. מיט דיר, (ווײַזט אָן אויף מייקן) מיט דיר, מיט סיליען — מיט אַלעמען!

ר אָ ז י :

אונדזער לעבן האָבן מיר דיר אַוועקגעגעבן, ביז איבערן קאָפּ אין חובות זענען מיר צוליב דיר אַריינגעקראָכן (מיט איראָניע) איצט האָט זיך אים פאַרוואָלט אַ ניי לעבן...

מ ײ ק :

די מאַמע איז גערעכט. האָסט עפּעס אויף די געדאַנקען — לאָמיר זיך אַוועקזעצן און זיך דורכרעדן...

מ י ל ט אָ ן :

וואָס ווילסטו רעדן ?

מ ײ ק :

א י ך זאָל רעדן ? דו האָסט גאָרנישט וואָס צו זאָגן ? ביסט געקומען פון דער העלער הויט אַהיים — און פאַרטיק, האָסט גאָרנישט וואָס צו זאָגן ?

מ י ל ט אָ ן :

איך האָב אייך געזאָגט פאַרוואָס איך בין געקומען...

מ ײ ק :

אָבער ס׳לייגט זיך מיר פּאָרט נישט אויפן שכל, אַז מ׳האָט דיך אַוועק־געשיקט פון מעדיקל־סקול, ווייל דו ביסט אַ ייד. ווינציק ידישע דאָקטוירים זענען דאָ ? ווו האָבן זיי זיך געלערנט ?

מ י ל ט אָ ן :

יעדער פון זיי האָט אַ מעשה צו דערציילן... איר מיינט, אַז כדי צו ווערן אַ דאָקטער, דאַרף מען בלויז אַריינגיין אין קאָלעדזש דורך איין טיר און דורך דער צווייטער קומט מען אַרויס אַ דאָקטער ? ס׳איז ווייט, ווייט נישט אַזוי. אמת, מ׳גייט דורך טירן, אָבער צווישן די טירן ליגט די גרעסטע יידישע טראַגעדיע. מ׳שטייט זיך אויס די ערגסטע באַליידיקונגען.

מ ײ ק :

וואָס האָבן די איבעריקע געטאָן ?

מ י ל ט אָ ן :

דאָס וואָס יידן טוען אַלע מאָל ! אַ טייל האָט זיך פאַרלייקנט, אַ פּאָר זענען געפאָרן מיט מיר אַהיים, די איבעריקע האָבן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז יידן דאַרפן ליידן...

ראָזי:

איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז נישט אַלע האָבן געכאַפּט האַק־פּאַק און אַוועק...

מילטאָן:

דו ווייסט ווער ס׳איז געבליבן? די וואָס האָבן געוווּסט ווער זיי זענען, די וועלכע מ׳האָט געלערנט זיך פאַרטיידיקן קעגן שונאים...

מייק:

ער האָט זיך איינגערעדט שונאים? ווו האָסטו שונאים?

מילטאָן:

יעדער קריסטלעכער סטודענט איז אונדז געווען אַ שונא!

מייק:

קריסטן האָבן אונדז, אפשר, נישט איבעריק ליב, אָבער שונאים, ווי דו זאָגסט, זענען זיי אונדז נישט. זעסטו, דאָס יאָ, ס׳זענען דאָ שלעכטע קריסטן און גוטע קריסטן, פּונקט ווי ביי אונדז יידן זענען דאָ שלעכטע און גוטע. איז אַ מענטש מיט שכל געפינט אויס ווער ס׳איז גוט און ווער ס׳איז שלעכט, און ווייסט ווי צו האַנדלען. ווי מיינסטו האָב איך אויסגעפונען? קיינער האָט מיך נישט געלערנט...

מילטאָן:

דיך האָט מען נישט געדאַרפט לערנען. האָסט געלעבט צווישן יידן. די אַטמאָספער איז געווען אַ יידישע, מ׳האָט דיך באַקאַנט געמאַכט מיט די גרויזאַמקייטן וואָס די קריסטלעכע וועלט איז באַגאַנגען קעגן אונדז, האָסטו געוווּסט ווי זיך צו היטן. ביסט געוואָרן פאַסיוו, קיין שכל האָט אין דעם נישט געשטעקט. אָבער איך? דאָס יידישקייט וואָס איר האָט מיר געוויזן דאָ אין שטוב?

מייק:

וואָס דאַרפסטו דאָ יידישקייט? אין יוראָפּ האָט מען דאָס געדאַרפט. (פּויזע) און לאָמיר דיר זאָגן: ווען זיי פירן זיך דאָרטן נישט אויף ווי יידן, וואָלט געווען אַ סך בעסער...

מילטאָן:

פאַרוואָס?

מייק

(פאַרלאָרן):

פאַרוואָס, פאַרוואָס, (זוכט ווערטער) זיי האָבן געטראָגן לאַנגע בערד,

האָט מען זיי געריסן די בערד. אָבער ווען זיי טראָגן נישט קיין בערד? (פויזע) דאָרטן האָט מען דאָך געקאָנט דערקענען אַ יידן צווישן טויזנט גויים... אָבער דאָ? ווער קאָן אויף מיר צי אויף דיר זאָגן, אַז מיר זענען יידן?

מילטאָן:

אָט האָבן זיי מיך דערקענט...

מייק

(אומגעדולדיק):

האָבן זיי דיך דערקענט, דו האָסט ביי קיינעם גאָרנישט געגנבעט!

מילטאָן:

אָבער ווען איר זאָלט וויסן ווי לעכערלעך איך האָב זיך געמאַכט ביז זיי האָבן מיך דערקענט. אין אָנהייב בין איך דאָך געווען אויף דער גוישער זייט! איך פלעג זיי דאָך העלפן אָפּלאַכן פון די יידישע סטודענטן! כ׳פלעג זיי רודפן, פּאַרפאָלגן פונקט ווי די קריסטן...

מייק:

דאָס, זעסטו, האָסטו נישט געדאַרפט טאָן.

מילטאָן:

פון וואַנען זאָל איך וויסן? איר זענט דאָך אַלע מאָל אַנטלאָפן פון יידן... איר האָט דאָך אויסגעמיטן אפילו אייערע קרובים, איר זענט דאָך געווען קעגן מיינע יידישע חברים...

ראָזי:

דאָס איז געווען פון דיין טובה וועגן.

מילטאָן:

אָבער זעט וואָס איר האָט געמאַכט פון מיר! אַ פאַרזעעניש, נישט קיין ייד און נישט קיין גוי...

מייק:

מ׳דאַרף נישט זיין קיין ייד, קיין גוי, אַ מענטש דאַרף מען זיין!

מילטאָן:

זיי ווילן דיך נישט אַלס מענטש, זיי ווילן דיך אַלס ייד! (פויזע) פון פרעהן ביז היטלערן האָט מען אונדז אומגעבראַכט אַלס יידן — נישט אַלס מענטשן.

מ ײ ק

(פאַרװוּנדערט):

פון װאַנען װײסטו דאָס אַלץ?

מ י ל ט אָ ן:

אויף די בלעטער פון אונדזער געשיכטע איז דאָס פאַרשריבן מיט בלוטיקע אותיות!

מ ײ ק:

מיר האָבן זיך פאַרחובט, פאַרמשכנט... זאָלסט שטודירן אויף דאָקטער. די ייִדישע געשיכטע װעט אויסקומען אָן דיר!

מ י ל ט אָ ן:

זײ האָבן מיך נישט געלאָזט שטודירן. זײ האָבן אָפּגעלאָכט פון מיר... פאַרפאָלגט! װי אַ גנב פלעג איך זיך דאַרפן אַרײַנגנבענען און אַרויסגנבענען פון קלאַס צו קלאַס... (פויזע) אַז איך בין אַ ייִד, האָב איך שוין געװוּסט, נאָר פאַרװאָס זײ טוען דאָס — האָב איך נישט געװוּסט... האָב איך געזוכט דעם ענטפער אין אונדזער געשיכטע...

מ ײ ק:

װאָס האָסטו אויסגעפונען?

מ י ל ט אָ ן:

איך האָב אויסגעפונען, אַז נישט װיסנדיק בין איך דורכגעגאַנגען אַלע דערנידערונגען און פאַרפאָלגונגען פון אַלע דורות פאַר מיר... זיך געבעטן, זיך אַנטשולדיקט, איגנאָרירט, זיך געחנפעט... אַפילו פּאַיאַצעװעט... (פויזע) און אַז ס׳האָט נישט געהאָלפן, האָב איך באַשלאָסן...

מ ײ ק

(רײַסט איבער):

װאָס? (אַ קלאַפּ אין טיר)

ר אָ ז י

(גײט צו דער טיר):

אַרײַן! (סיליע קומט אַרײַן, ראָזי פאַרלױרן, װײַזט אָן אויף מילטאָנען)

ער איז נאָר װאָס אויפגעשטאַנען...

ס י ל י ע

(גײט צו װאַקלענדיק צו מילטאָנען):

כ׳האָב גערעדט מיט אונדזער לאָיער, ער נעמט זיך אונטער פירן די קײס...

ראָזי
(פאַרוווּנדערט):
וואָס לאָיער? וואָס קייס?

מילטאָן:
איך דאַרף נישט קיין לאָיער!

סיליע:
זיי קאָנען דיך אַריינזעצן אין פּריזן...

ראָזי
(דערשראָקן):
וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען?

סיליע:
אַ פייט!

ראָזי:
האָסט עמעצן דערהרגעט? מייק! וואָס זיצסטו מיט פאַרלייגטע הענט?

סיליע:
דער לאָיער וואַרט אויף אונדז...

מילטאָן:
כ׳דאַרף נישט קיין לאָיער!

סיליע:
ס׳איז זייער ערנסט...

מילטאָן:
ס׳איז נישט קיין ענין פאַר לאָיערס. ס׳איז נישט קיין פּראָצעס קעגן אים און מיר, ס׳איז אַ משפט קעגן זיי און אונדז, קעגן דער גאַנצער מענטשהייט! (פויזע) אין די טעקס־ביכער פון געזעץ רעדט זיך בלויז וועגן אַ שטראָף פאַר פיזישע ליידן, נישט פאַר גייסטיקע יסורים. וועט דיין לאָיער העלפן? און אַפילו 10 צי 100 לאָיערס וועלן עפּעס קאָנען אויפטאָן?

ראָזי:
וואָס ווייטער איך הער, פיל איך, אַז דאָס אומגליק ווערט גרעסער. סיליע, זאָג מיר דעם אמת, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען?

סיליע:
כ׳האָב איך געזאָגט: ער האָט זיך דאָרט צעשלאָגן מיט עמעצן...

ר אָ ז י :

דאַרף מען די לאַיערס? מאַלע וואָס מ׳צעשלאָגט זיך.

ס י ל י ע :

איינער געפינט זיך אין האָספּיטל.

ר אָ ז י :

וועמען ער האָט צעשלאָגן?

ס י ל י ע :

יאָ, און ער איז דעם פּרעזידענטס פון קאַלעדזש אַ זון...

ר אָ ז י

(רייסט זיך פאַר די האָר):

מ׳קאָן דאָך טאַקע משוגע ווערן! (פּויזע) האָסטו גראַד אים באַדאַרפט אויסקלייבן?

מ י ל ט אָ ן :

ער איז געווען דער פירער!

ר אָ ז י :

דאַרף מען ווערן אַזוי ווילד און אים אַזוי צעהרגענען? פון וואַנען נעמט זיך צו אים אַזאַ רציחה? גאַטעניו!

מ י ל ט אָ ן :

דריי יאָר האָט ער אונדז פאַרפאָלגט, באַליידיקט, טיראַניזירט.

ר אָ ז י :

וואָס מ׳האָט דיך אַרויסגעוואָרפן פון קאַלעדזש איז נאָך נישט גענוג? וועסט נאָך דאַרפן זיצן אין פּריזן אויך!

מ י ל ט אָ ן :

און אַז איך בין נישט אין פּריזן, בין איך דען פריי? איך קאָן דען טאָן וואָס איך וויל? אָט האָב איך זיך געוואָלט לערנען — האָב איך געקאָנט?

ר אָ ז י :

קיינער האָט דיך נישט געהייסן זיך שלאָגן! מיר שלאָגן זיך אַ סך?

מ י ל ט אָ ן :

ווען א י ר וואָלט זיך געשלאָגן, וואָלט א י ך זיך נישט געדאַרפט שלאָגן!

ר אָ ז י :

איך וועל פון אים נישט אויסהאַלטן!

סיליע:

וואָס איז דאָ צו רעדן וואָס ס׳איז געווען? לאָמיר רעדן וואָס ס׳וועט זיין...

מילטאָן:

איך האָב דיר געזאָגט וואָס ס׳וועט זיין. ס׳וועט זיין אַ משפּט, וועט די גאַנצע וועלט וויסן וואָס מיר שטייען אויס...

מייק

(גייט לאַנגזאַם צו צו מילטאָנען):

כ׳בין געזעסן, זיך צוגעהערט צו דיינע טענות. ס׳קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט... (מיט חוזק) „ס׳וועט זיין אַ משפּט און די גאַנצע וועלט וועט וויסן"... דו מיינסט, אַז זיי וויסן נישט? שטעל זיך פאָר: וועסט זיך אַוועקשטעלן און זאָגן „דער האָט דיך גערודפט. יענער האָט דיך גערודפט"... ווער ביסטו? ווער קען דיך? ווער ווייסט דיך? מען וועט זיך דאָך אויסלאַכן פון דיר! זעסטו, ווען דו טוסט עס מיט שכל, מיט פאַרשטאַנד, מ׳ווערט פריער אַ דאָקטער, אַן אָנגעזעענער מענטש — דעמאָלט, אַז דו וועסט עפּעס זאָגן, וועט מען זיך צוהערן צו דיר, אָבער איצט?

מילטאָן:

וויניק גרויסע מענטשן, אָנגעזעענע מענטשן — דאָקטוירים, פילאָזאָפן, קינסטלער — האָבן זיך געבעטן געטענהט, געחנפעט, געקראָכן אויף אַלע פיר? האָט עפּעס געהאָלפן?

מייק

(מעשה זיגער):

אַז זיי האָבן נישט געהאָלפן, וועסטו העלפן?

מילטאָן:

איין וועג איז דאָ: פאָדערן, אַלע זאָלן פאָדערן!

מייק:

ווער אַלע?

מילטאָן:

דו, די מאַמע, גוירטרוד, סיליע, די יידן פון בלאָק, די יידן פון שטאָט, די יידן פון דער גאַנצער וועלט!

מייק:

ווילסט מאַכן אַ רעוואָלוציע?

מילטאָן:

רוף עס ווי דו ווילסט. איין זאַך איז זיכער: די וועלט קומט אונדז אַ גרויסן חוב.

סיליע:

נעם, פאָר אין פּאַלעסטיין — און פּאַרטיק!

מילטאָן:

דאָרט, אין ישראל, דאַרף מען דאָס נישט. דאָ דאַרפן מיר עס!

סיליע

(נעמט זיך אָן מיט מוט):

הער מיך אויס, מילטאָן. איין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז ס׳איז אמת וואָס דו האָסט מיר געשריבן: אַז מ׳פאַרפאַלגט דיך, אַז מ׳לאָזט דיך נישט שטודירן. איצט זע איך, אַז דו האָסט זיך אַריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ.

מילטאָן:

די מאַמע טענהט, אַז ס׳איז אַ משוגעת, און דו אויך... מילא, די מאַמע איז פון אַן אַנדער דור. אַ דור וואָס איז געבוירן געוואָרן אין שרעק און דערצויגן געוואָרן אין מורא... אָבער דו? ווי קאָנסטו זיך אַריינפּאַסן אין גרענעצן ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן אין אַ פריי לאַנד און דערצויגן געוואָרן גלייך מיט אַלעמען?

סיליע:

כ׳ווייס נאָר איין זאַך: ס׳איז דיר פאַרבליבן בלויז איין יאָר צו דער־גרייכן דיין ציל. פאַרנעמסטו זיך מיט ד י זאַכן. איז דאָס נישט קיין משוגעת? (פויזע) פאַרגעס נישט, דו ביסט נישט אַליין, מיין לעבן איז אין דעם אויך פאַרמישט. שוין דריי יאָר, אַז איך מאַך פּלענער... (מיט געבעט) מילטאָן, טייערער, קום, לאָמיר צוגיין צום לאָיער, ער וועט אַלץ אויסגלייכן...

מילטאָן:

איך קאָן דאָס אַליין אויסגלייכן... כ׳דאַרף בלויז זיך אַנטשולדיקן, זאָגן, אַז איך בין געווען שיכור, צי נישט ביים זינען... וואַרפן זיי אַרויס די אָנקלאַגע.

ראָזי

(דערפרייט):

טאַקע? האָסטו דאָך עס גלייך געקאָנט זאָגן... וואָס קלאַפּט מען די

צינגער אין דער וועלט אַריין? סיליע, גיי אַהיים, ער וועט זיך שוין אָנטשולדיקן...

מילטאָן:

האָסט אַ טעות, מאַמע. כ׳וועל זיך נישט אַנטשולדיקן!

ראָזי:

פאַרוואָס נישט? אויב דאָס איז אַלץ וואָס זיי ווילן...

מילטאָן:

ווייל זיך אַנטשולדיקן, הייסט זיך פאַרלייקענען, זאָגן ליגן! איך האָב יאָ געוווּסט וואָס איך טו. נאָך מער, כ׳האָב זיך באַנוצט מיט מיין גאַנצן וויסן וועגן אַנאַטאָמיע און אים דערלאַנגט דאָרט ווו ס׳וועט אים מער ווי טאָן... און איך בין שטאָלץ מיט דעם!

ראָזי

(צו מייקן):

פון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיר אַזאַ גזלן! אַזאַ רוצח!

מילטאָן:

דו ווייסט נישט וויפל ער איז אונדז דערגאַנגען די יאָרן, וויפל ער האָט אונדזער בלוט פאַרזאָפּט... ער האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע חברה און מ׳האָט אונדז געהאַלטן געפאַנגען. פלעגט קומען דער אָוונט, איז מען נישט געווען זיכער מיטן לעבן אַרויסצוגיין אין דרויסן. האָב איך זיי באַוויזן, אַז מיר זענען נישט אַזוי שרעקעוודיק. אַז דאָס וואָס מיר יידן אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך אויס, איז בלויז אַ לעגענדע...

סיליע:

האָט עס דיך געקאָסט דעם טיטל דאָקטער...

מילטאָן:

וואָס פאַראַ ווערט האָט מיין טיטל קעגן דעם שטאָלץ פון מיין פאָלק?

סיליע

(אומגעדולדיק, מיט טרערן אין קול):

אַלץ וואָס איך הער, איז: פאָלק, פאָלק! מיך גייט קיינער נישט אָן, בלויז דו און איך!

מילטאָן:

וואָס זשע ביסטו געקומען אַהער?

סיליע:

ווייל איך האָב דיך ליב... (פּויזע) קום צום לאָיער.

מילטאָן:

כ׳האָב דיר נאָך אין דער פרי געזאָגט וואָס מיין באַשלוס איז! (סיליע ווײנט זיך פונאַנדער, גייט האַסטיק אַרויס)

ראָזי

(צו מילטאָנען):

רוף איר צוריק!

מילטאָן:

ווען זי פאַרשטייט מיך, וואָלט זי נישט אַוועק.

ראָזי:

אַ נייער אומגליק! זי פאַרשטייט אים נישט, מיר פאַרשטייען אים נישט, ווער פאַרשטייט דיך יאָ?

מילטאָן:

איר ווילט מיך דען פאַרשטיין? (פויזע) ס׳פירט זיך: אויב קינדער האַלטן זיך ביי זייער שטאַם, פאַרטיידיקן דעם כבוד פון זייער פאָלק, איז דאָס אַ נחת פאַר עלטערן. ביי אייך איז פאַרקערט, איר קאָנט מיר נישט מוחל זיין דערפאַר...

מייק:

מיר זענען דאָך געבליבן ווי אויפן וואַסער. דו האָסט אונדז אָפּגעקאָסט אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, מיר האָבן זיך פאַרמשכנט איבערן קאָפּ, זאָלסט זיין אַ דאָקטער.

מילטאָן:

מיר האָבן שוין גענוג דאָקטוירים. מיר דאַרפן יידן מיט מוסקולן, פויסטן, מ׳זאָל זיך קאָנען קעגנשטעלן...

מייק:

קאָן זיין, אַז מ׳דאַרף טאַקע, אָבער דו האָסט אַלץ נישט געהאַט קיין רעכט נעמען אויף זיך אַליין. פריער קומט מען און מ׳רעדט זיך דורך...

מילטאָן:

נישט איין מאָל האָב איך געוואָלט רעדן מיט אייך, אָבער דאָ אין שטוב איז דאָך אַנגעגאַנגען אַ שטענדיקע מלחמה. אָדער איר האָט זיך געקריגט, אָדער איר זענט אַרומגעגאַנגען ברוגזע, אומצופרידענע. (פויזע) אין קאַלעדזש האָב איך זיך געלערנט די חכמה און וויסן פון דער וועלט, אָבער ס׳איז דאָ נאָך אַ לערע וואָס עלטערן דאַרפן לערנען זייערע קינדער. יעדעס באַשעפעניש טוט עס, האָט איר עס געטאָן? איצט מאַכט איר מיך פאַר משוגע! (גייט האַסטיק אַרויס)

מײק:

(קוקט אים נאָך):

מײנסט ער איז נישט גערעכט?

ראָזי:

נו, אַוודאי, גיב אים גערעכט!

מײק:

כ'מײן, מיר האָבן זיך דאָך טאַקע שטענדיק געקריגט, שטענדיק מלחמה געהאַלטן.

ראָזי:

איז דאָס מײן שולד,

מײק:

מײנע — אַוודאי נישט...

ראָזי:

ביסט אַ צדיק אין פּעלץ!

מײק:

טשאַרלי האָט רואינירט נישט נאָר אונדזער לעבן, דאָס לעבן פון אונדזערע קינדער אויך.

ראָזי:

איך האָב אָבער געוווּסט, אַז ער וועט דאָס זאָגן... דו לאָז טשאַרלין צו רו! וואָס עפּעס — איז גלײך טשאַרלי. אַז ער איז אַ לא־יוצלח אַ טויגע־ניכטס, וואַרפט ער די שולד אויף טשאַרלין, גײ אין סטאָר, גײ!

מײק:

איך וועל אין סטאָר נישט גײן ביז מיר וועלן נישט קומען צו קײן טאָלק.

ראָזי:

וואָס האָסטו זיך אַרײנגענומען אין קאָפּ?

מײק:

ראָזי, אַ גרויס אומגליק האָט אונדז געטראָפן! אונדזער הויז ברענט פון אַלע זײטן! מיר מוזן ראַטעווען וויפל מיר קאָנען!

ראָזי:

וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט דרשנען? וואָס ווילסטו?

מײק:

איך וויל דו זאָלסט אײנזען דעם טעות וואָס דו האָסט געמאַכט אַלע

יאָרן. זאָלסט פאַרגעסן די נאַרישקייטן און ווערן אַ מענטש. (פויזע) האָסט אָפּגעחלומט אַ לעבן, האָסט פאַרנאַכלעסיקט די קינדער, זיך, מיך. איז ווען דאָס וואָלט אויסגעגאַנגען צו אונדז בײדן, וואָלט מיך נישט געאַרט. מיר האָבן שוין אָפּגעלעבט אונדזער לעבן, מיר גייען שוין באַרג אַראָפּ. אָבער די קינדער?

ראָזי:

וואָס — קינדער?

מייק:

זע, וואָס דו האָסט פון זײ געמאַכט?

ראָזי:

דו דראַפּעסט זיך אויף גלײַכע ווענט. אַז יענער האָט זיך צעשלאָגן מיט עמעצן, וואַרפט ער די שולד אויף מיר. גיכער האָט ער עס געירשנט פון דיר. דו ביסט אַ רוצח, אַ גזלן!

מייק:

הלוואי וואָלט איך געווען דאָס וואָס דו זאָגסט און דיך גענומען אין מיינע הענט מיט 25 יאָר צוריק...

ראָזי:

ס'איז דיר נאָך ווייניק? האָסט מיך נישט גענוג אומגליקלעך געמאַכט, וואָס?

מייק:

ווען איך מאַך אַ סוף פון טשאַרלין וואָלטן די קינדער געהאַט אַ היים.

ראָזי

(שולדיק):

נאָך איין וואָרט פון דיר — און איך וועל אַנטלויפן ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן.

מייק:

זי וועט לויפן... וווּהין וועסטו לויפן? (פויזע) האָסט געוואָלט טשאַרלין? גייט מען צו טשאַרלין און מ'מאַכט נישט אַזאַ גיהנום אין שטוב.

ראָזי:

וואָס ווילסטו פון מיר? אויב האָבן טענות — דאַרף איך, נישט דו! איך האָב אָפּגעפּינצטערט אַ לעבן, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט שיטן זאַלץ אויף מיינע ווּנדן!

מייק

(מיט חרטה):

כ׳מיין, אָסור, דיר ווי טאָן, אָבער ס׳דאַרף דאָך האָבן אַ שיעור... מ׳חולמט אַ יאָר, צוויי, דריי... אָבער נישט אַ לעבן לאַנג... (פלוצלינג) **איך בין זיכער, אַז ער טראַכט גאָרנישט פון דיר...**

ראָזי:

דו ווייסט אַ סך וואָס ער טראַכט... (וויינט)

מייק:

טראַכט ער יאָ, טראַכט ער נישט... אָבער נעם זיך אין די הענט! ס׳איז קיינמאָל נישט צו שפּעט. (לאָזט זיך גיין) **און הער אויף וויינען!** (אָפּ)

ראָזי

(כליפּעט אין דער שטיל. אַ קלאַפּ אין טיר. זי קוקט פאַרדעכטיק צו דער טיר. ווידער אַ קלאַפּ, זי גייט צו דער טיר, ווישנדיק די אויגן):

קאָמין!

(ס׳קומט אַריין אַ מאַן. ער בלייבט שטיין ביי דער שוועל, אַ מאָמענט דערקענט זי אים נישט. פּלוצלינג שרייט זי אויס)

טשאַרלי!

טשאַרלי

(ווי ס׳ווייזט אויס האָט ער זי נאָך אַלץ נישט דערקענט. ער איז אין אַ פאַרלעגנהייט):

ראָזי?

ראָזי

(אויפגעלייגט, ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך):

יאָ, טשאַרלי, ס׳איז ראָזי...

טשאַרלי:

האָסט זיך זייער געביטן...

ראָזי:

25 יאָר איז נישט קיין טאָג... (פאַרלאָרן) **וואָס שטייסטו ביי דער טיר? קום אַריין!**

טשאַרלי

(גייט איר נאָך אַ הילפלאָזער, באַטראַכט דאָס צימער, ביים טיש באַטראַכט ער זי ווידער):

ווען כ׳טרעף דיך אין גאַס, וואָלט איך דיך זיכער נישט דערקענט...

ראָזי:

איך האָב דיך גלייך דערקענט... זעץ זיך...

טשאַרלי

(זעצט זיך, אים איז אַלץ אומבאַקוועם):

ווו איז מייק?

ראָזי

(ווייזט אָן):

אונטן.

טשאַרלי:

זאָל ער אַרויפקומען.

ראָזי

(פאַרלאָרן, שטאַמלט):

ניין... ניין... ער דאַרף... ער דאַרף זיין אונטן...

טשאַרלי:

איך בין געקומען אייך ביידן זען... (פויזע) דאָס שטרייקט מען ביי דיר?

ראָזי:

נו, יאָ, ווי געפעלט דיר אַזאַ אומגליק?

טשאַרלי:

ביי דיר דאַרף מען נישט שטרייקן, דו דאַרפסט אַלץ נאָכגעבן.

ראָזי:

דו ווייסט דאָך נישט פאַרוואָס זיי שטרייקן.

טשאַרלי:

וואָס זיי ווילן דאַרפסטו זיי נאָכגעבן... זיי זענען אַלע מאָל גערעכט.

ראָזי

(מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל):

דער זעלבער טשאַרלי, האָסט זיך אויף אַ האָר נישט געביטן...

טשאַרלי:

וויפל מ׳זאָל זיי נישט נאָכגעבן בלייבן זיי אַלץ אַרבעטער.

ראָזי:

לאָמיר רעדן פון עפּעס אַנדערש.

טשאַרלי:

דאָס איז זייער וויכטיק.

ראָזי:

ביסט דאָך מיר נישט געקומען אויפוואַרפן פאַרוואָס מ׳שטרייקט ביי מיר?

טשאַרלי:

ניין, נאָר ווען איך ווייס, אַז מ׳שטרייקט ביי דיר, וואָלט איך נישט געקומען.

ראָזי:

כ׳האָב אַריינגענומען אַ רעפּיודזשי, האָט ער זיך פאַרליבט אין מיין טאָכטער און איך וויל אים נישט. קומט מיר עפּעס?

טשאַרלי:

דאָס וואָס ער האָט זיך פאַרליבט אין דיין טאָכטער גיט דיר נישט קיין רעכט אים אַוועקצושיקן.

ראָזי

(נאָך אַ פּויזע):

דערצייל מיר בעסער וואָס דו מאַכסט, ווי דו לעבסט...

טשאַרלי:

מיין לעבן איז אַן אָפּן בוך פאַר אַלעמען. וואָס איך טו, וואָס איך זאָג, וווּ איך גיי — צעשמירן זיי גלייך אין די צייטונגען... פאַר די לעצטע 6 חדשים, ווייסטו דאָך, האָבן זיי מיך געהאַלטן הינטער גראַטעס. וואָס מאָרגן וועט זיין — ווייס איך נישט... (פּויזע) און דו? וואָס מאַכסטו? ווי לעבט זיך דיר?

ראָזי:

נישט גוט, טשאַרלי, זייער נישט גוט...

טשאַרלי:

דאָס וואָס דער רעפּיודזשי האָט זיך פאַרליבט אין דיין טאָכטער?

ראָזי:

דאָס, זעסטו, איז פון די קליינע זאַכן. כ׳האָב אַ זון, מילטאָן, אַן עלטערער פון איר, שטודירט ער אויף דאָקטער. ער איז געווען דער בעסטער סטודענט דאָרטן, די פּראָפעסאָרן האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון אים. אין דער פרי, כ׳טו אַן עפן די טיר — ער איז דאָ! וואָס טוסטו דאָ, מילטאָן? מ׳וויל אים דאָרט נישט האַלטן. פאַרוואָס? ווייל ער איז אַ ייד!

טשאַרלי:

מיט יעדער רעאַקציע לעבט אויף דער אַנטיסעמיטיזם... שטעלסטו זיך אַנטקעגן — געפינט מען אויף דיר אַ חטא און מ׳שיקט דיך אַרויס פון לאַנד.

ראָזי:

דו ביסט דאָך אַ קאָמוניסט!

טשאַרלי:

דו געפעלסט זיי נישט, מאַכן זיי דיך פאַר אַ קאָמוניסט.

ראָזי:

צו וואָס דאַרפסטו דאָס אין גאַנצן? האָסט דאָך געקאָנט זיין אַ מענטש ווי מיר אַלע.

טשאַרלי:

דיר איז דען אַזוי גוט? דיר איז דאָך אויך נישט גוט... ס׳איז דען אַן אונטערשיד פאַרוואָס מ׳ליידט? צי ווייל מ׳איז אַ ייד, אָדער ווייל מ׳איז אַ קאָמוניסט?

ראָזי

(נאָך אַ פויזע):

מיר וואָלט נישט געווען אַזוי שלעכט ווען כ׳לעב אָן אַנדער לעבן...

טשאַרלי:

וואָס פאַראַ אַנדער לעבן ווילסטו?

ראָזי:

דו ווייסט, אַז איך האָב מייקן קיינמאָל נישט ליב געהאַט...

טשאַרלי:

איך ווייס נישט... טאָ וואָס זשע האָסטו חתונה געהאַט מיט אים?

ראָזי:

איבער דיר!

טשאַרלי

(פאַרוווּנדערט):

איבער מיר? וואָס מיינסטו?

ראָזי:

דו געדענקסט, דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך צעקריגט?

טשאַרלי

(אַלץ פאַרוווּנדערט):

מיר האָבן זיך צעקריגט?

ראזי:

כ׳וויס נישט ווי היינט, אַמאָל ביסטו געווען זייער אַן איינגעשפּאַרטער, פלעגסט זיך עפּעס אַריינגעמען אין קאָפּ, האָסטו עס געמוזט דורכפירן... (פויזע) געדענקסט נאָך נישט? דו האָסט געוואָלט גיין צו אַ מיטינג און איך האָב געוואָלט גיין אין מווינג פּיקטשורס...

טשאַרלי:

בין איך אַוועק צו יענעם מיטינג?

ראזי:

יאָ... און איך בין אַוועק צו מייקן און געוואַרט דו זאָלסט קומען...

טשאַרלי:

בין איך געקומען?

ראזי:

ניין... און איך האָב חתונה געהאַט מיט מייקן... דערנאָך האָסטו געזאָגט, אַז דו האָסט נישט געוווסט ווו מייק האָט געוווינט...

טשאַרלי:

ס׳האָט געמוזט זיין אַן אַנדערע סיבה. איך האָב געוווסט ווו מייק האָט געוווינט. עד־היום ווינען דאָרטן די גאָלדשטיינס, דו דאַרפסט זיי געדענקען. מייק האָט געוווינט אויבן און זיי אונטן...

ראזי

(פאַרשעמט):

פאַרוואָס זשע ביסטו טאַקע נישט געקומען?

טשאַרלי:

פאַרוואָס געדענק איך שוין נישט. מסתמא האָב איך איינגעזען, אַז אויב איך וועל חתונה האָבן מיט דיר, וועל איך דאַרפן גיין אין מווינג פּיקטשורס אַנשטאָט אויף מיטינגען. און מיטינגען זענען געווען פאַר מיר זייער וויכטיק...

ראזי

(פלוצלינג):

האָסט מיך קיינמאָל נישט ליב געהאַט?

טשאַרלי:

ווי קאָן מען געדענקען וואָס ס׳איז געשען מיט 25 יאָר צוריק.

ראזי:

פאַרוואָס געדענק איך?

טשאַרלי:

מסתמא האָסטו אַ בעסערן זכרון פאַר מיר... (פויזע) פאַרגעס נישט אַז איך האָב געלעבט אַן אַנדער לעבן ווי דו. אַלע טאָג נייע פּראָבלעמען, אַ גאַנצע וועלט איז דאָך געשטאַנען אין קאָן...

ראָזי:

און איך האָב געמיינט, אַז דו טראַכסט פון מיר די גאַנצע צייט...

טשאַרלי:

ווען שוירלי האָט מיר געזאָגט וועגן דיר, האָב איך אין אָנהייב נישט געוווסט וועגן וועמען זי רעדט אַפילו.

ראָזי:

און איצט ווייסטו?

טשאַרלי:

איך געדענק עפּעס יאָ, אַזוי ווי דורך אַ טומאַן. אָבער פרעג מיך וואָס — געדענק איך נישט...

ראָזי:

פאַרוואָס ביסטו איצט געקומען?

טשאַרלי:

שוירלי האָט מיך געבעטן. זי האָט געזאָגט, אַז דו לעבסט דורך אַ גרויסע טראַגעדיע, און אַז איך וועל דיך זען, וועט עס דיר אַ ביסל פאַר־לייכטערן, בין איך געקומען. נאָך אַלעמען איז דאָך מיין גאַנצע אַרבעט צו פאַרלייכטערן דער מענטשהייט אירע צרות...

ראָזי

(פּלוצלינג, מיט טרערן):

אויב נאָר דו ביסט געקומען צוליב דעם — קאָנסטו גיין!

טשאַרלי

(הייבט זיך אויף, קוקט אויפן זייגערל):

כ׳האָב דאָ פאַרבראַכט סיוזוי מער צייט וויפל איך האָב גערעכנט... (ביי דער טיר) ווען שוירלי זאָגט מיר וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך, וואָלט איך, אָסור, געקומען אַהער... (ער גייט אַרויס, ראָזי קוקט צו דער טיר, צעוויינט זיך).

פאָרהאַנג

דריטער אַקט

(צווייטע סצענע)

אין דרויסן

אויף מאָרגן אין דער פרי. דער שטרייק איז אָפּגערופן, די גאַס איז ווידער פרידלעך, אָשר פאָרעט זיך אין און אַרום זיין געשעפט.

אויף דער באַנק רעכטס זיצט אַ פרוי און וואַרט אויפן באַז. פון לינקס קומט אַן איינער איילנדיק. ער איז נערוועז, קוקט אין דער ווייטקייט און שפּאַנט הין און צוריק, בלייבט שטיין נעבן דער פרוי.

מאַן:

ווי אָפט גייט דאָ דער באַז?

פרוי

(נישט קוקנדיק אין זיין ריכטונג):

ווען ער וויל...

מאַן

(נישט באַנעמענדיק):

וואָס מיינט איר?

פרוי:

וואָס זאָל איך מיינען? דאַרפן דאַרף ער גיין אַלע 20 מינוט, אָבער גיין גייט ער אַלע האַלבע שעה, אַלע דריי פערטל שעה — ווען ער וויל... (מאַן קוקט אויפן זייגער) **די סאָבוויי וועט אייך ברענגען אַ סך שנעלער אַהין...**

מאַן

(פאַרוואונדערט):

וווהין?

פרוי:

איך ווייס וווהין? וווהין איר דאַרפט... (פויזע) **צום דאָקטער מסתמא.**

מאַן

(ווי ער וואָלט געפילט ווי עפּעס ביי אים גיט אַרויס דעם סוד, פאַר־ווונדערט):

צום דאָקטער? פון וואַנען ווייסט איר?

פרוי

(שמייכלט):

צו דער אַרבעט גייט מען איצט נישט, בלייך און נערוועז זענט איר, גייט איר דאָך צום דאָקטער מסתמא... (פויזע) אַ יידישער דאָקטער?

מאַן

(אומהיימלעך):

יאָ. וואָסי?

פרוי:

גאָרנישט, גאָרנישט. (פויזע) **איך וויל בלויז וויסן אויב אין די אָפיסעס פון די גויישע דאָקטוירים וואַרט מען אויך אַזוי לאַנג ווי ביי די יידישע?**

מאַן:

אויב אַ דאָקטער האָט אַ סך פּאַציענטן דאַרף מען וואַרטן...

פרוי:

אויב מ׳דאַרף סיוויי וואַרטן, פאַרוואָס דאַרף מען מאַכן אַפּאָינטמענטס וואָכן אויף פאָרויס? (פויזע) **וואָס איז איך?** (ער קוקט איר אָן פאַרוווּנ־דערט) **כ׳מיין אויף וואָס ליידט איר?**

מאַן:

(מאַכנדיק צו קליינגעלט):

מ׳ווייסט נאָכנישט...

פרוי:

אַן עקס־רעי האָט איר גענומען?

מאַן

(אין זעלבן טאָן):

גענומען.

פרוי:

נו?

(מייק קומט אָן פון לינקס, גייט אַריין אין זיין געשעפט)

מאַן:

וואָס, נו?

פרוי:

וואָס האָט זי געוויזן?

מאַן:

ווער?

פרוי:

די עקס־רעי.

מאַן:

זי האָט גאָרנישט געוויזן.

פרוי

(באַדויערט):

דאָס איז נישט אַזאַ גוטער סימן...

מאַן

(פלוצלינג פאַראינטערעסירט):

וואָס מיינט איר?

פרוי:

מיט מיין מאַן איז געווען פונקט דאָס זעלבע.

מאַן:

וואָס דאָס זעלבע?

פרוי:

די עקס־רעיס האָבן גאָרנישט געוויזן און ער איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג...

מאַן

(גייט צו נענטער):

נו?

פרוי:

נו, גאָרנישט. ווען ער איז געשטאָרבן האָט מען אים געעפנט.

מאַן

(אומגעדולדיק):

וואָס האָט מען אויסגעפונען?

פרוי:

כ'ווייס וואָס זיי האָבן דאָרט אויסגעפונען? אַז ער איז שוין געווען טויט — וואָס איז דער אונטערשיד וואָס זיי האָבן דאָרט אויסגעפונען?

מאַן

(אויסער זיך, קוים וואָס ער באַהערשט זיך):

אַ שיינעם דאַנק אייך, מיסעס... איר האָט מיר אַ נייע נשמה אַריינגעגעבן... (פויזע) ווי ווייט, זאָגט איר, איז די סאָבווי פון דאַנען?

פרוי:

8טער בלאָק... (מאַן אָפּ שנעל, זי שרייט אים נאָך) מיסטער, מיסטער! וואָס לויפט איר? אָט קומט דאָך אַ באַז! (קוועטשט מיט די אַקסלען) אַזאַ משוגענער! (פרוי אָפּ אין הינטערגרונט, ס'הערט זיך אַ טומל פון אַן אָפּגייענדיקן באַז)

מייק

(באַווייזט זיך אין זיין טיר, קוקט זיך אַרום, גייט צו צו אָשרן):

האָסט אפשר געזען ראָזין?

אָשר:

יאָ, זי איז דאָ נישט לאַנג געווען. זי איז דוכט זיך אַוועק אין דער זייט. (ווייזט אָן אויף רעכטס. פויזע) דיין ראָזי איז אַ נייער מענטש געוואָרן, זי האָט זיך אין גאַנצן געביטן.

מייק

(דערשראָקן):

דו האָסט דאָס אויך באַמערקט?

אָשר:

אַוודאי, ס'וואַרפט זיך אין די אויגן.

מייק:

וואָס מיינסטו?

אָשר:

געדענקסט, אַז כ'פלעג צו איר קיין וואָרט נישט קאָנען אויסרעדן. זי פלעגט מיך אָפּזידלען ווי גרויס איך בין. פריער איז זי אַליין צוגעקומען — איך האָב זי נישט גערופן — און זאָגט: האַלאָ, אָשר! (פויזע) איך האָב מיינע אויגן נישט געגלייבט. דערנאָך איז זי אַריין אינעווייניק, אין סטאָר, און אַלץ באַטראַכט, אַפילו מיר געגעבן עצות וואָס צו טאָן...

מייק:

כ'האָב מורא אַז זי פילט זיך נישט גוט...

אָשר:

האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן. אַדרבה, ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס

איך האָב אין איר דערזען אַ געזונטן, מענטשלעכן שטריך. איך מיין אַז מיין פּראָפּאַגאַנדע הייבט שוין אָן שלאָגן וואָרצלען. זי איז דאָך שוין כמעט איינגעגאַנגען צו ווערן אַ וועגעטאַריער...

מ ײ ק

(באַאומרואיקט):

ס׳איז נאָך ערגער ווי איך האָב געדענקט...

אָ ש ר:

הלוואי וואָלסטו זיך צוגעהערט צו מיר... איר קעגנערשאַפט צום וועגעטאַריזם איז בלויז פון פּרויען שטאַנדפּונקט. ס׳איז זיי, זאָג זי, אַזוי איך שווער אויסצוקלערן וואָס צו קאָכן דריי מאָל אַ טאָג, בפרט נאָך אָן פליייש... זי איז שוין אָבער כמעט ווי איינגעגאַנגען. נאָר ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז קיין פיש און עופות אויך נישט — האָט זי געזאָגט, אַז איך וועל דאָס ביי די ווייבער קיינמאָל נישט אויספירן... (פּויזע) וואָס הער איך? מילטאָן האָט אויפגעהערט שטודירן אויף דאָקטאָר?

מ ײ ק:

מ׳ווייס נאָך נישט.

אָ ש ר:

אויב דו ביסט אַ געטרייער טאַטע, וואָלסטו אים שוין פון לאַנג געדאַרפט אָפּרעדן דערפון.

מ ײ ק:

ביסט משוגע? צי חסר דעה?

אָ ש ר:

אַזוי שנעל ווי מיין דיעט וועט אָנגענומען ווערן, וועט זיין אויס דאָקטוירים! און נישט נאָר דאָס — אַלע זאָרגן פון דער וועלט וועלן פאַרשווינדן! איצט איז די מענטשהייט איין גרויסער מערדער. אַלץ וואָס זי טראַכט איז — ווי צו מאָרדן איינער דעם צווייטן. ווייל אין זייערע אָדערן פליסט סם. דערפאַר זעען זייערע אויגן בלויז בלוט. אָבער מיין דיעט וועט אויסרייניקן דעם סם פון זייער בלוט וועלן זיי דערזען שיינקייט, ליכטיקייט, פריינדלעכקייט, זייערע מוחות וועלן טראַכטן בלויז פון גוטסקייט, פון שלום, פון גערעכטיקייט, און...

(ראָזי קומט אַן פון לינקס. זי איז אומעטיק, זעצט זיך אויפן בענקל וואָס איז לעבן דעליקאַטעסן סטאָר. מייק לאָזט אים איבער, גייט צו צו איר, ווען אשר זעט, אַז מייק איז אַוועק, טוט ער אַ מאַך מיט די הענט, ווי

איינער רעדט: „ס'וועט שוין פון אים קיין לייט נישט זיין" און גייט אַריין צו זיך אין געשעפט).

מ ײ ק:

ווו ביסטו געווען? (ראָזי ציט מיט די אַקסלען) דאַרפסט זיך נעמען אין די הענט, ראָזי... אַז דו וועסט אַזוי אַרומגיין אין הינערפלעט וועט נישט טויגן... (פויזע) ווייסט אפשר ווו מילטאָן איז אַוועק? (זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין) איך דענק, אַז ער איז געגאַנגען צו סיליען. (פויזע) היינט האָט ער שוין גערעדט ווי אַ מענטש, ער האָט זיך שוין נישט געוואָרפן ווי נעכטן... ווען מ'לאָזט אים נעכטן צו רו, וואָלט צו דעם אַרגומענט אין גאַנצן נישט געקומען. וואָס שווייגסטו? פֿילסט זיך נישט גוט?

ר אָ ז י:

איך בין אָל־רייט...

מ ײ ק:

(פאַרלאָרן):

אַז דו שווייגסט, איז עפּעס נישט גלאַטיק... (פויזע) כ'האָב געהאַט אַ שמועס מיט דייווידן. ער איז גאָרנישט קיין פּראָסטער. ווייסט וואָס נאָך? צום געשעפט טויג ער זיך אויס... האָסט געזען סאַראַ טאָלק ער האָט געמאַכט אין סטאָר? ס'איז דאָך אַ פאַרגעניגן איצט אַריינצוגיין. פֿריער, אַז ס'זענען אַריין צווי מענטשן איז מען געשטאַנען איינער אויפן צווייטן, איצט איז דאָך דאָ פּלאַץ ווו זיך אַ ריר צו טאָן...

ר אָ ז י:

צו וואָס דערציילסטו דאָס מיר?

מ ײ ק:

ווייל זינט נעכטן גייסטו אַרום ווי עמעצער וואָלט דיר דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט. (פויזע) פאָלג מיך, ס'איז אַלץ צום גוטן...

ר אָ ז י

(פלוצלינג):

וואָס איז צום גוטן?

מ ײ ק:

אַלץ... וועסט זען, מילטאָן וועט בעסער ווערן. ער וועט נאָך ענדיקן מעדיקל סקול אויך... וועסט זען... און אין סטאָר וועלן מיר אויך נישט זיין אַזוי פאַרקויפט ווי ביז איצט. מיר'ן האָבן גענוג צייט צו גיין ווו מיר ווילן. ס'איז שוין צייט מיר זאָלן אויך זען די ליכטיקע וועלט. (פלוצלינג)

אָבער אַז דו וועסט אַרומגיין מיט דיין מרה־שחורה וועט נישט טויגן... נו ?

ראָזי:

וואָס ?

מייק:

זיך נישט אַזוי ! (פּויזע) נו, גוט ! אויב דו האָסט פאַרגעניגן פון שרייען אויף מיר, שריי, זידל מיך ! אָבער נישט אַזוי זיצן ווי דו זיצסט ! מ׳קאָן דאָך משוגע ווערן.

ראָזי:

וואָס ווילסטו פון מיר ?

מייק:

איך וויל דו זאָלסט זיך נעמען אין די הענט. נישקשה, דער הימל ליגט נאָך נישט אויף דער ערד. (פּויזע) כ׳בין געווען ביים סיינפּיינטער. ער האָט שוין אַלץ פאַרטיק, ער האָט געמאַכט אַלץ ווי דו האָסט געוואָלט. ער וועט דאָ באַלד זיין מיט דער סיין.

ראָזי:

וואָס דאַרפסטו איצט די סיין ?

מייק:

וואָס מיינסטו ? האָסט פאַרגעסן ? די סיין מיט אונזער נייעם נאָמען. איך פאַרשטיי דיך נישט. האָסט דאָך דאָס אַלע יאָרן געוואָלט.

ראָזי:

ביז נעכטן האָט מען עס געדאַרפט, היינט דאַרף מען דאָס נישט.

מייק

(אומבאַהאָלפן):

פאָלג מיך, גיי לייג זיך צו. ביסט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן.

ראָזי:

איך וויל דאָ זיצן און טראַכטן וועגן מיינע נאַרישע, פינצטערע יאָרן וואָס זענען אַוועק.

מייק

(נאָך אַ פּויזע):

טראַכטן איז גוט, אָבער נישט פון די יאָרן וואָס זענען אַוועק. זעסטו, טראַכטן פון די יאָרן וואָס דאַרפן ערשט קומען — איז עפּעס אַנדערש. (פּויזע) נאַרעלע, ביי קיינעם גייט נישט דאָס לעבן גלאַטיק. פון דעסטוועגן

לעבט מען און מ׳לאַכט. וועסט זען, מילטאָן וועט איינזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, און גוירטרוד אויך... ס׳איז דען די ערשטע ליבע וואָס זי פירט? און דו? האָסט דען חתונה געהאַט מיט יעדן איינציקן וואָס דו האָסט געפירט אַ ליבע? (פויזע) ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? כ׳גלייב נישט אויב טשאַרלי וואָלט מיט דיר אין גאַנצן חתונה געהאַט...

ראָזי

(פלוצלינג):

פון וואַנען ווייסטו, אַז נישט?

מייק:

כ׳שטעל זיך אַזוי פאָר... צווישן אונדז רעדנדיק, אויב ער איז געווען אַזוי פאַרליבט אין דיר, וואָלט ער דיר פאַר דער גאַנצער צייט כאָטש איין בריוו געשריבן, איין מאָל טעלעפאָנירט, איין מאָל געשיקט אַ גרוס... (פויזע) דאַרפסט זיין גליקלעך וואָס ס׳האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזן. וואָלסט נאָך אפשר אין גאַנצן פאַרבליבן אַן אַלטע מויד... (ראָזי נעמט זיך אָן מיט לופט אים ענטפערן, לינקס באַווייזט זיך שוירלי, מייק צו שוירלין) ווי קומט איר פון דער זייט?

שוירלי

(פאַרמאַטערט און אויפגערעגט):

איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען. איך בין אַרונטער מיט אַ סטאַציע פריער, איז שוין אַ שעה אַז איך בלאָנדזשע... (אָטעמט שווער) איר ווייסט נישט סאַראַ פרימאָרגן איך האָב געהאַט, מ׳האָט דאָך טשאַרלין ווידער אַרעסטירט!

ראָזי

(מיט שרעק און פאַרדאַכט):

פאַרוואָס?

שוירלי

ווייסט זיי דער טייוול! ערגעץ דאָ, אין די מקומות, האָט מען אים געכאַפּט און אַרעסטירט. וואָס ער האָט דאָ געטאָן, ווי ער קומט אַהער, הייבן מיר אָן, אָסור, צו וויסן.

מייק

(נאָך אַ פויזע, צו שוירלין):

אפשר איז ער געגאַנגען צו דיר?

שוירלי

ער האָט געוווּסט, אַז איך וועל אין דער היים נישט זיין.

מייק

(צו ראָזין):

אפשר איז ער געגאַנגען צו דיר?

ראָזי

(דערשראָקן):

וואָס האָט ער צו טאָן ביי מיר?

מייק

(צו שוירלין):

זענט איר זיכער, אַז ער איז געווען אין די מקומות?

שוירלי:

יאָ.

מייק:

ער טאָר נישט גיין ווו ער וויל?

שוירלי:

דער שוואַרץ יאָר ווייס זיי! די אַרמאָרי, די קאַזאַרמע, וואָס געפינט זיך דאָ עטלעכע בלאָק אַרונטער, זאָגן זיי, האָט ער שפּיאָנירט...

מייק:

דאָס איז זייער נישט גוט... כ'האָב מורא, אַז איצט וועט מען נאָכ־שפּיאָנירן אַלע זיינע פריינד, אייך אויך. אויב זיי וועלן אויסגעפינען, אַז איר ווינט דאָ, וועט מען זיך טשעפּען צו אונדז אויך...

שוירלי:

כ'האָב געטראַכט וועגן דעם, דאָס בין איך געקומען נאָך מיינע זאַכן.

ראָזי

(פּלוצלינג):

וואָס האָט ער צו טאָן אין דער אַרמאָרי?

שוירלי:

אַנישט איז ער דאָרטן געווען? ס'איז אַ בלבול! מען וועט אים מסתמא האַלטן אין פּריזן ביז איבער דעם מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, אָדער אים איצט אין גאַנצן אַרויסשיקן פון לאַנד, אַ קשיה אויף זיי! (פּויזע) איך גיי נעמען מיינע זאַכן... (אָפּ)

ראַזי

(נאָך אַ פּויזע):

אפשר זאָל איך זאָגן, אַז ער איז געגאַנגען צו מיר?

מייק

(פּלוצלינג):

ביסט משוגע? מער פעלט אונדז נישט!

ראַזי:

כ׳וועל זיי דערציילן, אַז איך קען אים פון אַמאָל.

מייק

(דערשראָקן):

ראָזי, דו שפּילסט זיך מיט פייער!

ראַזי:

מען וועט דאָך אים פאַרשיקן אויף זיין גאַנץ לעבן.

מייק:

רעכט אויף אים. זאָל ער נישט קריכן ווו מ׳דאַרף נישט!

ראַזי:

איך גיי זיך אַן עצה האַלטן מיט שוירלין. (אָפּ)

מייק

(איז גרייט איר נאָכגיין, אָבער ווען מילטאָן קומט אַן פון רעכטס, בלייבט ער שטיין און פרווט פאַרדעקן זיין אומרואיקייט. ער ווענדט זיך צו מילטאָנען מיט געצוווּנגענער פריילעכקייט):

נו, ווו ביסטו ערגעץ געווען?

מילטאָן:

זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן.

מייק:

ס׳איז אַ מורא, היינטיקע צייטן, זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן. טשאַרלי, אַט דער פון וועמען די מאַמע רעדט אַלע מאָל, ער האָט זיך אויך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן, האָט מען אים אַרעסטירט...

מילטאָן:

דאָ ווו איך בין געווען אַרעסטירט מען נישט.

מייק:

ווען ער איז נישט קיין קאָמוניסט, וואָלט מען אים אויך נישט אַרעסטירט. (פּויזע) איז ווו זשע ביסטו דאָס געווען?

מילטאָן:

אין שול.

מייק

(פאַרוואונדערט):

אין שול? ווי קומסטו אַהין?

מילטאָן:

כ׳בין די שול אַזוי פיל מאָל פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך געוואָלט זען וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק.

מייק:

וואָס איז דאָרטן צו זען? יידן שטייען און שאָקלען זיך. (פויזע) ווען דו גייסט צו סיליען וואָלט געווען אַ סך גלייכער.

מילטאָן:

דאָס בין איך טאַקע געגאַנגען צו סיליען, אָבער ווען איך בין געקומען צו דער שול, האָב איך ווייטער נישט געקאָנט גיין, כ׳האָב געפילט, אַז איך מוז אַריין.

מייק:

וואָס דיר קאָן איינפאַלן! (פויזע) האָט זיך געלוינט?

מילטאָן:

איך בין נישט געגאַנגען אַהין צוליב געשעפט. (פויזע) כ׳האָב זיך אַזוי־פיל אָנגעלייענט וועגן דעם, האָב איך געוואָלט זען ווי ס׳זעט אויס.

מייק:

נו, איז ווי זעט עס אויס?

מילטאָן:

אַ סך שענער ווי אין די ביכער. (פויזע) דאָרט, אין די ביכער, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ס׳איז אַ לעגענדע, אָבער אינעווייניק אין שול האָב איך דערפילט, אַז ס׳איז אַווירקלעכקייט. ווי איך בין אַריינגעקומען אין שול האָט מיך אַרומגענומען אַ מאָדנע הייליקייט. איך האָב דערפילט, אַז איך בין ערגעץ געקומען ווו איך האָב אַלע מאָל געוואָלט זיין. עפּעס אין מיר איז פאַרגאַנצט געוואָרן. די טליתים וואָס זיי האָבן געטראָגן, דער אומעטיקער ניגון פון זייער דאַווענען, האָט מיך אַוועק־געטראָגן טויזנטער יאָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט. איך האָב זיך דער־פילט אַזוי שטאָלץ וואָס כ׳האָב צעמזיקט די וואָס האָבן אָפּגעלאַכט פון מיר און פון זיי...

מייק:

ביסטו שוין צו סיליען נישט געגאַנגען?

מילטאָן:

ניין, פון דאָרטן האָב איך שוין צו סיליען נישט געקאָנט גיין... (פויזע) פאַרוואָס גייסטו קיינמאָל נישט אין שול?

מייק:

אין יוראָפּ בין איך געגאַנגען, אָבער דאָ? ווער האָט צייט דערצו? פאַרגעס נישט, אַז איך האָב געדאַרפט שטיין טאָג און נאַכט אין סטאָר, אַנישט וואָלטן מיר געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. מ׳קאָן נישט גיין אין שול און שיקן די קינדער אין קאָלעדזש.

מילטאָן:

און איידער איך בין געגאַנגען אין קאָלעדזש?

מייק:

זענען געווען אַנדערע זאַכן. אַז דו וועסט חתונה האָבן וועסטו זען.

מילטאָן

(נאָך אַ פויזע):

דערנאָך האָב איך גערעדט מיטן רב.

מייק

(פאַרוואונדערט):

וועגן וואָס האָסטו גערעדט מיט אים?

מילטאָן:

וועגן אַ סך זאַכן, וועגן מיר, וועגן דיר.

מייק:

וועגן מיר?

מילטאָן:

ער קען דיך.

מייק

(אומבאַקוועם):

ס׳הייבט זיך נישט אָן, כ׳האָב אים קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען!

מילטאָן:

אָבער ער ווייסט אַלץ וועגן דיר.

מייק

(דערשראָקן):

וואָס ווייסט ער?

מילטאָן:

אַז דו פאַרקויפסט טריפה פלייש.

מייק:

אים איז גוט צו רעדן! ער קריגט ווידזשעס און גיט עצות, ווען ער דאַרף פאַרדינען אַ דאָלער ווי איך, וואָלט ער אַזאַ חכם נישט געווען. (פלוצלינג) אַוודאי פאַרקויפן מיר טריפה פלייש. ס'איז אַ גוישע געגנט, וואָס האָט ער געוואָלט זאָל מען דאָ פאַרקויפן?

(פון לינקס קומט אָן דער סיינפּיינטער מיטן פּלאַקאַט און לייטער, מייק איז צופרידן מיט זיין קומען, גייט אים אַנטקעגן)

איר ווייסט אַלץ וואָס מ'דאַרף טאָן?

סיינפּיינטער:

יאָ.

(שטעלט אַוועק דעם לייטער, איז גרייט אויפצוהענגען „סלייטערס דעליקאַטעסן" איבער „קינג סאָלאָמאָנס דעליקאַטעסן")

מילטאָן

(באַטראַכט דעם פּלאַקאַט, צו מייקן):

וואָס איז דאָס?

מייק

(פאַרלאָרן):

אָ, דאָס? (ווייזט אויפן פּלאַקאַט) דאָס איז דאָך אונדזער נייער נאָמען און די סטאָר איז דאָך אויך אונדזערע, שטעלן מיר אַרויף אונדזער נייעם נאָמען אויף אונדזער סטאָר...

מילטאָן:

מיר הייסן מער נישט סאָלאָמאָן?

מייק:

ניין...

מילטאָן:

זינט ווען?

מייק:

זינט נעכטן, אייערנעכטן... וואָס איז דער אונטערשייד... איך האָב דיר געשריבן אַז מיר האָבן אָנגעגעבן צו בייטן דעם נאָמען, באַשר דו האָסט פאַרגעסן... נו, איז נעכטן אָנגעקומען אַ בריוו אַז ס'איז שוין געביטן...

מילטאָן:

פאַרוואָס האָט איר געביטן דעם נאָמען?

מייק

(אומבאַהאָלפן):

נישט אַנדערש, דו האָסט נישט געלייענט די בריוו וואָס איך האָב דיר געשריבן...

מילטאָן

(אונטערברעכט):

וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט די בריוו?

מייק:

אין די בריוו האָב איך דיר אַלץ געשריבן...

מילטאָן:

וואָס?

מייק:

ווען דו זעסט וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן, וואָלסטו מיך נישט געפרעגט די נאַרישע פראַגן... אַלע נאַכט פלעגן זיי פאַרשמירן די פענצטער און איך פלעג דאַרפן שטיין אַ האַלבן טאָג און וואַשן וואָס זיי האָבן פאַרשמירט...

מילטאָן:

בייט מען צוליב דעם אַ נאָמען?

מייק:

דאָס איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה, זיי האָבן געשמירט און איך האָב געוואַשן... דערנאָך איז זיי מיאוס געוואָרן צו פאַרשמירן, האָבן זיי אין גאַנצן צעבראָכן דאָס פענצטער, איין מאָל, אַ צווייט מאָל... וויפל איז דער שיעור? האָבן מיר באַשלאָסן צו בייטן דעם נאָמען, און פאַרטיק...

מילטאָן:

פון וואַנען ווייסטו אַז דער נאָמען איז שולדיק?

מייק:

זיי האָבן אָנגעשריבן אויפן פענצטער אַז זיי ווילן דאָ נישט קיין יידן...

מילטאָן:

פאַרוואָס האָסטו זיך נישט געשטעלט קעגן זיי?

מייק:

רעדסט ווי אַ קינד! ס'איז דאָך געפלויגן שטיינער ווי אין אַ מלחמה!

ווען ס׳טרעפט מיר אַ שטיין אין קאָפּ וואָלט געווען בעסער? (פּויזע) און אַ ביסל האָט עס צו טאָן מיט דיר אויך.

מילטאָן

(פאַרוואונדערט):

מיט מיר?

מייק:

פאַרשטייסט? ביז נעכטן איז דאָך ביי אונדז קיין פראַגע נישט געווען אַז דו וועסט ענדיקן אויף דאָקטער...

מילטאָן:

איז וואָס האָט עס צו טאָן מיטן נאָמען?...

מייק:

האָט די מאַמע געדענקט: אַז דאָקטער סאָלאָמאָן קלינגט נישט גוט...

מילטאָן

(פּלוצלינג):

ווו איז די מאַמע?

מייק:

לאָז איר צורו, זינט נעכטן איז געוואָרן פון איר אַ תל!

מילטאָן:

פאַרוואָס זאָלן זיי האָבן רעספּעקט פאַר אונדז? פאַרוואָס זאָלן זיי נישט ברעכן די פענצטער? מיר טאַנצן דאָך צום טאַקט פון זייער מוזיק! געפעלט נישט אימעצן פון זיי אונדזער נאָמען, בייטן מיר אים... ס׳ט זיי נישט געפעלן אונדזער נאָז, וועלן מיר זי אָפּשניידן... (לויפט צו צום מאַן) גיט מיר די מיין! (ער גיט עס אים, מילטאָן צערייסט עס)

מאַן:

זעט וואָס ער האָט געטאָן, מיסטער סלייטער!...

מילטאָן:

אויס סלייטער! ס׳איז צוריק סאָלאָמאָן! „קינג סאָלאָמאָנס דעליקאַטעסן״!!

(אין טיר באַווייזט זיך גוירטרוד, דייוויד און ראָזי).

פאָרהאַנג

דער לעצטער אקט

די דראַמע האָט דער מחבר נישט באַוויזן צו ענדיקן, ער איז פּלוצים געשטאָרבן.

באַטייליקטע לויטן סדר פון זייער אויפטריט:

דאָקטער האַלמאַן — פּסיכיאַטער
וויקטאָר פּאַרנעס — דראַמאַטורג
ביבי — זיין געליבטע

א מאַן בחור א פרוי מערי דיינאַ א רב איינער א צווייטער	>	פּערסאָנאַזשן פון וויקטאָרס פּיעסעס
דראַמאַטורג לענדלאָר קוילנמאַגנאַט ישיבה־בחור מיידל שדים פרויען־שטימען.	>	פאַרפּייניקטע אין גיהנום

ערשטער אַקט

אַ גראָ ליכט אין דעם רעכטן הינטערגרונט פון דער בינע אַנטפּלעקט אַ דעסק. הינטערן דעסק זיצט דאָקטער האַלמאַן. אויף דער זייט דעסק — אַ שטול; אין אַ ווינקל — אַ קאַנאַפּע.

דאָקטאָר האַלמאַן פאַרענדיקט מאַכן נאָטירונגען, הייבט אויף דאָס טעלעפאָן־טריבל, רעדט: שיקט אַריין מיסטער בראַון...

ער לייגט צוזאַמען די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן. דורכן הינטער־גרונט קומט אַריין אַ מאַן. דאָקטער ווייזט אים אָן אויפן שטול. מאַן זעצט זיך.

דאָקטער

(קוקנדיק אויף אַ קאַרטל):

מיסטער בראַון? (מאַן באַשטעטיקט) מיסטער בראַון, איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז נאָר דערפאַר וואָס מיין סעקרעטאַרשע האָט זיך נישט געקאָנט שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אייך, האָלט איך אָן די באַשטעלונג פאַר אייער וויזיט.

בראַון:

און ווען זי שטעלט זיך יאָ אין פאַרבינדונג מיט מיר?

דאָקטער:

וואָלט איך דעם וויזיט געפּסלט.

בראַון:

פאַרוואָס?

דאָקטער:

ווייל מיר, פּסיכיאַטאָרן, זענען נישט ווי מעדיצין־דאָקטוירים. מיר זעען אונדזערע פּאַציענטן ווען מיר ווילן, און זיי קאָנען נישט באַשטימען ווי לאַנג די סעסיע זאָל געדויערן. איך וויל איר זאָלט אויך וויסן, אַז צוליב דער טראַנזאַקציע וואָס איר האָט געמאַכט מיט מיין סעקרעטאַרשע, האָט

געהאַלטן דערביי, אַז זי זאָל פאַרלירן איר שטעלע... זי איז געבליבן בלויז דערפאַר, ווייל זי איז דאָ ניי און נישט געוווּסט די כּללים.

בראַון:

אויב געלט איז די מניעה וועל איך עס פאַרגיטיקן...

דאָקטער:

ס׳איז פּרינציפּ, נישט קיין געלט. אַ נייער פּאַציענט דאַרף וואַרטן אויף זיין ריי.

בראַון:

אַז איר וועט הערן די סיבה, וועט איר פאַרשטיין, אַז איך האָב נישט געקאָנט וואַרטן.

דאָקטער:

מיין ליבער מיסטער בראַון, אָן סיבות קומט מען נישט צו מיר, און יעדער וואָס קומט צו מיר האַלט, אַז זיין סיבה שטייגט אַריבער אַלע סיבות. אָבער ווי געזאָגט — כ׳האָב אייך אַרומגעזוכט, נישט געקאָנט פּסלן אייער וויזיט. זענט איר דאָ — לאָמיר מער נישט פּטרן קיין צייט. איר קאָנט אָנהייבן, מיסטער בראַון... נו?

בראַון:

אויב איך וועל אייך זאָגן, אַז מיין נאָמען איז נישט בראַון, וועט איר אַוודאי מיט מיר אין גאַנצן נישט האָבן צו טאָן.

דאָקטער

(איבעראַשט):

נישט בראַון?... טאָ וואָס זשע האָב איך צו אייך טענות?

בראַון:

אייערע טענות זענען גערעכטע. איך האָב אויך נישט געהאַט בדעה אייך אָפּצונאַרן. וואָס איך בין אויסנגעוועזן, איז — מיין אמתער נאָמען זאָל בלייבן בסוד.

דאָקטער:

די סודות פון מיינע פּאַציענטן בלייבן דאָ, אין די דלת־אמות. דאָס איז די עטיק פון אונדזער פּראָפעסיע.

בראַון:

וואָס איז מכּוח אייער סעקרעטאַרשע?

דאָקטער:

די סעקרעטאַרשע פון אַ דאָקטער טראָגט די זעלבע אַחריות... וואָס זשע איז אייער אמתער נאָמען, אויב איך מעג וויסן?

בראַון:

וויקטאָר פּאַרנעס...

דאָקטער:

פּאַרנעס? וויקטאָר פּאַרנעס?... דער דראַמאַטורג?

וויקטאָר:

יאָ.

דאָקטער:

זייער אָנגענעם אייך צו קענען... זייט מיר מוחל פֿאַר די פֿריערדיקע רייד... איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז צווישן אונדזערע פּאַציענטן וואַרפֿן זיך דורך פֿאַרשידענע טיפּן, אָבער דאָס מיינט אויך נישט, אַז אויב מ׳טרעט אַריבער אונדזער שוועל וואַרפֿט מען אַריין אין חרם...

וויקטאָר:

מיין לאַגע איז אין גאַנצן אַן אַנדערע, איך בין אַן עפּנטלעכער מענטש.

דאָקטער:

90 פּראָצענט פֿון מיינע פּאַציענטן זענען מענטשן פֿון אייער זשאַנער.

וויקטאָר:

טאַקע דורך זיי האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אייך.

דאָקטער:

דאַרפֿט איר דאָך אַוודאי קיין מורא נישט האָבן.

וויקטאָר:

אָבער אין מיין פֿאַל איז אַנדערש. מיינס אַ פּיעסע איז אין פּראָצעס פֿון אויפֿפֿירונג.

דאָקטער:

לאָמיר האָפֿן, אַז אייער פּיעסע וועט האָבן דערפֿאָלג.

וויקטאָר:

אַ דאַנק... אָבער האָפֿן און גוטע ווינטשן איז נאָך נישט גענוג, אַז אַ פּיעסע זאָל האָבן דערפֿאָלג. אַ חוץ דער קוואַליטעט פֿון דער פּיעסע, גוטע רעזשי און גוטע אַקטיאָרן, מוז דעם שרייבערס נאָמען זיין ריין, אָן אַ פּגימה. און איר ווייסט דאָך דעם באַגריף וואָס מ׳האָט וועגן איינעם וואָס גייט צו אַ פּסיכיאַטער...

דאָקטער:

אויב דער דערפֿאָלג פֿון אייער פּיעסע קאָן ליידן פֿון אייער באַזוך ביי מיר, פֿאַרוואָס האָט איר נישט געוואַרט ביז נאָך דער אויפֿפֿירונג?

װיקטאָר:

װײַל די אויפֿפֿירונג פֿון מײַן פּיעסע האָט אַ שײַכות מיט מײַן קומען צו אײַך...

דאָקטער:

װאָס מײנט איר?

װיקטאָר:

די כאַראַקטערן פֿון מײַן פּיעסע באַשטײען דורכויס, אַז איך זאָל אָפּשטעלן די אויפֿפֿירונג.

דאָקטער:

איך פֿאַרשטײ אײַך נישט.

װיקטאָר:

איך האָב עס אויך אַ שטיק צײַט נישט פֿאַרשטאַנען, אָבער נעכטן איז עס געקומען צו אַ קלימאַקס: זײ האָבן מיך פּשוט געצװוּנגען אָפּצו־שטעלן די אויפֿפֿירונג...

דאָקטער:

איר זאָגט: נעכטן איז עס געקומען צו אַ קלימאַקס. װאָס איז געװען ביז נעכטן?

װיקטאָר:

דאָס געװײנלעכע װאָס מ׳פֿילט שרײַבנדיק אַ װערק; סימפּאַטיע צו די כאַראַקטערן װאָס זוכן אמת, אַנטיפּאַטיע — צו די קעגנער. אפֿשר, שרײַבנדיק די פּיעסע, איז די סימפּאַטיע פֿאַר די כאַראַקטערן געװען טיפֿער, מחמת די פּיעסע איז געבױט אויף דער ביבלישער טראַגעדיע פֿון „איוב״, אויף אַ מאָדערנעם אופֿן פֿאַרשטײט זיך. נישט אײנמאָל האָב איך געפֿילט, אַז אין זײערע צרות און לײדן האָב איך אַ חלק, אָבער דאָס אַלץ...

דאָקטער:

האָט די האַנדלונג אין אײַער פּיעסע צו טאָן מיט באַקאַנטע?

װיקטאָר:

נײן, דאָקטער. זײ זענען אַ רײנער פּראָדוקט פֿון מײַן פֿאַנטאַזיע, אַ חוץ װאָס האָבנדיק זײ שטענדיק אויפֿן זינען, זענען זײ מיר געװאָרן נאָענט.

דאָקטער:

האָט איר װען עס איז פֿריער געהאַט האַלוצינאַציעס?

ווי קטאָר:

דאָקטער, דאָס זענען נישט געווען קיין האַלוצינאַציעס.

דאָקטער:

כ'מיין, אַזעלכע אילוזיעס האָט איר געהאַט ביי אייערע פֿריערדיקע אויפֿפירונגען?

וויקטאָר:

ניין, בלויז נעכטן.

דאָקטער:

ווען איז דאָס פֿאָרגעקומען? ביינאַכט?

וויקטאָר:

ניין, אָנהייב אָוונט. און מיינט נישט, אַז איך בין געשלאָפֿן. איך בין געווען ביי אַלע מיינע חושים. כ'האָב זיי געזען אַזוי קלאָר, אמתדיק — אַט ווי איך זע אייך — מיט זייערע מלבושים, מיט די גרימאַסן אויף זייערע פּנימער, געזען די רציחה אין זייערע אויגן, געהערט דאָס גרילצן פֿון זייערע שטימען... איר הערט? מיט מיין גאַנצער געניטשאַפֿט אין בינע־טעכניק וואָלט איך נישט געקאָנט צונויפֿשטעלן אַ דראַמע מיט אַזעלכע דעטאַלן און דראַמאַטישע עפֿעקטן ווי זיי האָבן פֿאַר מיר אָפּגעשפּילט...

דאָקטער:

איר געדענקט עפּעס וואָס איר האָט געזען, געהערט?

וויקטאָר:

נישט נאָר געדענק איך איטלעכס וואָרט, יעדע פּראַזע, נאָר אַפֿילו דעם טאָן, די אינטאָנאַציע.

דאָקטער:

דערציילט.

וויקטאָר:

ביז נעכטן איז אַלץ געגאַנגען כשורה, די אַקטיאָרן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַריינלעבן אין זייערע ראָלן, אין די רעפּעטיציעס האָט זיך שוין געפֿילט דער הויך פֿון לעבן. פֿאַר מיר האָט עס געמיינט דער סוף פֿון רעפּעטיציעס ביי טאָג, קאָנפֿערענצן מיטן רעזשיסער אין אָוונט און דערנאָך ערשט זיך אָוועקזעצן אויף אַ גאַנצער נאַכט שרייבן און איבערשרייבן. איר ווייסט נישט סאַראַ קאַטאָרזשנע אַרבעט דער מחבר האָט. פּלוצלינג האָבן מיר זיך אַרומגעזען אַז דער דריטער אַקט טויג נישט. נישט נאָר האָט ער נישט קיין קלימאַקס — ער איז גאָר אַן אַנטי־קלימאַקס. מיט אַנדערע

ווערטער: מ׳דאַרף אַ נייעם דריטן אַקט. און אין טעאַטער, אַז מ׳דאַרף אַ דריטן אַקט, איז נישטאָ קיין תירוצים. בין איך געקומען אַהיים, ס׳איז געווען אַרום אַ זייגער 8 אין אָוונט...

(ביי די לעצטע ווערטער ווערט דאָס ליכט ווו זיי זיצן טונקעלער, דערביי הייבט זיך אָן אַנטפּלעקן אַ טייל פון אַ שרייבצימער, אַ פענצטער, דערביי אַ דעסק אָנגעוואָרפן מיט פּאַפּירן, ווו ס׳זעט זיך קוים אַרויס אַ שרייבמאַשין, נעבן דעסק אַ שטול. וויקטאָר קומט אַריין דורך דער טיר אין הינטערגרונט, לייגט אַוועק דעם פּאָרטפעל אויפן דעסק, טוט אויס זיין רעקל, נעמט זיך אַרבעטן. אין אַ ווײלע אַרום קומט אַריין ביבי)

וויקטאָר

(איבעראַשט):

דאַרלינג! וואָס טוסטו אין דער היים? (ביבי נעמט אים אַרום, פּיעשטשעט זיך) נאַריש מיידל וואָס דו ביסט. וואָס הייסט דו וואַרטסט אויף מיר? מיר האָבן דאָך אָפּגעמאַכט דו זאָלסט נישט וואַרטן... איך האָב דיר דערקלערט, אַז אפילו ווען אַלץ וועט גיין כשורה, וועל איך זיין פאַרנומען ביז נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג, בפרט ווען ס׳גייט נישט כשורה.

ביבי:

ס׳איז עפּעס געשען?

וויקטאָר:

(דערשעפּט):

דאַרלינג, איך האָב שוין חרטה אויפן גאַנצן עסק, איך האָב שוין מער קיין כוח נישט.

ביבי:

זאָג שוין, וואָס איז געשען?

וויקטאָר:

מיר האָבן נישט קיין דריטן אַקט...

ביבי

(באַרואיקט):

דאָס אַלץ? דו האָסט דאָך מיר דערשראָקן צום טויט...

וויקטאָר:

דו ווייסט וואָס עס הייסט אָנשרייבן אַ דריטן אַקט?

ביבי:

האָסט דאָך געהאַט אַ דריטן אַקט, ווו איז ער אַהינגעקומען? האָסט אים פֿאַרלאָרן?

וויקטאָר:

כ׳האָב אים נישט פֿאַרלאָרן, ער האָט נישט געטויגט. איצט, דאַרלינג, לאָז מיך, איך האָב אַ וועלט מיט אַרבעט... (ער נעמט זיך צו דער אַרבעט)

ביבי:

שוין וואָכן אַז איך האָב דיך כמעט נישט געזען, אַ וואָרט נישט פֿאַרביטן...

וויקטאָר:

דאַרלינג, כ׳וויל אויך זיין מיט דיר. דאָס שרייבן און איבערשרייבן איז מיר שוין אַזוי אַריין אין די ביינער, אַז איך קאָן שוין אויף דער שרייבמאַשין נישט קוקן. אַ בלעטל ווייס פּאַפּיר מאַכט מיך היסטעריש... אָבער וואָס קאָן איך טאָן? כ׳בין אונטער אַ קאָנטראַקט, כ׳מוז עס ענדיקן... כ׳בעט דיך, לאָז מיך איצט אַליין, כ׳מוז אַרבעטן...

ביבי:

ווי לאַנג וועט עס דויערן?

וויקטאָר:

ווי קאָן איך וויסן פֿון פֿאָרויס? אַלץ וואָס איך ווייס איז, אַז טשאַרלי דאַרף האָבן דעם אַקט גלייך אין דער פֿרי.

(ס׳ווערט פֿינצטער. אין דאָקטערס אָפּיס ווערט ליכטיק. ער זיצט אויף זיין פֿריערדיק אָרט)

טשאַרלי איז דער רעזשיסער.

(צוריק אין זיין שרייבצימער. ביבי — אין דער זעלבער פּאָזיציע ווי פֿריער)

דו קענסט דאָך טשאַרלין. ער איז דאָך ווי אַ דיקטאַטאָר.

ביבי:

אויב טשאַרלי דאַרף דעם אַקט גלייך אין דער פֿרי — פֿאַרוואָס האָט ער דיך געהאַלטן אַזוי שפּעט?

וויקטאָר:

דו קענסט דאָך טשאַרלין מיט זיינע איינפֿאַלן... ווי נאָר איך פֿאַרנעם זיך צו אַוועקגיין — אַהאַ! ער האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. אַזוי עטלעכע שעה כסדר. אַ נס וואָס ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער דאַרף

ערגעץ גיין, אַניט, וואָלט ער מיך נאָך איצט אויך דאָרטן געהאַלטן. ער איז אַוועק — בין איך געקומען אַהער.

ביבי:

טשאַרלי האָט דיך אַרומגעזוכט, ער איז דאָ געווען.

(דאָס ליכט אין שרייבצימער ווערט פינצטער, און ווען ס'ווערט ליכטיק אין דאָקטערס אָפיס, זיצט וויקטאָר אויף זיין פריערדיק אָרט)

וויקטאָר:

דעם אמת געזאָגט, האָב איך ביבין נישט געגלייבט, אַז טשאַרלי איז דאָ געווען. ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס זי לאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַ פראַזע, כדי מיך שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט. נישט איין מאָל האָט אירע אַ באַמערקונג געפירט צו מחלוקת. היינט אָבער האָב איך נישט געוואָלט אַריין אין קיין וויכוחים. ערשטנס, דער דריטער אַקט איז מיר געלעגן ווי אַ באַרג אויפן קאָפּ; צווייטנס, בין איך געווען שטאַרק צערודערט: בלאַנטש האָט מיר טעלעפאָנירט, אַז זי וויל דאָס קינד מער נישט האָדעווען...

דאָקטער:

ווער איז בלאַנטש? און וועמעס קינד איז עס?

וויקטאָר:

דאָס קינד איז מיינס, בלאַנטש איז מעריס שוועסטער, און מערי איז געווען די מוטער פון קינד...

דאָקטער:

געווען?

וויקטאָר:

יאָ, זי איז געשטאָרבן...

דאָקטער:

מערי איז געווען אייער ערשט ווייב?

וויקטאָר:

ניין... זי איז אָבער געווען די ערשטע פרוי, וואָס האָט פאַר מיר ברייט צעעפנט די פענצטער פון מיין וועלט, אַריינגעבראַכט אַ זון, וועמעס שטראַלן האָבן מיך נישט געבלענדט, נאָר ליבלעך און האַרציק געוואַרעמט... קורץ, זי האָט צעשטרייט דעם נערוועזן צושטאַנד, אין וועלכן איך בין אַלע מאָל געווען. און מאָדנע, מיינע געפילן צו ביבין האָבן זיך נישט געביטן. אדרבה, כהאָב דערפילט, אַז מערי האָט עפּעס דערגאַנצט,

אויסגעפּילט אַ חלל, אַ פּוסטקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן ביבן און מיר... אירע רייד האָבן מיך נישט געערגערט, פאַרקערט, וואָס מער זי האָט מיך חושד געווען, אַלץ מער האָב איך זיך געפילט פאַרגיטיקט... איצט, אַז מערי איז נישטאָ, האָב איך ווידער דערפילט, אַז איך קען איר פאַרדאַכט נישט פאַרנעמען. אָבער אַריינגיין מיט איר אין לאַנגע דעבאַטן האָב איך נישט געוואָלט. דער דריטער אַקט מוז זיין פאַרטיק מאָרגן אין דער פרי... דערנאָך דאָס פּראָבלעם מיט בלאַנטשן און דעם קינד... און דאָ שטייט זי און וויל וויסן ווו איך בין געווען... וואָס טוט מען?

דאָקטער:

צו דעם דאַרף מען אַ שלמה המלך, נישט קיין דאָקטער... ווי וואָלט געווען ווען איר זאָגט איר דעם אמת? אפשר וואָלט זי איינגעגאַנגען האָדעווען דאָס קינד?

וויקטאָר:

וואָס רעדט איר, דאָקטער? אַ נעגער־קינד? ווען ס׳וואָלט געווען אַ קינד פון אונדזער ראָסע, וואָלט איך זיך שוין אַן עצה געגעבן. מיר האָבן נישט קיין קינדער, מיר האָבן ערנסט געטראַכט וועגן אַדאָפּטירן אַ קינד. אָבער ווי קאָן מען אַדאָפּטירן אַ שוואַרץ קינד?

דאָקטער:

כ׳האָב איך פריער געזאָגט: דאָס איז נישט קיין ענין פאַר אַ דאָקטער.

וויקטאָר:

דאָס ווייס איך, אָבער נישט וועגן דעם בין איך געקומען. איך וויל איך בלויז אַריינפירן אין דער שטימונג, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען שרייבנדיק דעם דריטן אַקט... ביבין האָב איך מיט גוואַלד אַרויסגעשטופּט פון מיין שרייבצימער. ווייל וואָס דער אויסגאַנג זאָל נישט זיין — דער דריטער אַקט מוז אָנגעשריבן ווערן... און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט שרייבן דעם דריטן אַקט...

(ביי די לעצטע ווערטער ווערט פינצטער אין דאָקטערס אָפיס. ביסלעכווייז הייבט אָן אויפגיין אַ ליכט אין זיין שרייבצימער, ווו בלויז די דעסק און דער שטול אויף וועלכן ער זיצט ווערט באַלויכטן. ער זיצט מיטן פּנים צום הינטערגרונט און פרוווט אַרבעטן אויף דער שרייבמאַשין. ווי ס׳זעט אויס, גייט זיין אַרבעט נישט ווי געהעריק, מחמת אַלע ווײַלע שטעלט ער אַריין אַ פריש בלעטל אין דער שרייב־מאַשין, און

נאָכדעם ווי ער קלאַפּט אָפּ עטלעכע אותיות, רייסט ער דאָס בלעטל אַרויס און וואַרפט עס אַוועק. ענדלעך שטעלט ער אַריין אַ בלעטל אויף וועלכן ער הייבט אָן שרייבן מיט פלייס. פון הינטער אים וואַקסט אויס אַ האַנט וואָס שלעפּט דאָס בלעטל אַרויס פון דער שרייבמאַשין ער לאָזט זיך נאָך אַ פריש בלעטל און בשעת־מעשה זאָגט ער)

וויקטאָר

(נערוועז):

ביבי, דאַרלינג, לאָז מיך אַרבעטן...

אַ מענערשטימע:

וועסט נישט שרייבן!

וויקטאָר:

(זיין קערפּער טוט אַ ציטער ווען ער דערהערט די שטימע פון אַ מאַן הינטער זיך. ער מאַכט עטלעכע באַוועגונגען זיך אויסדרייען, אָבער בלייבט זיצן אין דער זעלבער פּאָזע, ענדלעך זאָגט ער אין אַ ציטערדיקן טאָן):

ווער איז עס?

שטימע:

איך!

וויקטאָר:

(דרייט זיך לאַנגזאַם אויס. צוזאַמען מיט די באַוועגונגען פון זיין קערפּער ברייטערט זיך אויס דאָס ליכט ביז ס'אַנטפּלעקט זיך אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן. ווען וויקטאָר דערזעט אים, הויבט ער אויף אויטאָ־מאַטיש די הענט)

מאַן:

לאָז אַרונטער די הענט.

וויקטאָר

(לאָזט אַרונטער די הענט):

וואָס ווילסטו?

מאַן:

זאָלסט נישט שרייבן!

וויקטאָר

(פאַרוואונדערט):

וואָס הייסט, כ'זאָל נישט שרייבן? ווייסט דאָך נישט וואָס איך שרייב.

מאַן:

כ׳ווייס!

וויקטאָר

(קליגט זיך):

אדרבה, וואָס שרייב איך?

מאַן:

דו שרייבסט דעם דריטן אַקט...

וויקטאָר

(איבעררראַשט):

נו, אַז דו ווייסט, ווייסטו דאָך מסתמא, אַז איך מוז עס אָנשרייבן.

מאַן:

דו וועסט דעם דריטן אַקט נ י ש ט שרייבן!

וויקטאָר

(נעמט זיך אָן מיט מוט):

הער מיך אויס: ביסטו אַ האַלדאַפּניק — איז מהיכא־תיתא, כ׳וועל דיר געבן געלט. נישט ווייל איך וויל, נאָר ווייל כ׳קאָן זיך נישט העלפן... אָבער אויב דו ביסט געקומען מיט מיר פראַוון לצנות, מיר זאָגן דעות וואָס יאָ שרייבן און וואָס נישט שרייבן, האָב איך איצט קיין צייט נישט דערפאַר.

מאַן:

קאָנסט שרייבן וואָס דו ווילסט, נאָר דעם דריטן אַקט לאָז צורו. דו הערסט?

וויקטאָר:

וואָס איז דיר אַזוי שטאַרק נוגע דער דריטער אַקט?

מאַן:

ווייל איך וויל לעבן!

וויקטאָר:

ביסט משוגע, צי חסר־דעה? דו מיינסט צו זאָגן, אַז אויב איך וועל אָנשרייבן דעם דריטן אַקט, וועסטו שטאַרבן?

מאַן:

דו צווינגסט דאָך מיר צו באַגיין זעלבסטמאָרד אין דריטן אַקט...

וויקטאָר:

צו מיינע שונאימס קעפּ! וואָס טוט זיך דאָס היינט מיט מיר?

וואָס הייסט — איך צווינג דיר צו באַגיין זעלבסטמאָרד? ווער ביסטו?

מאַן:

איך בין עדוואַרד סמיט! דער פּאָעטער, דער הויפּט־העלד פון דיין דראַמע „דער מאָדערנער איוב".

וויקטאָר

(אויסער זיך):

דו ביסט עדוואַרד סמיט? (מאַן באַשטעטיקט.באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס. שטרעקט אויס די האַנט) ס'פרייט מיך... (מאַן איגנאָרירט אים. וויקטאָר פרוווט באַהאַלטן זיין פאַרלאָרנקייט) פאַרוואָס האָסטו עס מיר גלייך נישט געזאָגט? וואָלטן מיר דאָך איינגעשפּאָרט אַזויפיל רייד... זעץ זיך...

מאַן:

איך בין נישט געקומען זיצן...

וויקטאָר:

זיי נישט קיין עקשן... ביסט ביי מיר זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. כ'וועל אַריינרופן מיין פרוי, זי וועט מאַכן אַ גלעזל טיי..

מאַן:

כ'וויל נישט קיין טיי!

וויקטאָר:

אַ, יאָ. כ'האָב פאַרגעסן, אַז דו טרינקסט נישט קיין טיי... איז נישט קיין טיי. כ'האָב שאַרפע געטראַנקען אויך...

מאַן:

דו האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ שיכור!

וויקטאָר:

זעסטו, דאָס זענען שוין נאַרישע רייד... אַ שיכור ווערט מען אַליין. מ'קאָן יענעם נישט צווינגען דערצו. אָט נעם מיך — אַ פולער אַלמער מיט דער בעסטער משקה און איך ריר זיך אַפילו נישט צו צו דעם...

מאַן:

דו טוסט ערגערע זאַכן, דו ביסט אַ מערדער!

וויקטאָר

(נעמט זיך אַן מיט מוט):

הער מיך אויס: ביסט געקומען צו מיר, מהיכא־תיתי, ווילסט נישט זיצן — זיץ נישט... ווילסטו רעדן — רעד, אָבער רעד ווי אַ

מענטש! דו ווייסט, איך קאָן דיך אַרעסטירן פאַר אויסטראַכטן אויף מיר אַזאַ בילבול...

מאַן:

ס'איז נישט קיין בילבול, ס'איז אמת!

וויקטאָר:

אדרבה, זאָג מיר וועמען איך האָב דערהרגעט?

מאַן:

מיך...

וויקטאָר

(מיט גרינגשעצונג):

נישט אַנדערש, דו ביסט נישט ביים זינען. אָט ביסטו דער פאָטער פון מיין דראַמע, אָט האָב איך דיך דערהרגעט. מילא, ווילסט זיין דער העלד פון מיין דראַמע — געזונטערהייט, אָבער וואָס הייסט: איך האָב דיך דערהרגעט? אָט ביסטו דאָך דאָ, דו רעדסט דאָך מיט מיר.

מאַן:

דו גייסט מיך דערמאָרדן אין דריטן אַקט!

וויקטאָר:

אויב דו ווייסט — לאָז זיך נישט, אַנטלויף...

מאַן:

ווי קאָן איך אַנטלויפן???

וויקטאָר:

איך האַלט דיך נישט. אָנשטאָט קומען אַהער, אַנטלויפט מען קיין מעקסיקע, צי כ'ווייס ווו...

מאַן:

דער איינציקער אויסוועג איז, זאָלסט נישט שרייבן דעם דריטן אַקט.

וויקטאָר:

פאַרוואָס?

מאַן:

אַז דו וועסט נישט שרייבן, וועל איך לעבן.

וויקטאָר:

לויט דעם גאַנג פון דער דראַמע — איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג.

מאַן:

ס׳איז יאָ דאָ אַן אויסוועג.

וויקטאָר:

אדרבה...

מאַן:

צערייס די דראַמע און לאָז מיך פריי!

וויקטאָר:

איצט רעדסטו שוין גאָר ווי אַ טיפּש... דו ווייסט וויפל מי און אָנשטרענגונג עס קאָסט אָנשרייבן אַ דראַמע? ס׳נעמט אַרויס דעם קליאַק פון די ביינער. און דערנאָך הייבט זיך אָן אַ לויפעניש פון איין אָפיס צום צווייטן, פון איין פּראָדוסער צום צווייטן. און אַז גאָט העלפט און מ׳געפינט אַ בעלן, הייבט מען אָן קלאַפּן אין די טעלער — זוכן געלט, און דערנאָך הייבט זיך ערשט אָן די אַרבעט פון שרייבן און איבער־שרייבן... און איצט, אַז איך האָב שוין אַ פּראָדוסער, געלט, אַקטיאָרן, שוין אַפילו געבומען אַ טעאַטער — זאָגסטו זיך קאַלטבלוטיק: צערייסן די דראַמע...

מאַן:

האָסטו אויף איין מינוט אַ טראַכט געטאָן וועגן די צרות און יסורים וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט? שוין צוויי יאָר אַז דו לאָזט מיך נישט אָטעמען. אַלע מאָל קומסטו מיט נייעסלעך: טו דאָס! טו דאָס! כ׳האָב דאָך געמיינט, אַז איך וועל פון זינען אַראָפּ! אָבער איך האָב אַלץ מקבל־באהבה געווען, ווייל איך בין בטבע אַ שטילער מענטש. אָבער דאָס וואָס דו האָסט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז איך מוז באַגיין זעלבסט־מאָרד אין דריטן אַקט, איז געווען די שטרוי וואָס האָט צעבראָכן דעם אייזלס רוקן. דאָ האָט מיין געדולד געפּלאַצט...

וויקטאָר:

לויט אַלע כללים מוזסטו באַגיין זעלבסטמאָרד.

מאַן:

פאַרוואָס?

וויקטאָר:

דו ווילסט דאָך נישט, אַז איך זאָל זיך אָוועקזעצן און לערנען מיט דיר די טעכניק פון דראַמע? אָבער איין זאַך וועל איך דיר יאָ זאָגן: אַזוי שנעל ווי די דראַמע גייט איבער אין די הענט פון רעזשיסער,

איז ער דער באַלעבאָס. און ער איז דאָס דער, וואָס וויל דו זאָלסט באַגיין זעלבסטמאָרד — נישט איך...

מאַן:

פאַרוואָס באַגייט ער נישט קיין זעלבסטמאָרד?

וויקטאָר:

הער מיך אויס, וואָס ביסטו געקומען מיך נודיען? כ׳האָב גענוג קאָפּדרייעניש אָן דיר! אַ גאַנצן פרימאָרגן האָב איך געוואָיעוועט מיט טשאַרליק, דערנאָך האָב איך געהאַט אַנדערע ערגערנישן, איצט קומסטו צו גיין... גיי זיך, גיי!

(מאַן נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער פון קעשענע. וויקטאָר דערשראָקן)

ביסט משוגע, צי חסר־דעה, וואָס פאַראַ קונצן זענען דאָס? אַזאַ האַנדלונג פּאַסט פאַר אַ גענגסטער, נישט פאַר דיר...

מאַן:

איך האָב געפּרוווט מיט גוטן. דו ווילסט נישט. מוז איך אָננעמען דעם מיטל.

וויקטאָר:

נו, גוט, אויב דו מיינסט עס ערנסט, לאָמיר זיך אַוועקזעצן און זיך דורכשמועסן. אָבער קודם נעם אַוועק דעם רעוואָלווער, ס׳מאַכט מיך נערוועז.

מאַן:

ס׳איז נישטאָ וועגן וואָס צו שמועסן. אַזוי וועט עס זיין!

וויקטאָר:

ביסטו דאָך אַן עקשן... קאָן איך דיך עפּעס פרעגן?

מאַן:

פרעג!

וויקטאָר:

אָבער מיט איין באַדינג: נעם צו דעם רעוואָלווער... (מאַן לייגט אַריין דעם רעוואָלווער אין קעשענע) ס׳זענען פאַראַן סמיטס אין די מיליאָנען, עדוואַרדס — אין די טויזנטער. פון וואַנען בין איך זיכער, אַז דו ביסט דאָס דער עדוואַרד סמיט פון מיין פּיעסע? (מאַן ווייזט אַ

וויזיטקאַרטל) ס׳איז ביי מיר קיין ספק נישט, אַז דו ביסט עדוואַרד סמיט. איך קאָן אָבער נישט פאַרשטיין דעם שייכות, וואָס דו האָסט צו מיין דראַמע.

מאַן:

אַ שטיק צייט האָב איך אַליין נישט געוווּסט וואָס פון מיר איז געוואָרן. פאַר די 20 יאָר וואָס איך האָב געאַרבעט אין באַנק, זענען דורך מיינע הענט דורכגעגאַנגען מיליאָנען דאָלאַרן. ס׳איז מיר קיינמאָל אויף די געדאַנקען געקומען, אַז דאָס איז געלט, אַז דאָס האָט עפּעס אַ ווערט. פּאַפּירלעך!... ביז איין מאָל, אומגעפּער מיט אַ צוויי יאָר צוריק, האָב איך פּלוצלינג דערפילט אַ מאָדנע ענדערונג. עמעצער האָט מיר נאָכ־אַנאַנד געהאַלטן אין איין שושקען אין די אויערן: דו גולם איינער, ס׳איז נישט קיין פּאַפּירלעך, ס׳איז געלט! געלט! געלט! דו האָרעוועסט ווי אַן אייזל, וואָס האָסטו פון דיין לעבן? דאָס געלט קאָן דיר געבן פאַרגעניגן. לוקסוסן, דאָס וואָס דו האָסט נישט. דיין פרוי האָט נישט קיין לייטיש קליידל אויף איר לייב, נעם געלט און קויף איר אַ קלייד, אַ פוטערנעם מאַנטל. זי האָט עס כשר פאַרדינט.

וויקטאָר:

דאָס אַלץ? נאַרישער מענטש! יעדער וואָס אַרבעט אין אַ באַנק האָט פון צייט צו צייט אַזעלכע געדאַנקען... געלט איז איינע פון די גרעסטע מכות אויף דער וועלט. וואָס טוט מען נישט פאַר געלט? סאיז דאָך רעכט, אַז פאַר אַ דאָלער זאָל מען ווערן דעם בעסטן פריינד אַ דם שונא, מ׳הרגעט דאָך אַפילו מענטשן פאַר געלט... איבערהויפּט אין דיין פאַל, פולע שופלאָדן מיט געלט. אַלץ וואָס דו האָסט געדאַרפט, איז נעמען אַ פּעקל געלט, עס אַריינטאָן אין קעשענע, און פאַרטיק...

מאַן:

אפשר ביי דיר איז דאָס פון די קליינקייטן, ביי מיר איז דאָס גאָטס זיבעטער געבאָט.

וויקטאָר:

איז דאָך גוט, האָסטו נישט גענומען.

מאַן:

ווען ס׳וואָלט זיך אין מיר, וואָלט איך נישט גענומען. אָבער ווען דו האָסט געזען, אַז מיט מיר קאָנסטו גאָרנישט אויפטאָן, האָסטו געמאַכט

מיין ווייב פאַר דיין אַגענט... 20 יאָר איז זי געווען שטיל ווי אַ טויב, געהאַלטן אין איין קאַרגן און וואַרגן אויסצוקומען מיט מיינע שכירות... פּלוצלינג האָט זי אָנגעהויבן מאַכן סקאַנדאַלן: זי קאָן מער נישט לעבן אין דחקות! זי וויל האָבן אַ נייע גאַרדעראָבע, אַ פוטערנעם מאַנטל, אַ דינסט כאָטש איין טאָג אין דער וואָך. ווו זאָל איך נעמען געלט אויף די אַלע זאַכן? — פרעג איך איר. ווו דו ווילסט — ענטפערט זי מיר... אַניט — פאַרלאָזט זי מיך. און כאָטש איך האָב זי ליב געהאַט ווי מיין לעבן, וואָלט איך אַלץ נישט איינגעגאַנגען נעמען אַ סענט אין באַנק. כ׳האָב שוין באַשלאָסן: זאָל זי גיין, קיין גנב וועל איך נישט ווערן... קום איך איינמאָל אַהיים — אַ נייע אומגליק: מיין איין און איינציקער זון, די קרוין פון מיין קאָפּ, דער בעסטער סטודענט אין קאָלעדזש — שטענדיק אַ פריילעכער, אַ מונטערער — קומט אַהיים אַן איינגעבראָ־כענער, ווי אַ פאַרמשפטער צום טויט. קינד מיינס, פרעג איך אים, וואָס איז געשען? ער שווייגט... אַהין, אַהער, קוים ביי אים אַרויסגעקריגן: ער האָט פאַרשפילט אַריבער טויזנט דאָלער אין קאָרטן... ווי קומט צו אים קאָרטן? יענער איז טאָג און נאַכט געזעסן איבער ביכער, קיין קאָרט אין די אויגן נישט געזען... ער ווייסט נישט. אַ מאָדנער כוח האָט אים געשטופט שפּילן אין קאָרטן, און די טויזנט דאָלער מוז ער באַצאָלן ביז מאָרגן, אַניט — וועט מען אים אומברענגען... און טאָמער דאָס איז נאָך ווינציק, דערוויס איך זיך, אַז מיט דעם מיידל וואָס ער האָט געזאָלט חתונה האָבן איז שוין אויס, און ער האָט שוין אַן אַנדערע געליבטע...

ווי קטאָר:

דאָס היינטיקע יונגוואַרג איז נישט ווי דאָס יונגוואַרג פון אונדזער דור... מ׳קאָן אויף זיי גאָרנישט בויען...

מאַן:

איך האָב אויך געטראַכט אַזוי, שלעכטע חברים, צי כ׳ווייס וואָס. אָבער מיין לעצט אומגליק האָט מיר די אויגן געעפנט: מיין טאָכטער, קיין מאָל אין איר לעבן נישט קראַנק געווען, קומט אַהיים פון סקול, בלאַס ווי דער טויט מיט אַ צושריפט פון סקול־דאָקטער, אַז זי האָט „טי־בי״. וואָס וועט איר איצט זאָגן? פון דער העלער הויט קריגט מען נישט קיין „טי־בי״.

וויקטאָר:

וואָס זשע האָט איר געטאָן?

מאַן:

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? מיין ווייב האָב איך ליב, מיין זון מוז איך אַרויסנעמען פון אַ צרה, מיין טאָכטער קאָן איך נישט לאָזן שטאַרבן — האָב איך אָנגעהויבן נעמען געלט אין באַנק קעגן מיין ווילן... אָבער אַלע מאָל האָב איך געהאַט דאָס געפיל ווי עמעצער שטייט הינטער מיר און זאָגט: נעם, נעם, נעם! כ׳האָב אַזוי לאַנג גענומען ביז דער פּרעזי־דענט האָט מיך אַריינגערופן אין אָפּיס און געפרעגט: היתכן? האָב איך אים דערציילט דעם אמת, אַ גליק וואָס זיי האָבן געהאַט איינזעעניש מיט מיר. נאָך אַלעמען בין איך דאָרט געווען אַן אַלטע האַנט. אין משך פון 20 יאָר האָט קיין סענט נישט געפעלט. האָט מען באַשלאָסן איך זאָל ווייטער אַרבעטן און זיי אויסצאָלן...

(ביי זיינע לעצטע ווערטער ווערט דאָס ליכט טונקל און ווען ס׳ווערט אין גאַנצן פינצטער, ווערט ליכטיק אין דאָקטאָרס אָפּיס, וויקטאָר זיצט אויף זיין פריערדיק אָרט)

וויקטאָר

(צום דאָקטער):

איך האָב מיינע אויגן נישט געגלייבט, זיין יעדעס וואָרט איז מיר געווען באַקאַנט. יעדע פּאַסירונג — נאָענט, די גאַנצע האַנדלונג פון מיין פּיעסע „דער מאָדערנער איוב״. אָבער איך וועל דאָך אים נישט צוגעבן, אַז ער איז גערעכט, אַגב האָט דאָך עס געקאָנט זיין אַ צופאַל אויך... ווייל נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען זיך באַגעגענען מיט טיפּן, מענטשן און סיטואַציעס, וועלכע איך האָב באַשריבן מיט אַלע דעטאַלן נישט קענענדיק זיי. אַ סך מאָל האָב איך אַפילו צוגעטראָפן זייערע ריכטיקע נעמען.

(דאָס ליכט אין דאָקטערס אָפּיס לעשט זיך אויס. ס׳ווערט ליכטיק אין וויקטאָרס שרייב־צימער. וויקטאָר, בחור און מאַן אויף זייערע פריערדיקע ערטער)

בחור:

לאָמיר אים געבן וואָס אים קומט, דערנאָך זאָל ער זיך פאַרטיידיקן!

מאַן:

נו גוט, ער איז אין דיינע הענט...

בחור

(גייט צו צו אים מיט רציחה):

פאַרוואָס מאַכסטו מיך פאַר אַ געמבלער?

וויקטאָר

(פאַרצווייפלט):

וואָס ווילט איר פון מיר מיט די פראַגן?

כחור:

דו ווילסט נישט רעדן? גוט! (כאַפּט אים אָן פאַר די הענט, דרייט זיי אויס אויף הינטן)

וויקטאָר

(צום מאַן):

העלף מיר, ער דרייט דאָך מיר אויס די הענט...

מאַן:

כ׳בין געקומען צו דיר ווי אַ פריינד, געוויינט פאַר דיר — האָסטו זיך אויסגעלאַכט פון מיר, איצט ווילסטו כ׳זאָל דיר העלפן?

וויקטאָר:

זאָל ער מיר אָפּלאָזן די הענט, אפשר וועלן מיר קומען צו אַן אויסגלייך...

מאַן

(צום זון):

לאָמיר הערן וואָס ער האָט צו זאָגן.

בחור:

פריער דאַרף ער מיר ענטפערן אויף מיין פראַגע.

וויקטאָר:

כ׳קאָן נישט רעדן אָן די הענט...

בחור

(באַפרייט זיינע הענט):

נו גוט, רעד! כ׳וויל אַז טאַטע־מאַמע זאָלן הערן, אַז איך בין מיט מיין אייגענעם ווילן נישט געוואָרן קיין געמבלער.

מאַן:

יענער איז דאָך טאָג און נאַכט געווען אַריינגעטאָן אין ביכער, ער האָט דאָך שוין געהאַלטן אין ווערן אַן אינזשעניר...

בחור:

רעד!

וויקטאָר:

וואָס איך וועל זאָגן וועט דאָך נישט טויגן...

מאַן:

דערקלערסטו זיך שולדיק?

וויקטאָר:

איר האָט דען יושר?

מאַן

(מיט רציחה):

דו מאַנסט יושר? דו?!

(פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ הוסטן)

פרוי:

אוי, אַז אַך און ווי איז מיר, אין אונדזער קראַנקן קינד האָבן מיר אין גאַנצן פאַרגעסן (לויפט אַפּ, קומט גלייך מיט אַ מיידל וואָס איז זייער בלאַס און האַלט אין הוסטן)

בלוט און מילך איז זי געווען, געזונט און שיין, ווי די זון האָט זי געלויכטן, און איצט, ווי איז מיר, שפּייט זי מיט בלוט...

וויקטאָר:

מילא, אין דעם וואָס איר זאָגט איז אפשר דאָ אַ שטיקל אמת, אָבער אין שייכות צו איר, מאַכט איר אויף מיר אַ בלבול.

מאַן:

אָט שטייט זי דאָך פאַר דיינע אויגן, אָן אַ לונג און אָן אַ לעבער, אַלץ אויפגעפרעסן פון די באַצילן מיט וועלכע דו האָסט זי אָנגעשטעקט.

וויקטאָר:

כ'האָב קיינמאָל קיין באַציל פאַר די אויגן נישט געזען.

פרוי:

(אין דעם זעלבן פריערדיקן טאָן):

ווי אַ יונגער בוים איז זי דאָך געווען. הויך, שיין און געזונט... קיינמאָל נישט קראַנק געווען, אפילו קיינמאָל קיין קאָפּווייטיק נישט געהאַט (מיט געבעט) פאַרוואָס ווילסטו זי זאָל שפּייען מיט בלוט?

(טאָכטער הוסט)

וויקטאָר:

און אַז איך וויל, דאַרף מען מיך פאָלגן?

מאַן:

דו ווייצלסט זיך נאָך איבער אונדזער אומגליק... נו, דאַרף זיין אַזוי? מענטשן, די זעלבע מענטשן, און איינער זאָל דעם צווייטן אַזוי אומגליק־לעך מאַכן.

בחור:

טאַטע, דו זוכסט ביי אים יושר? זעסט דאָך, אַז ער האָט נישט קיין געוויסן... ווילסט אים דערשיסן? דערשיס! אַנישט וועל איך פון אים מאַכן אַ סוף! (גייט צו צו אים, איז גרייט זיך נעמען צו אים)

וויקטאָר

(דערשראָקן צום טויט):

איין מינוט... וואָס איילט איר זיך אַזוי? איר זענט דאָך נישט קיין קאַניבאַלן. אפשר קאָנען מיר קומען צו אַן אויסגלייך. פאַרוואָס זאָלט איר פאַרגיסן אומשולדיק בלוט?

מאַן:

קיין פרייז אין דער וועלט קאָן נישט פאַרגיטיקן די פיין און יסורים וואָס דו האָסט אונדז פאַרשאַפט. דו האָסט מיך איין מאָל געלאָזן שטיין אין מיטן שטוב מיט אַ גלאָז קאָכעדיקע טיי גאַנצע 26 שעה. ס'האָט דאָך געהאַלטן דערביי כ'זאָל פון זינען אַראָפּ!

וויקטאָר:

ווען איז דאָס געווען?

מאַן:

אין אָנהייב פון ערשטן אַקט... ס'איז נאָך געווען גלייך אין אָנהייב פון אונדזער אומגליק, ווען מיין הארב געטראַנק איז נאָך געווען טיי...

וויקטאָר:

ביסט דאָך נישט קיין בייבי. אַ טיש איז דאָך געווען אין שטוב — שטעלט מען אַוועק דאָס גלאָז טיי און פאַרטיק...

מאַן:

ווען איך קאָן דאָס טאָן, וואָלט איך דאָך צו דעם אומגליק נישט געקומען. איך בין דען געווען איך? האָסט מיך געהייסן נעמען אַ גלאָז טיי, האָב איך גענומען... פלוצלינג איז אָנגעלאָפן אַ פולע שטוב מיט מענטשן, האָסטו אין גאַנצן פאַרגעסן אין מיר און דו ביסט אַוועק מיט זיי הוליען.

פרוי:

און די חתונה וואָס ער האָט אָפּגעשפּילט מיט אונדזער טאָכטער?

מאַן:

יאָ... פאַר דעם אַליין ביסטו ווערט די ערגסטע שטראָף!

וויקטאָר:

וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן?

מאַן:

דו האָסט זי איבערגעלאָזן אין מיטן הוסטן אויף אַ גאַנצער וואָך! דו ווייסט וואָס עס מיינט הוסטן אַ גאַנצע וואָך אָן אויפהער און טאַטע־מאַמע זענען הילפלאָז?

וויקטאָר:

וואָס האָב איך דעמאָלט געטאָן?

מאַן:

דאָס וואָס דו טוסט אַלע מאָל, געהולטאַיעוועט!

וויקטאָר:

כ'האָב קיינמאָל נישט פאַרלאָזן מיין שרייבטיש אויף אַ גאַנצער וואָך...

אַ שטימע:

איך ווייס וואָס ער האָט געטאָן יענע וואָך...

בחור:

ס'איז מעריס שטימע... מערי, ווו ביסטו?

מערי

(אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, באַווייזט זיך):

ס'איז געווען די וואָך, ווען איך בין געגאַנגען צו קינד... זיין קינד... איז ער פון שטאָט אַנטלאָפן מיט זיין ווייב...

בחור:

דו האָסט געהאַט אַ קינד פון אים און מיר האָסטו גאָרנישט געזאָגט?

מערי:

כ'האָב דיר אַ סך זאַכן נישט געזאָגט...

וויקטאָר:

וואַרט אַ מינוט, וואָס טוט זיך דאָ? (גייט צו צו מערין) מילא, זיי, אַז זיי טענהען — האָבן זיי רעכט, אָבער מיט דיר האָב איך קיינמאָל קיין קינדער נישט געהאַט.

מערי:

כ'האָב עדות.

וויקטאָר:

ווער זענען די עדות?

מערי:

דאָס קינד. כ'ווייס נישט וואָס פאַראַ נאָמען דו האָסט עס געגעבן, און מיין שוועסטער בלאַנטש...

וויקטאָר:

בלאַנטש?

מערי:

יאָ, דו האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ ווייסע. (צום זון) איך בין פון דער נעגער־ראַסע.

זון

(אויסער זיך):

חתונה האָבן מיט אַ שוואַרצע? ווייטער גייט עס נישט! אַזאַ פלעק אויף מיין משפחה.

מערי:

און וואָס איז מיט מיר? וואָס האָט ער מיך ווייס געמאַכט? אָפּגעמעקט די צייכנס פון מיין ראַסע, דאָס איינציקע שטיקל ירושה וואָס איז מיר געבליבן פון מיינע עלטערן. יעדן פרימאָרגן ווען איך פלעג אויף זיך אַ קוק טאָן אין שפיגל, אויף מיין בלייכן פנים, פלעג איך דאָך וויינען מיט ביטערע טרערן.

וויקטאָר:

דו האָסט אַלע מאָל מקנא געווען די ווייסע.

מערי:

נישט צוליב זייער ווייסקייט... צוליב זייער פרייהייט... וואָס זיי זענען נישט באַגרענעצט, קאָנען טאָן וואָס זיי ווילן און גיין וווּ זיי ווילן... ווי וואָלסטו זיך געפילט ווען עמעצער מאַכט דיך פאַר אַ נעגער?

זון:

פראַגן פרעג איך! דו קאָנסט גיין. (זי פאַרשווינדט) איצט זאָג מיר ווו איז אַהינגעקומען מיין געליבטע דיינאַ?

דיינאַס קול:

אָט בין איך! (פון ערגעץ קומט אַרויס אַ מיידל מיט אַ בלאַס פנים און מיט שטאַרק געפאַרבטע אויגן און ליפּן. זי איז זייער פרעך, ווינקט אויסגעלאַסן צו זיי)

זון

(אויסער זיך):

דיינאַ, וואָס טוסטו?

דיינאַ:

פרעג אים.

זון
(מיט טרערן אין קול, צו וויקטאָרן):
וואָס האָסטו געמאַכט פון מיין טייערער, מיין ליבער דיינאַ?

דיינאַ
(פאַלט דעם זון אויפן האַלדז, צעוויינט זיך):
הערצאָלד, טייערער, אַ גרויס אומגליק האָט פּאַסירט... ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פּראָסטיטוטקע, פאַר אַ גאַסן־פרוי...

זון:
ווען? ווי אַזוי?

דיינאַ:
דער שוואַרציאַר ווייסט אים.

מאַן:
ס'איז כזב־ושקר.

דיינאַ:
ס'איז אַן אמת. דו געדענקסט, אין ערשטן אַקט, ווען איך גיי אַוועק און זאָג, אַז איך וועל באַלד קומען צוריק...

זון:
ווו ביסטו אַוועק און פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען צוריק?

דיינאַ:
ער האָט מיך געהייסן גיין. פאַרוואָס בין איך נישט געקומען צוריק, פרעגסטו? גאָט מיינער, ווי אַזוי קאָן איך דיר עס גאָר דערציילן? ווי איך בין אַראָפּ אין גאַס, זאָגט ער מיר: אָט גייט אַ מאַן, מאַך אים אַ פאַרשלאַג...

זון:
האָסטו אים געפאָלגט?

דיינאַ:
און אַז ער האָט דיך געהייסן שפּילן אין קאָרטן — האָסטו אים נישט געפאָלגט?

זון:
נו, וואָס איז געווען ווייטער? דערצייל.

דיינאַ:
האָב איך געטאָן וואָס ער האָט מיך געהייסן... דער מאַן האָט זיך פאַרדעכטיקט אַרומגעקוקט און געזאָגט: קום... דו קענסט דאָך די מענער!

זון:

נו, ווייטער, ווייטער...

דיינאַ:

כ׳בעט דיך, צווינג מיך נישט כ׳זאָל דיר דערציילן... די ווילדסטע פֿאַנטאַזיע קאָן נישט אויסמאָלן וואָס איך בין דורכגעגאַנגען...

זון:

פֿאַרוואָס ביסטו נישט געקומען צו מיר?

דיינאַ:

ווי האָב איך געקאָנט? זיי האָבן מיך דאָך פֿון הויז נישט אַרויסגעלאָזן...

זון:

ווער?

דיינאַ:

די מענער...

זון:

ער אויך?

דיינאַ:

הלוואי וואָלט ער געקומען, וואָלט איך אים אויף שטיקער צעריסן...

זון:

און דיין מאַמע ווייסט דערפֿון?

דיינאַ:

יאָ, זי האָט געוווּסט, און פֿון האַרצווייטיק איז זי געשטאָרבן...

זון

(צו וויקטאָרן):

וואָס האָסטו געהאַט צו מיין צוקונפֿט?

מאַן

(קומט אַרויס):

זעסט דאָך, מיין קינד, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. נו, לאָמיר מאַכן אַ סוף.

וויקטאָר

(דערשראָקן, שטאַמלט):

וו... וו... וואָס פֿאַר אַ סוף ווילט איר מאַכן?

מאַן:

ווערסט צערייסן די דראַמע און אונדז לאָזן פריי.

וויקטאָר:

מיינט איר נישט, אַז דאָס איז אַ ביסל אַ צו האַרבע פאָדערונג?

זון:

לאָז אים נישט רעדן, טאַטע!

מאַן:

זאָרג זיך נישט, מיין זון, ס׳וועט אים גאָרנישט העלפן... (צו וויקטאָרן) צערייס די דראַמע!

וויקטאָר

(כמעט מיט טרערן):

איר זאָגט זיך קאַלטבלוטיק: „צערייס די דראַמע". אַ יאָר צייט האָב איך געאַרבעט אויף דעם:

מאַן:

זע, וואָס דו האָסט געמאַכט פון אונדז אין דעם יאָר.

וויקטאָר:

וואָלט איר וויסן וואָס אַ דראַמאַטורג גייט דורך ביז זיינס אַ פּיעסע ווערט אָנגענומען און וויפל דערוואַרטונג ער האָט ביז מ׳נעמט זיך צו אַ פּראָבע...

זון:

לאָז אים נישט רעדן, טאַטע!

מאַן:

צערייס די דראַמע און לאָז אונדז פריי!

וויקטאָר

(טראַכט נאָך אַ ווײַלע):

נו, גוט...

מאַן:

(פאַרדעכטיקט):

ווערסט צערייסן די דראַמע?

וויקטאָר:

דו ווילסט דאָך כ׳זאָל צערייסן...

מאַן:

יאָ, אָבער ס׳געפעלט מיר נישט וואָס דו האָסט אַזוי שנעל איינגע־שטימט...

זון:

פאַרוואָס האָסטו אַזוי שנעל איינגעשטימט? (פאַרדרייט אים די הענט אויף הינטן)

וויקטאָר:

ווייל איך האָב איינגעזען, אַז איך בין באַגאַנגען אַן אומרעכט...

זון:

ס'איז נישט אמת!

וויקטאָר:

וואָס נאָך קאָן איך טאָן אויסער צערייסן די דראַמע? זאָל ער מיר אָפּלאָזן די הענט.

מאַן

(צום זון):

לאָז אים אָפּ די הענט. (זון פאָלגט אים) דו ווילסט מיך איבער־כיטרעווען...

וויקטאָר:

זאָל מיר אָסור זיין.

מאַן:

ס'איז דאָך נישט די איינציקע קאָפּיע. אין טעאַטער האָבן זיי דאָך אויך קאָפּיעס פון דער דראַמע.

וויקטאָר:

פאַר זיי בין איך נישט פאַראַנטוואָרטלעך... אָלרייט, גייט צו זיי און זאָגט זיי, אַז איך האָב געהייסן מ'זאָל צערייסן אַלע קאָפּיעס.

מאַן:

ס'וועט נישט טויגן, איך האָב אַ בעסער מיטל.

וויקטאָר:

כ'וועל אייך זאָגן עפּעס אַנדערש... כ'דאַרף אָנשרייבן דעם דריטן אַקט. אָן דעם אַקט קאָן מען די פּיעסע נישט שפּילן. שווער איך אייך, אַז איך וועל דעם אַקט נישט שרייבן.

מאַן:

מיין מיטל איז נאָך אַלץ בעסער...

וויקטאָר:

וואָס איז אייער מיטל?

מאַן:

גאַנץ פּשוט. (נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער) מיט אַ קויל אין האַרצן וועסטו זיכער נישט קאָנען שרייבן...

וויקטאָר

(קליגט זיך):

איר קענט נישט טשאַרלין. ער קען אויך אָנשרייבן אַן אַקט אַז מ׳דאַרף...

מאַן:

דערויף האָב איך אויך אַ מיטל...

וויקטאָר

(אין זעלבן טאָן):

איר וועט אים אָפּשפּילן אַזאַ חתונה ווי מיר?

מאַן:

ניין, דו האָסט געזינדיקט און דו דאַרפסט באַצאָלן דיין שטראָף. און איידער איך שיק דיך אַוועק אויף יענער וועלט, וועסטו אָנשרייבן אַ צוואה, אַז מ׳זאָל די זאַך נישט שפּילן... געוויינלעך היט מען אָפּ אַ געשטאָרבענעמס צוואה.

וויקטאָר:

דו ביסט אַ קאַלטבלוטיקער מערדער!

מאַן:

מיט אַ יאָר צוריק וואָלט איך עס נישט געקאָנט דורכפירן, אָבער זינט דו האָסט מיך געהייסן אַרומטראָגן אַ רעוואָלווער מיט זיך, בין איך אויף אַלץ גרייט.

וויקטאָר:

אַלס אַ כאַראַקטער ביסטו מיר גלייך פון דער ערשטער מינוט נישט געפעלן געוואָרן.

מאַן:

פאַרוואָס זשע האָסטו מיך נישט געלאָזן צורו?

וויקטאָר:

כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל דיך אויסמענטשלען...

זון

(מיט כעס צום פאָטער):

זאָל ער צוריקנעמען זיינע ווערטער!

מאַן:

מיין קינד, זאָל ער זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, וועט אים ווערן גרינגער. (צו וויקטאָרן) שרייב די צוואה!

וויקטאָר:

איין פאַרלאַנג האָב איך צו דיר.

מאַן:

וואָס איז דיין פאַרלאַנג?

וויקטאָר:

זיך געזעגענען מיט מיין ליבער פרוי.

מאַן:

ניין!

וויקטאָר:

אַפילו אַ מערדער באַוויליקט מען דאָך זיין לעצטן ווונטש...

מאַן:

עסן, אָבער נישט עמעצן זען.

וויקטאָר:

נו, גוט, וויל איך עסן...

מאַן:

וועסט שוין עסן אויף יענער וועלט... אַלזאָ, האָסט שוין גענוג צייט פאַרטאַכליעוועט. שרייב!

(וויקטאָר קווענקלט זיך, מאַן שטעלט צו דעם רעוואָלווער צו זיין קאָפּ)

וויקטאָר:

כ׳וועל די צוואה נישט שרייבן!

זון

(לויפט צו מיט כעס):

טאַטע, גיב מיר דעם רעוואָלווער!

מאַן:

מיין זון, אויב מיר שיסן אים אָן אַ צוואה איז אונדזער מיסיע אַ דורכפאַל. זיי קאָנען אָנגיין מיט דער אויפפירונג פון דער דראַמע אָן אים, און דאָס איז וואָס ער וויל. (צו וויקטאָרן) שרייב די צוואה!

וויקטאָר:

כ׳וועל נישט שרייבן.

מאַן

(טראַכט נאָך, צום זון):

ער איז אין דיינע הענט, זע וואָס דו קאָנסט מיט אים אויפטאָן...

זון:

אַ דאַנק, טאַטע! (טוט אויס דאָס רעקל, פאַרשאַרט די אַרבל לאָזט זיך גיין צו אים)

וויקטאָר

(דערשראָקן צום טויט):

כ׳וועל שרייבן! כ׳וועל שרייבן!

(ער נעמט אַ בלעטל פּאַפּיר, טוט עס לאַנגזאַם אַריין אין דער שרייבמאַשין, בלייבט זיצן)

זון:

שרייב!

וויקטאָר

(צום טאַטן):

וואָס זאָל איך שרייבן?

מאַן:

זייער שיין. אַ שרייבער — און קען קיין צוואה נישט שרייבן... גוט, שרייב אָן דעם טאָג, חודש, יאָר... איך, וויקטאָר וואָלטערס, שרייב די דאָזיקע צוואה, זייענדיק ביי אַלע מיינע חושים און ביי מיין פולן פאַר־שטאַנד. צו דיר, מיין ליבע פרוי, ביבי וואָלטערס.

די צייט איז געקומען, אַז איך מוז זיך שיידן פון דער וועלט, בעט איך דיך דו זאָלסט זיך צום האַרצן נישט נעמען פאַר מיין פריצייטיקן טויט, ווייל איך בין אַן אויסוואורף, אַ ליגנער, אַ מערדער.

וויקטאָר:

ס׳אַ ליגן! (זון דערנענטערט זיך צו אים) **נו, גוט, וואָס ווייטער?**

מאַן

(דיקטירט):

כ׳קאָן מער נישט פאַרטראָגן דעם וויגעשריי פון מיינע קרבנות, וועלכע איך האָב אומגליקלעך געמאַכט, איבערהויפּט די פון מיין לעצטער פּיעסע „דער מאָדערנער איוב“. איז מיין לעצטער ווונטש דו זאָלסט גלייך אויף מאָרגן אָפּשטעלן די אויפפירונג פון מיין אויבנדערמאָנטער פּיעסע. אויב אַפילו ס׳זאָל דיר גיין אין לעבן, טאָר די פּיעסע נישט געשפּילט ווערן...

וויקטאָר:

זי וועט דאָך נישט האָבן פון וואָס אַ טאָג איבערצולעבן...

מאַן:

זי איז געזונט, זי קאָן גיין אַרבעטן... איצט שרייב אונטער דיין נאָמען.

מערי

(קומט אַרויס):

די אַפּערע וואָס ער האָט געהאַט מיט מיר האָט ער געהאַלטן בסוד. זאָל ער דאָס אַריינשרייבן אין דער צוואה...

מאַן:

דאָס איז אַן עסק פאַרן גיהנום... (נעמט אַרויס דאָס בלעטל פון דער שרייבמאַשין) **שרייב אונטער דיין נאָמען!** (ער קווענקלט זיך, זון דער־נענטערט זיך צו אים. ער שרייבט אונטער זיין נאָמען) **איצט שטעל זיך אויף, שפּיליע פונאַנדער דיין ברוסט ווייל אַהין וויל איך אַריינשיסן 5 קוילן!**

וויקטאָר

(שטעלט זיך אויף):

מערי, אין נאָמען פון אונדזער ליבע, ראַטעווע מיך! איך דאַרף דאָך אַכטונג געבן אויף דעם קינד...

מערי:

דאָס קינד וועט זיך באַגיין אָן דיר!

מאַן:

שפּיליע פונאַנדער דיין ברוסט און צייל אָפּ דריי.

(ער שווייגט, זון דערנענטערט זיך צו אים)

וויקטאָר:

איינס... צוויי...

(ווען ער ענדיקט דאָס וואָרט „צוויי" דערטראָגט זיך אַ טומל לינקס)

מאַן

(צום זון):

[illegible]ערוויס זיך וואָס דאָרטן קומט פאָר...

[illegible]י דער זון גייט אַוועק, מאַכט וויקטאָר אַ פּרווו צו אַנטלויפן. מאַן פאַרהאַלט אים. פון לינקס קומט אָן אַ רב, אַ צעביילטער, אַ צעקיילטער, [illegible]אָך אים מענער און **פרויען** אין אָפּגעריסענע קליידער — אויך צעשלאָגענע)

רב:

ווו איז ער?

זון:

ווער?

רב:

דער כוליגאַן, וואָס האָט געמאַכט אויף אונדז אַ פּאָגראָם. (דערזעט וויקטאָרן) אָט איז ער!

וויקטאָר:

וואָס טוט זיך דאָ? ווער איז ער?

רב:

דו עוכר ישראל! דו כוליגאַן, דו האָסט נאָך די חוצפּה צו זאָגן, אַז דו ווייסט נישט ווער מיר זענען?

וויקטאָר:

כ'הייב נישט אָן צו וויסן...

זון

(צום רב):

וואָס זענט איר געקומען? וואָס ווילט איר?

מאַן

(צום זון):

שווייג, דו! דרך־ארץ פאַר אַ רב! (צום רב) רעדט...

רב

(צו וויקטאָרן):

ווייסט נאָך אַלץ נישט ווער מיר זענען? (מיט אַן אויסגעצויגענעם טאָן) מיר זענען די אומגעקומענע אויף קידוש השם אין דער ווילנער שול...

וויקטאָר:

האָט טענות צו היטלערן, נישט צו מיר...

רב:

דו האָסט אונדז אומגעבראַכט!

וויקטאָר:

איך?

רב:

יאָ, דו!

וויקטאָר:

וועןֹ?

מאַן:

ווי וואַגסטו נעמען אַ רב אויף אַ קרייצפאַרהער?

וויקטאָר:

ער באַשולדיקט מיך, ווייל איך וויסן פאַרוואָס...

רב:

דו גזלן, דו רשע־מרושע, דו עוכר ישראל! מיט מאַכן זיך תמעוואַטע וועסטו זיך פון דיין זינד נישט אויסקויפן! האָסט פאַרגעסן אין דעם חורבן וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט אין דער ווילנער שול?

וויקטאָר:

איך בין אין ווילנע קיינמאָל נישט געווען.

מאַן:

דו מאַכסט אַ רב פאַר אַ ליגנער!

רב:

אַ ביסל אמת איז דאָ אין דעם.

וויקטאָר

(טריאומפירנדיק):

אויב אַזוי, נעמט צוריק די באַשולדיקונג, און באַפעלט אים ער זאָל מיך באַפרייען!

רב:

דו ביסט טאַקע אין ווילנער שול נישט געווען, אָבער דיין צעשטערנ־דיקע האַנט האָט אַהין דערגרייכט...

וויקטאָר:

רבי, זייט מיר מוחל, ס׳קלעפּט זיך דאָך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט...

רב:

דרך־ארץ, דו עוכר־ישראל! אָט זענען עדות, די גאַנצע עדה יידן, וואָס דו האָסט פאַרפאַקט אין דער שול פון ווילנער געטאָ... און שוין אַזוי פיל יאָרן, אַז מיר ברענען...

(פון הינטערגרונט דערטראָגט זיך אַ יאָמער)

איינער:

גאָטעניו, וואָס האָסטו געהאַט צו אונדז?

א צווייטער:

מילא, אַז היטלער ברענגט אונדז אום, איז ער אַ שונא־ישראל, אָבער אַז איינער פון אונדז האָט זיך פאַרנומען אויף אונדז איז דאָך שוין די וועלט קיין וועלט נישט...

אַ פרויען־קול:

כרת יאָרן זאָל ער האָבן דער מערדער, דער אויסוווּרף — ווי ער האָט פאַרשניטן דאָס לעבן פון מיין עופעלע...

אַ צווייטע פרויען־שטימע:

כ׳בין דאָך נאָך קיין 16 יאָר נישט אַלט, כ׳וויל לעבן...

אַ דריטער:

רבי, הייליקער צדיק, פאַרשעלט אים! ס׳זאָל פון אים קיין שריד ופליט נישט בלייבן!

אַ פערטער:

אוי, וויפל איז דער שיעור צוליידן?...

רב:

נו? האָסט געהערט? קלעפּט זיך אַ וואָרט צו אַ וואָרט?

וויקטאָר:

אָבער וואָס בין איך שולדיק?

רב:

דו האָסט אונדז פאַרטריבן אין שול, פאַרשלאָסן די שול און אונטער־געצונדן! און מיר האַלטן אין איין ברענען... (צום מאַן) דאָס האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן פון היטלערן...

מאַן:

אונדז האָט ער אויך אָפּגעשפּילט אַ שיינע חתונה...

רב:

אויך פאַרפאַקט אין אַ שול?

מאַן:

נאָך ערגער, מיך האָט ער געמאַכט פאַר אַ גנב...

דיינאַ:

מיך האָט ער געמאַכט פאַר אַ גאַסן־פרוי...

מוטער:

אונדזער קינד האָט ער אַריינגעטריבן אין שווינדזוכט...

מערי:

מיך האָט ער געמאַכט פון שוואַרץ — ווייס...

רב:

ער איז דאָך אַ מכשף! אונדזער הייליקע תורה זאָגט בפירוש: „מכשפה לא תחיה“.

מאַן:

וואָס מיינט עס?

רב:

אַ מכשף טאָר נישט לעבן.

מאַן:

קאָן איך אים שיסן?

רב:

כן יאבדו!

מאַן:

יאָ, צי ניין?

רב:

יאָ...

וויקטאָר:

כ'בין אומשולדיק! אומשולדיק!

(מאַן שיסט, וויקטאָר פאַלט)

רב:

זאָל דיין בלוט זיין אַ כפרה פאַר אַלע אונדזערע זינד, אין גיהנום זאָלסטו פאַרפאַלן ווערן...

(ס'ווערט פינצטער. אין אַ ווײַלע אַרום ווערט ליכטיק אין דאָקטערס אָפיס. וויקטאָר זיצט אויפן פריערדיקן בענקל)

דאָקטער:

דאָס אַלץ?

וויקטאָר:

ניין, דאָקטער, ס'איז בלויז דער אָנהייב...

דאָקטער:

איר האָט מיך שרעקלעך אויסגעמאַטערט מיט אייער מעשה. לאָמיר מאַכן אַן איבעררייס אויף אַ צען־פופצן מינוט.

וויקטאָר:

גוט, איך בין אויך אַ ביסל מיד...

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

ביים דאָקטער.

וויקטאָר:

איצט זעט איר איין, דאָקטער, אַז איך האָב געמוזט האָבן די גאַנצע צוויי שעה.

דאָקטער:

איך האָב אייך געזאָגט: יעדער פּאַציענט דאַרף מער ווי צוויי שעה, אָבער נישט צוויי שעה אויף אַ מאָל.

וויקטאָר:

מיינט איר נישט, אַז ס'איז אַן אויסערגעוויינלעכע סיטואַציע?

דאָקטער:

איר פאַרשטייט דאָך, אַז פון איין וויזיט וואָס האָט גענומען קאַרגע דריי פערטל שעה, קאָן איך נישט מאַכן קיין אויספירן... אָבער איין זאַך וועט איר מיר דאַרפן מאַכן קלאָר איידער איר גייט ווייטער.

וויקטאָר:

וואָס?

דאָקטער:

וואָס פאַראַ שייכות האָבן געהאַט דער רב און די יידן פון דער ווילנער שול?

וויקטאָר:

ביי מיר האָט אויך געדויערט אַ שטיק צייט צו דערגיין, און נאָכ־טראַכטנדיק איז מיר קלאָר געוואָרן: ס'איז געווען אין דער צייט ווען היטלער האָט געבושעוועט. אין דער פרעסע זענען דערשינען באַריכטן, מעשות וועגן דער אויסראָטונג פון די יידן. איך האָב אין דעם דערזען אַ גרויסן דראַמאַטישן שטאָף. אַלס אַ דראַמאַטורג האָב איך, פאַרשטייט זיך, דאָס אויסגענוצט אין דער פאָרעם פון אַ דראַמע. האָב איך עס אויף

דער הייסער מינוט אָנגעשריבן. גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז מיין פּיעסע „אויף דער עלטער" האָט פּלוצלינג נושא חן געווען ביי אַ פּראָדוסער, האָב איך זיך פאַרנומען מיט דעם און פאַרגעסן וועגן דער דראַמע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן...

דאָקטער:

אַלץ גוט און פיין, אָבער דאָך?

וויקטאָר:

מיך וואונדערט וואָס איר זעט נישט דעם צוזאַמענהאַנג. אויב הינטער יעדן נאָמען וואָס מ׳דערמאָנט אין אַ ווערק איז דאָ דער מענטש מיט דעם נאָמען און מ׳גיט אים אַ סיטואַציע וואָס איז דער היפוך אין וועלכער ער געפינט זיך — קאָן דאָך עס פירן צו אָן אַ שיעור טראַגעדיעס... און אַ דראַמע, דאַרפט איר וויסן, איז נישט ווי דאָס לעבן. איר האַנדלונג איז פול מיט קאַמף, קאָנפליקטן, קלימאַקסן... אמת, דאָס לעבן איז פול מיט קאָמפּליקאַציעס, אָבער זיי קומען פאָר אין פאַרשידענע צייטן, און נישט ביי איין הויזגעזינד, דאָס זעלבע איז מיט די יידן אין דער ווילנער שול. מיר איז נישט באַקאַנט אַז אַזאַ זאַך זאָל האָבן פאַרגעקומען. אָבער אויב איך זענען באַקאַנט די מערדערייען פון די דייטשן אויף די יידן, איז אַזאַ זאַך אויף זיי צו גלייבן. און וואָס קאָן זיין מער דראַמע, אַז מ׳איז פאַרשלאָסן אין אַ שול און מ׳פילט — אָט, אָט, וועט מען זי אונטערצינדן...

דאָקטער:

אָבער פאַרוואָס האָבן זיי געהאַלטן אין איין טענהן, אַז שוין אַזוי פיל יאָרן ווי זיי ברענען?

וויקטאָר:

ווען מ׳פאַרטיפט זיך אין דעם איז עס זייער פשוט. ווען מ׳שרייבט אַ ווערק ווערן מענטשן באַשאַפן. זייער גורל ווערט ערשט באַשטימט ווען דאָס ווערק קומט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט. אָט, למשל, ווי מיר אַלע: מיר זענען נישט קיין צדיקים, מיר טוען אָפּ גענוג מעשים־תעתועים, ווייסט קיינער נישט פון זיי — זענען מיר אַלע פיינע מענטשן, קומט עס אָבער אַרויס אין דער עפנטלעכקייט — ווערן מיר דעגראַדירט צו דער מדרגה פון אונדזערע זינד. דאָס זעלבע איז מיט אַ פּיעסע. ווערט זי געשפּילט — ווערט דער גורל פון כאַראַקטער פאַרחתמעט און ער דאַרף אויספאָלגן דאָס וואָס דער מחבר האָט פאַר אים אָנגעצייכנט. די פּיעסע וועגן די ווילנער יידן איז נישט געשפּילט געוואָרן — ברענען זיי.

דאָקטער:

כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז שרייבן דראַמעס איז אַזאַ ריזיקאַלישע אַרבעט.

וויקטאָר:

אין אַ געוויסן זין איז אייער אַרבעט אויך נישט בעסער.

דאָקטער:

איך הייס קיינעם נישט באַגיין זעלבסטמאָרד. אדרבה, איך היט זיי אָפּ דערפון.

וויקטאָר:

דאָ איז נישט שייך וואָס זיי טוען, נאָר וואָס איר הייסט זיי טאָן. זיי טוען וואָס איר הייסט זיי, נישט וואָס זיי האָבן געטאָן אָדער וואָס זיי ווילן טאָן. טראַכט זיך אַריין אין דעם, דאָקטער...

דאָקטער:

ווי אַזוי זענט איר געקומען צו דעם געדאַנק?

וויקטאָר:

איידער די פּיעסע ווערט געשפּילט וועט איר פרעגן: וואָס ווערט פון די כאַראַקטערן נאָכן שפּילן פון דער פּיעסע? די וואָס בלייבן לעבן — לעבן, ווער אין נחת, ווער אין צרות, און די וואָס שטאַרבן — שטאַרבן. און ווו גייט דער געשטאָרבענער? אין גיהנום...

דאָקטער:

אויב אַזוי איז שעקספּירן אויף יענער וועלט נישט געוועזן אומעטיק...

וויקטאָר:

איך בין אים, אָסור, מקנא...

דאָקטער:

פון וואַנען ווייסט איר וואָס אויף יענער וועלט טוט זיך?

וויקטאָר:

כ׳בין דאָרטן געוועזן.

דאָקטער:

אינטערעסאַנט.

וויקטאָר:

דאָס איז טאַקע דער צווייטער אַקט... איר ווייסט וואָס נאָך איך האָב אויסגעפונען, אַז אין גאַנצן איז דער גיהנום אַלט וואָסערע 6 טויזנט יאָר, גלייך מיט דער ערשטער רעליגיע האָט זיך אָנגעהויבן דער גהינום.

(דאָס ליכט איז דאַקטערס אַפּיס לעשט זיך אויס, לינקס באַווייזט זיך דער גיהנום)

דער גיהנום

רעכטס און לינקס — אַ סך טירן צו פאַרשידענע אָפּטיילונגען. אויף יעדער טיר — אויפשריפטן פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס, ווי, למשל: דאָקטוירים, לאַיערס, דראַמאַטורגן און אַזוי ווייטער.

פון הינטער די אָפּטיילונגען שפּאַרט אַ רויך, אויסגעמישט מיט צונגען פייער און קרעכצן און יללות. אין הינטערגרונט איז דאָס פייער אינטענסיווער, וואָס עס שאַפט דעם איינדרוק, אַז דאָרט ברענט אַ וועלט אַ גאַנצע. אין פאָדערגרונט, אין מיטן פון ביידע זייטן אָפּטיילונגען, שטייט אַ מאַסיווער טיש, אויפן טיש אַ ריזיק בוך.

די סצענע איז פול מיט טייוולאָנים, וועלכע זינגען און טאַנצן אין טאַקט. ס'טוט אַ דונער. די טייוולאָנים הערן אויף טאַנצן און פאַררוקן זיך האַרט צו די טירן. ווען אויף דער בינע ווערט שטיל ווערן די קרעכצן און יללות הינטער די טירן העכער. טיף אין הינטערגרונט באַווייזט זיך דער אַשמדאַי, זיין גאַנג איז באַגלייט מיט דונערן. ווען ער גייט פאַרביי די טייוולאָנים, פאַלן זיי מיטן פנים צו דער ערד.

אשמדאי

(קומט צום טיש, טוט אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין בוך און שרייט מיט אַן אויסגעצויגן קול):

לייגט זיי אונטער נאָך שוועבל, נאָך פּעך! זאָל דאָס פייער זיין שטאַרקער! יעדערן וואָס פּרוווט שרייען, גיסט אַריין צעלאָזן בליי אין האַלדז אַריין!

(אַ טייל פון די טייוולאָנים פאַרשווינדט אין די טירן. דאָס קרעכצן און וויינען שטאַרבט אָפּ)

סמאל!

(פון ערגעץ שפּרינגט אַרויס סמאל, ענלעך צום אשמדאי)

עפן דאָס געריכט!

סמאל

(רעדט אין דעם זעלבן טאָן ווי דער אשמדאי):

די 5 טויזנט דריי הונדערט און 99טע סעסיע פון גיהנום איז אָפן!

די טייוולאָנים עפענען די טירן פון די אָפּטיילונגען נעבן וועלכע זיי שטייען. ס'הייבן אָן אַרויסקומען אויסגעדאַרטע מענטשן, יעדער מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס: אַ לענדלאָרד — טראָגט אַ שטוב; אַ קוילן־מאַגנאַט — אַ קוילנגרעבער; אַ ישיבה־בחור — אַ באַנק; אַ רב — אַ ש"ס; אַ גענגסטער — אַ רעוואָלווער; אַ טעאַטער־מענעדזשער — אַ קערבל מיט געלט; אַ שרייבער — אַן עמער טינט. איינער אַ מאַן גייט אַרום אין פּרויען־קליידער.

אַלע גייען אַרום אין אַ רעדל פאַרביי דעם אשמדאי און סמאַלן, ברומען אַן אומעטיקן ניגון, ווי זיי וואָלטן געוויינט.

דער גנעדיקער האַר, דער אשמדאי, איז גרייט צו הערן אייערע טענות!

(זיי שטעלן זיך אויס אין אַ שורה, איינער הינטער דעם צווייטן)

לענדלאָרד

(רעדט מיט די לעצטע כוחות):

גנעדיקער האַר! שוין 99 יאָר, אַז איך טראָג די משא אויף מיינע פּלייצעס. ווען וועל איך באַפרייט ווערן פון דער משא?

אשמדאי:

וויפל הייזער האָסטו פאַרמאָגט?

לענדלאָרד:

צוויי, גנעדיקער האַר...

הענגט אויף אים אָן נאָך אַ הויז, און זאָל ער עס טראָגן אַזוי לאַנג ביז וואַנען דאָרטן, אויף דער פאַרפלוכטער ערד, וועלן מער קיין הייזער נישט זיין.

(לענדלאָרד כליפּעט זיך פונאַנדער. אַ טייוול פירט אים אָפּ אין זיין אָפּטיילונג. דער וואָס טראָגט דעם קוילנגרעבער קומט צו)

וואָס איז דיין פאַרלאַנג?

קוילנמאַגנאַט:

(שטאַרק אויסגעמאַטערט):

גנעדיקער האַר! ווען וועט איר מיך באַפרייען פון דעם שמוציקן נפש? איך האָב קיין כוח נישט אַרומצושלעפּן אים און צו באַדינען...

אשמדאי:

וויפל גרובנס האָסטו געהאַט?

קוילנמאַגנאַט:

נו, אַז איך האָב געהאַט אַ צוויי דריי קוילנגרובנס דאַרף איך אַזוי

פיל אָפּקומען? ער איז שטאַרקער פון מיר, ער דאַרף מיך טראָגן אויף די הענט, ער דאַרף מיך באַדינען.

אשמדאי:

ער האָט דיך געגוג געטראָגן אויף די הענט, ער האָט דיך גענוג באַדינט! (צו סמאלן) הענג אויף אים אָן נאָך צוויי קוילנגרעבער! און טראָגן זאָל ער זיי אַזוי לאַנג ביז מ'וועט אַרויסטראָגן אַלע קוילן פון דער ערד! (דער קוילנמאַגנאַט ווײנט זיך פונאַנדער. אַ טײוול פירט אים אַוועק אין זײַן אָפּטיילונג. דער מיט דער באַנק קומט צו צו סמאלן)

ווער איז ער?

סמאל:

אַ ישיבה־בחור, מיין האַר.

אשמדאי

(צום ישיבה־בחור):

רעד!

ישיבה־בחור:

ערגעץ מוז זײַן אַ טעות, מיין אָרט דאַרף זײַן אין גן־עדן.

אשמדאי:

אומזיסט קומט מען נישט אַהער. עפּעס האָסטו געמוזט טאָן וואָס ס'האָט דיך געבראַכט אַהער.

ישיבה־בחור:

איך האָב געלערנט טאָג און נאַכט, זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פאַרגעניגנס פון יענער וועלט...

אשמדאי

(צו סמאלן):

ווי קומט ער טאַקע אַהער?

סמאל:

מיין גנעדיקער האַר! אָנגעקלאָגט האָט אים יענע וועלט, ווייל ער איז געווען אַ שלעכטער מוסטער. ער האָט רעוואָלטירט קעגן אירע יסודות, אָנגעפירט פּראָפּאַגאַנדע קעגן אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט יענער וועלט. מיט איין וואָרט — געוואָלט פון איר מאַכן אַ וועלט פון כולו צדיקים.

אשמדאי:

אָט דער אומשולדיקער נפש?

ס מ א ל :

גנעדיקער האַר! ערשט פאַר די אומשולדיקע דאַרף מען זיך היטן... איר ווייסט וויפל שוואַרצע כוחות זיי פאַרמאָגן?

א ש מ ד א י :

99 יאָר אין קאַלכאויוון!

(ישיבה־בחור כליפּעט זיך פאַנאַנדער. מ׳פירט אים אַוועק אין הינטער־גרונט)

ס מ א ל :

מיין האַר! דערלויבט מיר צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט וועגן אַ פאַרשוין וואָס האָט דערגרייכט אַהער פון די אייבערשטע ספערן נעכטן נאָך האַלבער נאַכט. פון דעם ביסל אינפאָרמאַציע וואָס איך האָב וועגן אים, ווייזט ער אויס צו זיין גאָר פון די געהויבענע באַשעפענישן, וויל איך, אויב מעגלעך, אַז די טעגלעכע רוטין זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, מען זאָל אויפנעמען די זינד פון דעם ניי־געקומענעם און באַשטימען זיין אָרט, ווייל ער דרייט זיך מיר אונטער די פיס און איך קאָן זיין פרצוף נישט פאַרטראָגן.

א ש מ ד א י :

דער אשמדאי נעמט אָן דיין פאַרלאַנג. (צו די טייוולאָנים) נעמט צו די ברואים!

ס מ א ל

(שרייט):

וויקטאָר פאַרנעס! (נאָך אַ ווײַלע) וויקטאָר פאַרנעס! ווו איז דער פאַרפלוכטער וויקטאָר פאַרנעס?

אַ ש ט י מ ע :

אָט בין איך...

ס מ א ל :

ברענגט אים אַהער! (צוויי טייוולאָנים ברענגען אים צום טיש) דאָ אַז מ׳רופט דאַרף מען גלייך קומען.

ו י ק ט אָ ר :

כ׳האָב נישט געוווּסט ווו צו גיין.

ס מ א ל :

שטיל זאָל זיין!

א ש מ ד א י

(צו סמאלן):

וואָס איז געווען זיין באַשעפטיקונג אויף דער זינדיקער ערד?

סמאל:

אַ דראַמטורג.

אשמדאי

(אויסער זיך):

אַ דראַמאַטורג? (צו אַ טייוול) **ברענג אים אַ שעפל קאָכעדיק טינט!**

(טייוול ברענגט עס) **טרינק!**

וויקטאָר

(פאַרזוכט):

ס'איז חלשות...

אשמדאי:

לעכערט אים דורך די ליפּן און הענגט אָן אַ שלאָס אויף זיין מויל!

וויקטאָר:

פאַרוואָס קומט דאָס מיר?

אשמדאי:

דאָ טו'ט מען וואָס מ'הייסט, מ'רעדט נישט! (צוויי טייוואָלאַנים דער־נענטערן זיך מיט אַ שפּיז און אַ גרויסן שלאָס)

וויקטאָר:

כ'שוייג דאָך... כ'שווייג דאָך... (די טייוולאַנים אָפּ)

אשמדאי:

וואָס נאָך האָסטו געטאָן אויף דער זינדיקער ערד?

וויקטאָר

(קוקט זיך אַרום):

כ'מעג רעדן?

אשמדאי:

רעד, דו פאַרפלוכטער מענטש! אויב נישט, וועט מען דיר דיין צונג אַרויסרייסן!

וויקטאָר:

אַלץ וואָס איך האָב געטאָן איז — געשריבן דראַמען...

אשמדאי

(אויסער זיך):

האָסט געשריבן דראַמען, און דו האָסט נאָך די חוצפּה צו זאָגן, אַז

מער ווי דאָס האָסטו נישט געטאָן. דאָס איז ווייניק? אַ קלייניקייט, געשריבן דראַמען...

ווי קטאָר:

ס׳איז געווען פאַררעכנט פאַר אַן אָנשטענדיקער מלאכה.

אשמדאי

(קלאַפּט אין טיש):

שאַ! (צו סמאלן) ווי האָט ער זיך אויפגעפירט?

סמאל:

(לייענט אַרויס פון בוך):

וויקטאָר פאַרנעס, אַ דראַמאַטורג, צו 18 יאָר זיך פאַרליבט אין אַ מיידל, זי רואינירט, געשריבן דראַמען און אין די דראַמען און דורך די דראַמען אומגליקלעך געמאַכט אַ רב, אַ שוחט, געטריבן אַ טעאַטער־מענעדזשער צו זעלבסטמאָרד, צוליב אים איז אַ מאַן מיטן נאָמען מאַקס געשטאָרבן פון אַ קימפּעט, און אַ פּאָר פון ווייבלעכן געשלעכט איז אין כף־הקלע און מ׳ווייסט נישט וווּ זייער געביין איז אַהינגעקומען...

אשמדאי:

איז דאָס אמת?

וויקטאָר:

כ׳געדענק נישט.

סמאל:

און איינער, אַ געוויסער דראַמאַטורג, איז פון יענער וועלט אַוועק און ביי אים, ביי וויקטאָר פאַרנעסן, איבערגעלאָזן זיינע מאַנוסקריפּטן. האָט ער, וויקטאָר פאַרנעס, די מאַנוסקריפּטן איבערגעשריבן און זיי פאַרקויפט אַלס זיינע.

אשמדאי:

איז דאָס אמת?

וויקטאָר:

כ׳געדענק נישט.

אַשמדאי:

דערוואַרעמט אים, וועט ער זיך אָפּפרישן (מען פירט אים אַריין אין דער דראַמאַטורגן־אָפּטיילונג)

סמאל:

גנעדיקער האַר! דאָ, אין גיהנום, אין דער וועלט פון גערעכטיקייט

וואָס איז אונטער אייער רשות, געפינען זיך מענטשן וואָס ער האָט אין זיינע דראַמען און דורך זיינע דראַמען אומגליקלעך געמאַכט, איז אויב איך וועל געפינען חיין אין די אויגן פון מיין האַר, וואָלט איך געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מ׳זאָל רופן אַלע זיינע קרבנות און זאָלן זיי אים משפטן.

אשמדאי:

דייך פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען מיט איין באַדינג: זיי קאָנען בלויז מאַכן רעקאָמענדאַציעס, דעם פסק גיב איך אַרויס...

(וויקטאָר קוקט אים נאָך. ווען ער פאַרשווינדט, גייט ער פון טיר צו טיר, לייענט די אויפשריפטן, ווען ער קומט צו דער טיר מיטן אויפשריפט „פאַר דראַמאַטורגן״, שטעלט ער זיך אָפּ. ער ישובט זיך אַ ווײַלע, ענדלעך באַשליסט ער אָנקלאַפּן. די טיר עפנט זיך לאַנגזאַם, ס׳באַווײַזט זיך אַ קאָפּ, צעקײַלט, צעבײַלט, פול מיט ווונדן)

קאָפּ:

וואָס ווילט איר?

וויקטאָר:

כ׳בין אַ דראַמאַטורג, קאָן איך אַרייַנגיין?

קאָפּ:

ניין...

וויקטאָר:

פאַרוואָס נישט?

קאָפּ:

אָט באַלד קום איך אַרויס, וועל איך אייך דערקלערן... (אין אַ ווײַלע אַרום קומט ער אַרויס) איר זענט געקומען אין נישט קיין גינסטיקער צייט, שעקספּיר האָלט אין איין חלשן...

וויקטאָר:

וואָס איז אים?

דראַמאַטורג:

איר ווייסט דאָך, בערנאַרד שאָו מיט זיינע שטעכווערטלעך.

וויקטאָר:

קאָן אים שעקספּיר נישט ענטפערן צוריק?

דראַמאַטורג:

ווי ער וויל עפּעס זאָגן, לאָזט אים טאָלסטאָי דאָס מויל נישט עפענען.

דאָס איז, ווי איר ווייסט, איינע פון די שפּילן, וואָס דער אשמדאי האָט אויסגעטראַכט...

ווי קטאָר:

אָבער ווי קאָן מען טאָן אַזאַ זאַך שעקספּירן?

דראַמאַטורג:

דאָס לעצטע מאָל איז געווען פאַרקערט. ער האָט געמאַכט פון בערנאַרד שאָו און טאָלסטאָיען אַש און בלאָטע. אָבער איר קענט דאָך די ענגלענדער, — זיי פאַרשטייען נישט קיין וויץ. ערגערט אים איטלעכס וואָרט, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ספּאַזם פון חלשן... פאַראַכטאָגן האָט זיך אָפּגעשפּילט די זעלבע חתונה צווישן געטע און יעקב גאָרדין. גאָרדין האָט געטענהט, אַז זיין דראַמע „פאַוסט" האָט געטע גענומען פון זיין „גאָט, מענטש און טייוול".

וויקטאָר:

דאָס איז דאָך אַן אַבסורד.

דראַמאַטורג:

דאָ איז דאָס אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. אַבי מ'האָט מיט וואָס צו דערגיין זיך די יאָרן. אַנישט, וואָלט מען דאָך דאָ שבת משוגע געוואָרן... איצט זאָגט מיר, איר זענט שוין לאַנג דאָ?

וויקטאָר:

אַ פּאָר שעה.

דראַמאַטורג:

איז ווי געפעלט אייך דאָ?

וויקטאָר:

כ'וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת, כ'זיך נאָך נישט גוט אַרומגעקוקט.

דראַמאַטורג:

איר וואָלט באַדאַרפט צוגיין צום פּיקניק, וואָלט איר געקריגן אַ באַגריף ווי אַזוי מ'פאַרוועט דאָ ימים־טובים, כאָטש באַלד אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט דאָ אויך ווערן פריילעך... (באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס) איר קוקט מיר אויס באַקאַנט.

וויקטאָר

(ציט מיט די אַקסלען):

איך קען אייך זיכער נישט.

דראַמאַטורג:

איז אייער נאָמען נישט אַמאָל פּאַרנעס, וויקטאָר פּאַרנעס?

וויקטאָר:

יאָ. ווער זענט איר?

דראַמאַטורג:

אַמאָל זענען מיר געווען גוטע פריינד, זייער גוטע פריינד...

וויקטאָר

(קוקט אים אַריין טיף אין פּנים, שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין)

דראַמאַטורג:

נו, אַוודאי, אַז מ׳איז דאָ אָפּ איין טאָג איז נישט גענוג, אַז מ׳זאָל נישט קאָנען דערקענען. איר האָט געקענט איינעם אשר שטערן?

וויקטאָר

(אויסער זיך):

דו ביסט אָשר שטערן? (ער באַשטעטיקט) מיין גאָט!

(צוויי טייוולאָנים וואַקסן פלוצלינג אויס)

ערשטער טייוול:

ווער האָט דאָ דערמאָנט דעם נאָמען וואָס טאָר נישט דערמאָנט ווערן?

אָשר:

איר מוזט אים אַנטשולדיקן. ער איז דאָ אַ נייער.

צווייטער טייוול:

ער האָט דאָך דאָ געקאָנט ברענגען אַ חורבן!

ערשטער:

לאָמיר אים אָנלערנען. (ביידע וואַרפן זיך אויף אים אַרויף, רייסן פון אים שטיקער, לאָזן אים איבער אויף דער ערד, פאַרשווינדן)

אָשר

(העלפט אים אויפשטיין):

האָסט נאָך גוט אָפּגעשניטן. זאָלסט זיך היטן נישט דערמאָנען דאָס וואָרט מער...

וויקטאָר

(וויינט):

כ׳וועל דאָס נישט אויסהאַלטן, כ׳וועל אַנטלויפן ווו מיינע אויגן וועלן מיך טראָגן...

אשר:

פון דאַנען אַנטלויפט מען נישט... און דאָס וואָס דו האָסט איצט אַריינגעכאַפּט, איז נאָך גאָרנישט לגבי דעם וואָס דיך דערוואַרט. נאָך אַ זאַך: נישט וויינען, ווייל דאָס איז אַ זינד. איז ווו האַלטן מיר?

וויקטאָר:

דו רעד, איך האָב מורא צו רעדן...

אשר:

נישט רעדן איז אויך אַ זינד.

וויקטאָר:

וואָס איז נישט קיין זינד?

אשר:

אַלץ איז אַ זינד... וואָס הערט זיך עפּעס אין דער טעאַטער־וועלט?

וויקטאָר:

דאָס יונגוואַרג האָט פאַרכאַפּט דעם מאַרק. אָבער קיין גרויסע קאָנקורענטן זענען זיי נישט. אַז עס קומט צו דראַמע מוז מען נאָך אַלץ אָנקומען צום עלטערן דור.

אשר:

אָבער די אַלטע ווען זיך לאַנג נישט האַלטן. ווי איך פאַרשטיי רעוואָלטירן די כאַראַקטערן קעגן די דראַמאַטורגן...

וויקטאָר:

פון וואַנען ווייסטו עס?

אשר:

אַ חוץ אפשר פאַריז איז דאָ דאָס פּאָפּולערסטע אָרט. ביסט דאָך געווען אין ווערהויז, האָסטו דאָך געזען וויפל מענטשן ס׳קומען אָן אַלע טאָג...

וויקטאָר

(פאַרוווּנדערט):

ווערהויז?

אשר:

כ׳האָב פאַרגעסן, דראַמאַטורגן זענען פּריווילעגירטע, זיי שיקט מען גלייך אַריין אַהער. די מיט טאַלאַנט בלייבן דאָ, די אָן טאַלאַנט שיקט מען ערגעץ ווייטער...

ו י ק ט אָ ר:

וווהין?

אָ ש ר:

ס'ווענדט זיך אין זיין טאַלאַנטלאָזיקייט...

ו י ק ט אָ ר:

דאָרט איז נאָך ערגער ווי דאָ?

אָ ש ר:

מסתמא.

ו י ק ט אָ ר:

אויב איך וועל נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, וואַרף אַריין אַ גוט וואָרט פאַר מיר.

אָ ש ר:

מיין וואָרט וועט דיר גאָרנישט העלפן, אַפילו אויף שעקספּירן קוקט מען זיך דאָ נישט אום.

ו י ק ט אָ ר:

אפשר קאָן איך אַ קוק טאָן אויף שעקספּירן ווי ער זעט אויס?

אָ ש ר:

יאָ, ס'איז מעגלעך, אָבער פריער לאָמיר זיך דורכשמועסן.

ו י ק ט אָ ר:

אדרבה.

אָ ש ר:

וואָס איז געוואָרן פון די פּיעסן וואָס כ'האָב ביי דיר איבערגעלאָזן?

ו י ק ט אָ ר:

וואָס זאָל ווערן? גאָרנישט. פאַרגעס נישט, זינט דיינע צייטן האָט זיך דער באַגריף וועגן פּיעסן אין גאַנצן געביטן.

אָ ש ר:

איך האָב געהערט דעם היפּוך... ס'איז דאָ אַ שטאַרקע נייגונג צו די פּיעסן פון אַמאָל.

ו י ק ט אָ ר:

יאָ, צו די קלאַסיקער, אָבער נישט סתם צו אַלטע פּיעסן... און אויב דו געדענקסט, האָבן דיינע פּיעסן קיינמאָל נישט געהאַט קיין פאַרנעם, קיין שווונג.

אַשר:

זינט ווען ביסטו דאָס געוואָרן דער גרויסער דראַמאַטורג?

וויקטאָר:

אויב דו ווייסט אַלץ, ווייסטו דאָך, אַז מיינע פּיעסן זענען געשפּילט געוואָרן, און אויב, אַפילו, מ׳האָט מיינע אַ פּיעסע אָפּגעוואָרפן, איז עס נישט געווען צוליבן שרייבן, נאָר ווייל דער עולם איז נישט געווען דערוואַקסן צו די אידייען אין מיינע פּיעסן. אָבער דערנאָך האָבן זיי איינגעזען, אַז מ׳דאַרף דעם עולם דערציען, ערשט דעמאָלט זענען מיינע פּיעסן געוואָרן אַ סחורה.

אַשר:

אַלס דיינער אַ פריינד לאָמיך דיר אויפמערקזאַם מאַכן אויף עפּעס וואָס וועט דיר דאָ שטאַרק צונוץ קומען. און דאָס איז: אויב אויף יענער וועלט קאָנען מענטשן אָפּלעבן אַ לעבן מיט ליגנס, גניבות, גזילות, קאָן מען דאָס דאָ נישט. דאָ האַלט מען ז׳עכענונג פון יעדן טראָט וואָס דו האָסט דאָרטן געמאַכט, און דאָ זענען נישטאָ די פּיפּיקע לאָיערלעך וואָס זאָלן דיך אַרויסשלעפּן.

וויקטאָר:

אַנטקעגן וואָס זאָגסטו עס מיר?

אַשר:

ווייל דו זאָגסט ליגן! מיר דאָ ווייסן אַ סך פריער ווען דו וועסט אַהער־קומען. שוין מיט אַ חודש צייט צוריק איז דיין נאָמען געווען אויפן צעטל, אַז דו וועסט דאָ אין גיכן זיין. און לאָמיר דיר זאָגן, אַז קיין גוטע פריינד האָסטו דאָ נישט.

וויקטאָר:

כ׳שטעל זיך פאָר, אַז איך האָב דאָ גענוג שונאים, אָבער דו, בין איך זיכער, וועסט זיין אויף מיין זייט.

אַשר:

איך בין געווען אויף דיין זייט ביז דעם אינצידענט מיט מיין „דראַמע אויף דער עלטער״. ווי האָט עס איינער די חוצפּה נעמען אַ ווערק פון זיין געשטאָרבענעם בעסטן פריינד און עס פאַרקויפן אונטער זיין נאָמען?

וויקטאָר:

ס׳איז געווען מיין דראַמע!

אָשר

(מיט כעס):

דיין דראַמע? סמאל!

סמאל

(וואַקסט אויס פון ערגעץ):

כ׳בין דאָ געווען די גאַנצע צייט, כ׳האָב געהערט די ליגנס וואָס ער האָט דערציילט. די דראַמע איז זיינע.

וויקטאָר:

כ׳האָב אין דער דראַמע אַריינגעלייגט מער אַרבעט ווי ער.

אָשר:

ער האָט בלויז צעקריפּלט מיינע כאַראַקטערן.

סמאל:

דאָס אַלץ איז באַוווסט... (רעדט מיט אַ לאַנג אויסגעצויגן קול) אַלע די וואָס האָבן אַ שייכות מיט וויקטאָר פאַרנעס זאָלן זיך תיכף מעלדן!

(אַן עכאָ חזרט איבער זיינע ווערטער)

אשמדאי

(וואַקסט אויס):

ווער איז דאָס דער גורם אַז די שבת־רו זאָל פאַרשטערט ווערן?

סמאל

(ווייזט אָן אויף וויקטאָרן):

גנעדיקער האַר! ער האָט פאַרשוועכט דעם כבוד פון איינעם פון אונדזערע חשובע בירגער.

אשמדאי:

באַשטראָף אים!

סמאל:

גנעדיקער האַר! ס׳איז שבת...

אשמדאי:

גערעכט. וואָס זשע טוט מען?

סמאל:

לויט די סטאַטוטן פון גיהנום האָט איר די אויטאָריטעט צו פסלען דעם שבת, אויב איר געפינט פאַר נייטיק.

אשמדאי:

אויב אַזוי איז אויס שבת!

(ס׳דערהערט זיך אַ דונער. אין הינטערגרונט ווערן דער רויך און די פלאַמען אינטענסיווער. פון לינקס הייבן אָן אָנקומען די חברה וואָס זענען אַוועק צום פּיקניק, אייניקע טראָגט מען אויף טראָגבעטלעך. ס׳שטעלן זיך אויס עטלעכע טייוולאָנים וואָס לענקען זיי צום הינטערגרונט. די טירלעך וואָס מיט די אויפשריפטן עפענען זיך)

ס מ א ל :

די אַלע וואָס האָבן אַ שייכות מיט וויקטאָר פאַרנעס זאָלן דאָ בלייבן!

(פון די מאַרשירנדיקע קומען אַרויס פיר מענער, איינער אין פּרויען־קליידער, און אַ יונג מיידל)

גנעדיקער האַר! (ווייזט אָן אויף די צוגעקומענע) **די פאַרזאַמלטע האָבן נאָך נישט געקראָגן זייער פּסק־דין, ווייל מ׳האָט געוואַרט מיט זייער משפט ביז ער וועט קומען. איצט, אַז ער איז דאָ, קאָן מען אָנגיין מיטן משפט, הן פאַר זיי און הן פאַר אים.**

א ש מ ד א י :

אויב די אָנקלאַגע איז פאַרטיק, לאָמיר דאָס אָפּפטרן...

ס מ א ל :

די אָנקלאַגע, גנעדיקער האַר, איז די זעלבע ווי אַלע אָנקלאַגעס פון די מענטשן: איינער גנבעט ביים צווייטן... ס׳איז נאָך קיין איין מענטש נישט געווען ריין פון דער באַשולדיקונג. אָבער דער ענין פון גנבענען איז אין דעם פאַל קאָמפּליצירט, די גנבה איז באַגאַנגען געוואָרן אָן יענעם שרעק און ציטער וואָס אַ גנב האָט געווייינלעך, און וואָס איז אַ טייל פון זיין אָפּקומעניש פאַר זיינע זינד. ע ר איז געזעסן רואיק און געמיטלעך ביי זיך אין קאַבינעט און געגנבעט אָן מורא און אָן שרעק. און אויב דאָס איז נאָך נישט גענוג, האָט ער אומגליקלעך געמאַכט און צום טויט געטריבן: אַ טעאַטער־מענעדזשער, אַ רב, אַ גענגסטער, אַ מאַן וואָס איז געשטאָרבן פון אַ קימפּעט.

מ יי ד ל :

און דאָס וואָס ער האָט מיך פאַר דער צייט געטריבן פון דער וועלט?

ס מ א ל :

יאָ, דאָס אויך.

א ש מ ד א י :

צו אַלדי מענטשן! ווען, אָ ווען, וועט שוין נעמען אַ סוף צו זייער פאַרדאָרבנקייט? ווען, אָ ווען, וועלן זיי זיך שוין אויסלערנען צו לעבן

ווי מענטשן און הנאה האָבן פון די עטלעכע געציילטע יאָרן וואָס זיי האָבן צו לעבן אויף דער וועלט, און נישט טראַכטן טאָג ווי נאַכט איינער דעם צווייטן צו באַגנבענען, באַגזלגען און אומברענגען? אַלע נאַכט באָד איך זיך אין די טרערן וואָס איך פּאַרגיס אויף זייער גורל. זייערע קולות און געשרייען לאָזן מיך קיין אויג נישט צומאַכן. איך קאָן זיי שוין מער נישט ברענען און בראָטן. ווען וועט שוין נעמען אַ סוף דערצו? ווען?

סמאל:

גנעדיקער האַר! איר האָט גערעדט די רייד וואָס מיינע פּאַרשלאָסענע ליפּן האָבן נישט געקאָנט אַרויסברענגען. אויך איך קאָן דאָס מער נישט אַריבערטראָגן.

אשמדאי:

ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן, אַז דער גיהנום זאָל קומען צו אַזאַ מדרגה? אין די ערשטע יאָרן פון דער גרינדונג פון גיהנום איז דאָך אַלץ געווען אַ קינדערשפּיל. די עברהלעך זענען געווען קליינינקע. יעדער מענטש איז געווען ערלעך, דורכגעפירט זיין מיסיע, געלעבט אין זיינע אָנגעצייכנטע דלד־אמות, נישט געפּרוווט איינער דעם צווייטן אַריבער־קליגן, קנאה־שנאה האָבן ווי שוואַרצע קראָען געפלאַטערט אין די הויכן, אָבער ווער האָט זיך אומגעקוקט אויף זיי? ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אַז זיי וועלן ווערן די הערשער? אַז זיי וועלן אומברענגען וועלטן? ווי גוט איז מיר געווען אין יענע ערשטע טעג פון גיהנום. די זינד וואָס די מענטשן זענען דעמאָלט באַגאַנגען, זענען גאָר קיין זינד נישט געווען. איך האָב זיי געהאַלטן, ווייל ס'איז מיר געווען אומעטיק צו זיין אַליין. אגב, איז דער גן־עדן דעמאָלט געווען פול. היינט איז דאָ אַזאַ ענגשאַפט, אַז מ'קאָן דאָך פשוט נישט אָטעמען... ס'האָבן זיך דאָך שוין מיר אויסגע־נומען אַלע שטראָף־מיטלען. אַמאָל, אַז איינער פלעגט קומען אַהער, פלעגט ער זיך חידושן, וואָס טוט ער דאָ? היינט קומען זיי אַהער פריילעכע, זיי האָבן זיך געגרייט דאָס גאַנצע לעבן צו קומען אַהער... סמאל!

סמאל:

יאָ, גנעדיקער האַר.

אשמדאי:

איך האָב מער נישט קיין שטראָף פאַר זיי, לויט דעם חורבן, די צרות און די נגישות וואָס זיי טוען אָן דאָרטן איינער דעם צווייטן, האָבן זיי זיכער מער וועגן און מיטלען ווי צו פּייניקן ווי איך. זאָלן זיי אַרויס־

ברענגען דעם פּסק־דין. איך האָב מער נישט קיין האַרץ דערצו... (אָפּ)

סמאל:

איר האָט אַלע געהערט די קלוגע רייד פון דעם גיהנום־האַר. שטעלט זיך אויס אין אַ ריי, דערציילט אַזוי קורץ ווי מעגלעך אייערע תביעות און רעקאָמענדירט זיין שטראָף.

(זיי שטעלן זיך אויס איינער הינטער דעם צווייטן)

ערשטער:

איך בין אַ טעאַטער־מענעדזשער ווען ער האָט געטריבן צו זעלבסט־מאָרד. הדשים נאָכאַנאַנד האָט ער מיך פאַרפאָלגט מיט אַ פּיעסע „אויף דער עלטער". איך האָב עס נישט געוואָלט קויפן, אָבער די שדכנים וואָס ער האָט געשיקט האָבן מיר פאַרבלענדט די אויגן און פאַרטעמפּט מיינע געדאַנקען. כ'האָב די פּיעסע אויפגעפירט. אַ חוץ דעם וואָס איך האָב דערלייגט מיין גאַנץ פאַרמעגן, האָב איך זיך פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. דער איינציקער אויסוועג איז געווען זעלבסטמאָרד, און אַזוי אַרום בין איך געקומען אַהער... נאָך ביים לעבן האָב איך אָנגעזאָגט די אָנגעשטעלטע אין טעאַטער, אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט זיך געפינען אונטער דעם אַסבעסט־פאָרהאַנג זאָלן זיי אים מיט זייער גאַנצן כוח אַראָפּלאָזן אויף זיין קאָפּ. אָבער ער האָט אויסגעמיטן צו שטיין אויף יענעם פּונקט. און איצט, אויב מ'קאָן עס באַוויזן, וואָלט איך רעקאָמענדירט, אַז דאָס זאָל זיין זיין שטראָף.

סמאל:

ווי גערעכט איז דער האַר פון גיהנום געווען מיט זיין באַמערקונג, אַז די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן אויסטראַכטן גרויזאַמערע שטראָפן ווי ער. גוט, מיר וועלן דאָס באַטראַכטן...

ערשטער:

אַ דאַנק... (ער גייט אַוועק, אַ צווייטער פאַרנעמט זיין אָרט)

צווייטער:

ווען איך דערמאָן זיך אין מיין אומגליק, וואָס ער האָט געמאַכט פון מיר, ווערט מיין האַרץ פאַרטרונקען אין טרערן און איך קאָן נישט רעדן. וועל איך בעטן אַ דערלויבעניש זיך אויסוויינען. (וויינט) איך בין דער שוחט אין דער דראַמע „אויף דער עלטער", וואָס האָט אַ חוץ עופות געשאָכטן בהמות. אשר שטערן, דער אמתער מחבר פון דער פּיעסע, האָט מיך געשילדערט ווי אַ געטרייער זון, אמתדיק. ער האָט מיך גוט געקענט,

ווייל איך בין געווען זיין טאַטע. ווער זאָל זיך ריכטן, אַז דער פּושע ישראל זאָל מיין גוט יידיש האַרץ פאַרוואַנדלען אין אַ שטיין, איך זאָל איבערלאָזן מיין ווייב און קינדער און ווערן אַ שונא־ציון, אַ גענגסטער...

ס מ א ל :

מיר ווייסן וואָס ער האָט געטאָן, וואָס זאָל זיין זיין שטראָף?

צ ו ו י י ט ע ר :

זאָל ער האָבן דעם זעלבן סוף וואָס איך...

*

אַ גרויס צימער. מעבלירט לויט דער צייט וואָס פּאַסט זיך פאַר די האַנדלונגען אין דער נישט־פאַרענדיקטער דראַמע. אַ שרייב־טיש, אַ ווייסער לעדערנער שטול מיט געבעטע קישעלעך. אַ שרייב־מאַשינקע. אין שרייבמאַשין, האַלב־אַרויסגעשטאַרט, זעט זיך אַ בויגן באַשריבן מיט עטלעכע שורות. אויפן שרייבטיש ליגן גראָבע ביכער, מאַנוסקריפּטן און אַ גרויס בילד פון אַ יונגער פרוי. אויף די ווענט — פּאָליצעס מיט ביכער. ביי דער זייט אַ קליינער ארון־קודש פאָרמיר־טער ווײַנשענקל מיט אַ הויכן, לאַנגן טיש און הויכע בענקלעך. גלאָזגעשיר.

ס'איז פינצטער, טונקל, העלער, אַ פּאַס ליכט פאַלט אַריין דורכן ווענעציאַנער פענצטער. לבנה־שיין קריכט אַרום צוערשט אויפן דיל, דערנאָך אויפן טיש ביז עס דערגרייכט דעם שרייבטיש און בלייבט אויף...

דער מחבר זיצט אינעם שטול, די הענט אויף דער שרייב־מאַשינקע, נאָר דער קאָפּ איז אויסגעבויגן אַראָפּצו לינקס, צום שרייבטיש ווו דאָס בילד שטייט.

עס הערט זיך אַן אויסגעצויגן ציטערדיק קול:

דאָס איז דער שרייבער פון דער שפּיל וואָס מיר האָבן ערשט געזען. יהושע אַלקאָן האָט נישט פאַרענדיקט זיין דראַמע „דער לעצטער אַקט“. אַזוי, אַזוי, דאָס איז דער סוף פונעם דראַמאַטורגס אייגענעם לעצטן אַקט.

לאָמיר געדענקען, אַז אין אָט דער שפּיל, ווי אין אַנדערע זיינע דראַ־מעס, לעבט ער צוזאַמען מיט אונדז אין אַלע האַנדלונגען און אין די דראַמאַטישע פּראָבלעמען פון די העלדן, וועלכע זענען אַלעמענס, פּונקט ווי זיי זענען געווען זיינע, מיט וועלכע ער האָט זיך קינסטלעריש געראַנגלט און געבליבן אין זייער געראַנגל...

פון הינטער די קוליסן הערט זיך:

סוף. סוף. סוף.

ביבליאָגראַפֿישע שטריכן וועגן מחבר

יהושע אַלקאַן האָט זיין דראַמאַטורגישע טעטיקייט אָנגעהויבן אונטער זיין ריכטיקן נאָמען עלקין און אויך אונטערן פּען־נאָמען „אַ גראַדנער" (זיין שטאָם־אָרט).

זיין ערשטער איינאַקטער „דאָרט וועט זיין אַ וואַלד" (וועלכן ער האָט שפּעטער גערופֿן „הינטער גרויע וועגט") איז געווען געדרוקט אין דער זאַמלשריפֿט „איסט בראַדוויי", ניו־יאָרק, 1916.

אין דער „קאַליפֿאָרניער אידישע שטימע" זענען געווען געדרוקט (אין 1926) די איינאַקטערס „די באָבע און דאָס אייניקל" און „פּאַרנאַכט", און (אין 1927) די 4־אַקטיקע דראַמע „צווישן שטאָט און דאָרף".

אין „פֿאָרווערטס" זענען געווען געדרוקט אַ גאַנצע ריי איינאַקטערס.

אין 1955 איז געדרוקט געוואָרן אין „יידישע קולטור" זיין איינאַקטער „מאַן און פֿרוי", און אין „קאַליפֿאָרניער יום טוב בלעטער" די סצענע „דער לעצטער טאַנץ".

אין 1932 האָט מנשה סקולניק אויפֿגעפֿירט אין ניו־יאָרקער „האָפּקינסאָן־טעאַטער, אַלקאַנס קאָמעדיע „רומס צו פֿאַרדינגען".

אין 1936 איז, מיט וויערא גאָרדאָן, אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין קאַליפֿאָרניע זיין פּיעסע „חלומות".

אין 1939 איז אין לאָס אַנדזשעלעס אויפֿגעפֿירט געוואָרן זיין קאָמעדיע „דאָקטאָר, ראַטעוועט", וואָס איז אין 1950 אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך „פּערהיפּט" אין מילוואָקי.

אין 1948 איז אין מילוואָקי דורך „פּערהיפּט" אויפֿגעפֿירט געוואָרן זיין פּיעסע „גאָלד".

אין 1948 איז אין לאָס אַנדזשעלעס אויך אויפֿגעפֿירט געוואָרן זיין איינאַקטער „ווער שרייבט".

אין 1952 איז אין לאָס אַנדזשעלעס אויפֿגעפֿירט געוואָרן, אין ענגליש, זיין פּיעסע „פֿראָם העל טו ברעקפֿעסט", און אין 1953 איז אין לאָס אַנדזשעלעס אויפֿגעפֿירט געוואָרן, אין ענגליש, זיין פּיעסע „אָפּערעישאָן־פּעסוואָירט".

אַלקאַן האָט געלאָזט אין כתב־יד די פּיעסן „ווען קורץ איז דאָס לעבן", „מר. גאָלד", „דער נדר" און „האַלוצינאַציעס".

(אויספֿירלעך וועגן זיין דראַמאַטורגיע זע זלמן זילבערצווייגס פּערטן באַנד „לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער").

אין פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ זענען ביז היינט דערשינען פֿאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענד)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַדט)	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (2 בענד)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דראָזדאָוו	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
ד. זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין״
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פּאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (2 בענד)
א. שטיינבאַרג	משלים
יחיאל האָפער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
ב. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)

ב. ווײַנשטײן	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נײַער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווײַסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פּ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטײן	אינאײנעם און באַזונדער
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דײַטשער יידן־אויסראָטונג
א. שמרי	די פונקען פון תיקון
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי באָרשטשיוו	ספר באָרשטשיוו
א. מנור	40 יאָר הטתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
ל. אָליצקי	מײַן האַרץ־רײַזע
ג. דראָזדאָוו	די יידן אין איטאַליע
ספר זרבבל	צו זײַן 75־סטן געבוירנטאָג
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אײראָפּע אָן קינדער
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענד)
י. גאַר	ווידערקלאַנגען
ב. עפּשטײן	זאַנגען אויפן ווינט
ש. פּאָלאַקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
יעקב כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען
יוסף ראָטנבערג	(צו זײַן ערשטער יאָרצײַט)
מרים רײַנעס־מלצר	צום קוואַל
ד״ר חיים שאָשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר־הירדן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
ע. פּערשלײַסער	געקליבענע דערציילונגען
א. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
י. שטיינבערג	אַפאָריזמען און גלײַכווערטער

אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש, העברעיש, ענגליש)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט (אַלבאָם)
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
איציק מאַנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
ז. מ. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
ש. זאַראָמב	אויסדערוויילטע שריפטן
נוסיאַ־איניאַ שיפמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר״...
מ. י. שעלובסקי	אין יאָרן אַרום
ל. חיין־שמעוני	גאַנג
ק. מאָלאָדאָווסקי	לידער פון חורבן — ת״ש־תש״ה, אַנטאָלאָגיע

בעברית

יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
אפרים שריער	אמנות ותי־אטרון
י. לעשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית המועצות
י. זרבבל	עלי חיים
נ. חנין	ברלה
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
אפרים אויערבאַך	קרית לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לוינסקי	בצל הגזעים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (ידיש־עברית)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור
א. ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל